STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00004

ALE SHRIFTEN

Jacob Gordin

Permanent preservation of this book was made possible by
Shirley & Sheldon Aaronson

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



יעקב גארדין

אלע שריפטען

— פון —

יעקב גאָרדין

ערשטער באַנד

היברו פאַבלישינג קאָמפּאַני
50-52 עלדרידזש סט., ניו־יאָרק.
1910.

Copyright 1910, by The Hebrew Publishing Company.

ALL WRITINGS
of
JACOB GORDIN

Copyright 1910
by the Hebrew Publishing Company.

יעקב גארדין דער פאלקס־לעהרער

(אן איינלייטונג צו זיינע שריפטען).

דאכט זיך נאך נעכטען איז דאס געווען:

אין דעם גאנצען ניו יארקער אידישען קוווארטאל האט עס זיך גע־פיהלט, אז ערגיץ־וואו ארום אונז געפינט זיך —

עין רואה — אן אויג וואס זעהט אלץ,

אזן שומעת — אן אויער וואס הערט אלץ און איינער דעם אנדערן האט אהן ווערטער געזאגט —

וכל מעשיך — און אלץ וואס דו טוסט

בספר נכתבים — ווערן פערשריעבען אין א בוך, אלץ וואס מיר אלע טוען און רעדען און פיהלען און דענקען: צו גוטען, אדער צו בייזען, שכל'דיג אדער דום, זיך מאכענדיג בעריהמט אדער לעכערליך.

יעדע היפאקריטסטווא, יעדע ניעדערטרעכטיגקייט, יעדע גרויסע דומ־הייט בעגאנגען סאי פון א כלל סאי פון א יחיד, יעדעס אונרעכט, פון וואנען עס זאל ניט שטאמען, האט מיט זיכערהייט געקענט ערווארטען צו ווע־רען בעמערקט פון יענעם שארפען אויג, יענעם קריטישען אויער און צו ווע־רען רעגיסטרירט אין דעם דאזיגען ספר, — פריהער אדער שפעטער.

און עס שיינט, אז פלוצלונג איז ארויסגעפאלען פון דעם „רעגיסטרא־טארס" האנד די פעדער, און עס איז אין דעם אויג פערלאשען געווארען דאס ליכט, און טויב איז געווארען דער עדעלער הער־אינסטרו־מענט, אין וועלכען יעדע מענשליכע רעגונג האט געפונען אן אבקלאנג. איך זאג „עס שיינט", מחמת ניט אכטענדיג אויף די פופצעהן חדשים, וואס טהיילען אב דעם בעגראבענעם פון דעם ניט־גע־

II.

שטאַרבענעם י ע ק ב ג אָ ר ד י ן איז דאָס געשלאָסענע אויג, דער פערשטאָפּטער אויער און די אָבגענומענע האַנד נאָך אַלץ ניט קיין אַלגעמיין אַנערקאַנטע ווירקליכקייט: עס דוכט זיך נאָך עד היום, אַז מען לעבט אין אַ מין קאָשמאַר, אַז דער בייזער חלום מוז איבערגעהן און באַלד וועט מען ערוואַכען צו געפינען נעבען זיך, אין איהר גאַנצער גרויס, די געליעבטע אַלטע פיגור, מיט דעם אַלטען בעקאַנטען סאַרקאַסטישען שמייכעל אויף די ליפּען, און מען וועט דערהערען דעם געמאַכטען מעפיסטאָ־לאַך, דורך וועלכען עס ברעכען זיך דורך די ווערטער:

„שעהן אָבגענאַררט אייך, איהר יאָלדעס! אַט בין איך דאָך!"

פון דעסטוועגען איז טאַקע דאָס וואָס שיינט צו זיין, און מעהר איז טאַקע ניטאָ ניט די „עין רואה", ניט דער „אזן שומעת", ניט די „יד כותבת" פון אַמאָל.

געבליעבען איז דער ספר, דער אָפענער בוך, מיט אַלץ וואָס די איצטער טויטע האַנד האָט אין איהם אריינגעשריעבען.

דיעזער ספר ערשיינט ביסלעכווייז אַ געדרוקטער פאַר די אידישע וועלט און וועגען דעם טהייל פון איהם, וועלכען מיר דערלאַנגען היינט דעם לע־זער, וועלען דאָ געזאָגט ווערן אייניגע ווערטער.

צו קענען ריכטיג בעגרייפען און אָבשעצען דיעזען קליינעם טהייל פון יעקב גאָרדינ'ס ריעזען־ארבייט דאַרף מען, פריהער פאַר אַלץ, געדענקען, אַז דער מאַן און זיין ווערק קענען אויפגעפאַסט ווערן אַלס אַ לעהרער און זיין לעהרע. סאַי אין די ווערטער, וועלכע זיינען געגאַנגען דירעקט פון זיי־נע ליפּען צו זיינע צוהער־ער, סאַי אין די ווערטער, וועלכע ער האָט געלאָזט הערן דורך די ליפּען פון שוישפּיעלער אויף דער ביהנע, סאַי אין די ווער־טער, וועלכע ער האָט צום פובליקום געשיקט אין דער געשטאַלט פון סקיצ־צען און פובליציסטישע אַרטיקלען,—בקיצור, סאַי אַלס לעקטשורער, סאַי אַלס דראַמאַטורג, סאַי אַלס נאָוועליסט און פובליציסט איז זיין עובדאָ אימער געווען צו בעלעהרען, צו שטראָפען, צו בילדען, אויפצוקלערען דעם עולם.

טענדענציעז? געוויס. אין קונסט לשם קונסט האָט ער וועניג־וואָס גע־גלויבט, יעדענפאַלס ניט אויף דעם געביעט פון ליטעראַטור.

III.

געוויס, אויב עס איז דאָ האַרמאָניע און אַ ריטהם אין אַ רייהע פון ־ונגערשלעג; אויב עס איז דאָ אַ בילד אין דעם סך־הכל פון אַ רייהע פון בליץ־שטראַהלען אין אַ שטורמדיגע נאַכט; אויב עס איז דאָ מעלאָדיע אין דעם רויש פון די ים־וועלען בעת זיי גרייפען אָן מיט וואוטה דעם ברעג, פערצעהרען זייער כעס און ציעהען זיך צוריק; אויב עס איז פאַראַן קונסט אין דער ראָזע און דער ליליע און אין מיליאָנען אַנדערע קווייטעלעך און בלעטעלעך אין דער גרויסער נאַטור,—אויב דאָס אַלץ איז אזוי, דאַן איז קיין צווייפעל ניטאָ, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי קונסט צוליעב קונסט. אין דעם גלויבט ער.

זיין קען דאָס אויך אַ בילד פון דער נאַטור, אַ לאַנדשאַפט, א בעשרייי־בונג פון אַ באַרג, אַ פייגעל'ס געזאַנג—הגם דאָס איז ניט גאַנץ זיכער אין אַלע פעלע—אַ ליעבעסגעדיכט—אויך ניט אימער—און אַנדערע אַזעלכע זאַכען.

אָבער משה רבנו'ס „האַזינו", אַ לייכטענדער פאָעטישער בריליאַנט אין אונזער רייכער ירושה פון די אַלטע צייטען, איז געווען טענדענציעז; ישעיה הנביא'ס „כרם היה לדודי" איז דאָס געווען; דוד'ס „למה רגשו גוים" איז דאָס אויך געווען; די שעהנע לעגענדען פון די ערשטע יאָהר־הונדערטע אין גלות זיינען געווען טענדענציעז; די אַלטע דראַמאַ „איוב" און די מעשה מיט רות און נעמי און די גאַנצע פאָעזיע פון אַלע פּראָפע־טען איז דאָס געווען ניט ווייניגער ווי שעללי'ס „קווין מעב" און שילער'ס „גלאָקע" און געטהע'ס „פויסט" און הונדערטער אַנדערע זאַכען וואָס מען קען אָנרופען.

און אפילו אויב עס איז אמת, אַז קונסט איז נור די קונסט, וועלכע טראָגט אין זיך ניט קיין שום מוסר־השכל, וועלכע רעט וואָס מעהר צו די חושים, ספּעציעל צום אויער און צום אויג און וואָס ווייניגער צום מאָראַלי־שען געפיהל אין מענשליכע הערצער; אויב עס איז אפילו אמת, אַז די קונסט דאַרף ווייזען און ניט לערנען, דאַרף האַלטען אַ שפּיגעל אין האַנד און ניט אַ טייטעל, דאַרף קיצלען און ניט שמייסען, דאַרף מאָלען און ניט שרייבען, דאַרף אַנערקענען העכסטענס אָן „אַז ישיר", אָבער אויף קיין פאַל ניט קיין „תוכחה", דאַן זאָגט אייך יעקב גאָרדין:

צעהלט מיך ניט מיט צווישען אייערע גדולים, צווישען די כהנים פון אייערע געטליכע מוזען, צווישען אייערע בילדהויער, וואָס פערשטעהען

זיך בלויז אויף שעהנהייט. איך האָב אַ פאָלק צו בילדען, מוחות צו וועקען, הערצער צו ריהרען, זיטען צו מילדערן, אַ תורה צו געבען און א בשורה צו פערקינדיגען. איך קען ניט דיענען דער קונסט אליין.

און ער איז געבליעבען קאָנסעקווענט.

יעקב גאָרדין אין די גאַנצע דרייסיג יאָהר, פון דעם טאָג ווען ער האָט געגרינדעט די „דובאָוונאָ־ביבליסקאָיע בראַטסטוואָ", ביז ער האָט געשריעבען (אין 1892) זיין „סיביריא" פאַר'ן טהעאַטער; דורך „מירעלע אפרת" און „גאָט מענש און טייוועל" ביז די לעצטע אַרבייט זיינע „דעמאָנ־טיא אַמעריקאַנאַ"; דורך אַלע זיינע סקיצצען און אַרטיקלען, איז אימער דערזעלביגער: דער לעהרער, דער מוכיח, דער פאָלקס אויפקלערער, דער טריבון.

און ווי ער האָט אין קליינע קרייזען אין יעליסאַוועטגראַד אין 1875 און שפּעטער געשטראָפּט זיינע ברידער, זיי געלערנט און געבילדעט, אַזוי האָט ער אין זיין דערמאַנטען לעצטען דראַמאַטישען ווערק דאָס געטאָן, הגם אויף אַנאַנדער אופן, אויף אַן אופן, וועלכען יעדער מענש מיט אַ מוח, וואָס איז געבליעבען אַ האָרעלע פערשאַנעוועט פון דער מגפה דעקאַדענץ, וועט אַנערקענען פאַר קונסט־עהנליך, אפשר פאַר קונסט אליין, א קשיא אויף א מעשה.

און ווי ער האָט פאַר דעם פריהערדיגען דור דאָרטען אין רוסלאַנד קלאָר און דייטליך ארויסגעזאָגט אַלץ וואָס ער דענקט וועגען דעם אידישען פאָלק מיט זיינע גוטע און העסליכע מדות, ספּעציעל די העסליכע, אַזוי האָט ער דאָס זעלבע געטאָן קומענדיג אַהער קיין אַמעריקאַ.

מעהר ניט, מיט אַנדערע מעטהאָדען, אויף אַנאַנדער אופן. די אומ־שטענדען, דער אָרט און די צייטען זיינען איצט געווען אַנדערע.

דאָ אין אַמעריקאַ האָט גאָרדין פאַר זיך געפונען אַנשטאָט זיינע אַמאָ־ליגע בלויז זיד־רוסישע אידען, דאָס רוב פון יעליסאַוועטגראַד, אדעסא און עטליכע אַנדערע שטעדט,—אַנשטאָט דיעזע, זאָג איך, דעם גאַנצען כלל ישראל, אָדער ריכטיגער, מוסטערס (סאַמפּעלס) פון דעם גאַנצע יודענטהום. אשכנזים און ספרדים, ליטוואַקעס און זיד־רוסישע, רוסיש־פּוילישע אידען און גאַליציאַנער, אַמעריקאַנער געבאָרענע און נאָך גאַנץ גרינע, בטלנים

און אַרבייטער, פּרומאַקעס און סאָציאַליסטען—אַלע אין איין הויפען אויף עטליכע קוואַדראַטנע מיילען, די מייסטע פון זיי טאַקע אויף איין איינ־ציגע מייל.

און דאָ האָט זיך פאַר איהם מיט אַמאָל בעוויזען די מעגליכקייט צו רעדען צום גאַנצען כלל ישראל און צו רעדען אויף דריי פערשיעדענע אופנים:

ערשטענס, שטעהענדיג פנים אל פנים צו זיי און זיי לערנענדיג „תורה" און דרך־ארץ;

צווייטענס, רעדענדיג דירעקט צו זיי, אָבער שוין ניט מעהר געזיכט צו געזיכט און בענוצענדיג דיעזע פאָרמע פון זיין טהעטיגקייט כדי זיי צו מונטערן, צו וועקען, צו בילדען, צו קריטיזירען, צו שטראָפען, און

דריטענס, שטעהענדיג גאָר אָן אַ זייט אַלס דראַמאַטורג, וואָס זיין נאָמען קען זיין אויף די פּלאַקאַטען, אָבער ניט אין זיין ווערק. אין דיע־זער טהעטיגקייט אָבער זיך שוין צו בעשעפטיגען מיט גרויסע פּראָבלעמען, וואָס זיינען נוגע צום אידען ענטוועדער אַלס איד, אָדער אַלס מענש, אָדער אַלס אַרבייטער.

פאַר דעם ערשטען סאָרט אַרבייט האָט ער געהאַט הויפּטזעכליך די עדיו־קיישיאָנאַל ליג, פאַר דעם צווייטען די פּרעסע, פאַר דעם דריטען דעם טהעאַטער.

פון די דריי אינטערעסירט אונז אין דיעזעם אויגענבליק דער צוויי־טער.

אויף איהם וועלען מיר זיך אָבשטעלען.

די פיער בענדער, וועלכע דער לעזער האָט היינט פאַר זיך, ענטהאַלטען אַלץ וואָס מיר האָבען געקענט צונויפזוכען אין אַ פערהעלטניסמעסיג קורצע צייט. אַזוי ווי דער מאַטעריאַל איז אין די הענד פון דעם רעדאַקטאָר אריינ־געקומען בּיסלעכווייז און ער האָט ניט געהאַט די מעגליכקייט זיך אָוועק־צוזעצען אויף עטליכע חדשים און איבער זיי כסדר אַרבייטען, איז די סאָר־טירונג ניט אומעטום אויסגעהאַלטען. דעם לעזער וועט דאָס ווייניג שטע־רען, אָבער פאַר די וואָס וועלען דורך דיעזע ביכער שטודירען יעקב גאָר־דינ'ס ווערק אויף דעם געביעט פון ערצעהלענדע און פּובליציסטישע ליטע־

ראַטור וואָלט געווים געווען בעסער ווען עס וואָלט געלונגען די שריפטען שטרענגער צו קלאַסיפיצירען.

בנוגע צו דער שפּראַך און דעם סטיל האָט מען זיך זעלטען, זעלטען וואו ערלויבט אַ בעדייטענדע ענדערונג. אין די מייסטע פעללע זיינען די אָבווייכונגען פונ׳ם אָריגינאַל געשעהען ענטוועדער דאָרטען וואו עס זיי־נען געווען אונצווייפעלהאַפטע דרוקפעהלערן, אָדער וואו א זאַץ, אריינגע־שטעלט אין אַן אַרטיקעל אָדער אַ סקיצצע אַלס רמז אויף אַ טאָגעספראַגע, אָדער אַ לאָקאַלען סכסוך, האָט ניט מעהר געהאַט קיין זין און קיין פּלאַץ אין אַ זאַמלונג וואָס ערשיינט אין בוכ־פאָרם. בדרך כלל האָט זיך דער רע־דאַקטאָר נור גענומען אַזעלכע פריוהייטען, וועלכע גאָרדין וואָלט איהם אליין געגעבען ווען די זאַכען וואָלטען ערשיענען אין דער „צוקונפט״ אָדער אין דעם באָסטאָנער „אמת״ מיט אַ יאָהר, אָדער מיט יאָהרען צוריק.

און אַז מיר האַלטען שוין יא ביין פּרק שפּראַך און סטיל, איז נויטיג צו מאַכען אייניגע בעמערקונגען.

ווען גאָרדין איז מיט אַ יאָהר צוואַנציג צוריק אַנגעקומען אַהער פון רוסלאַנד, האָט ער געפונען אַזאַ מין לאַגע:

אַ גרויסער טהייל פון דער אידישער אינטעליגענץ, קומענדיג פון זיד־רוסלאַנד און פון פּוילען, האָט גערעט און געשריעבען דעם מעהר אָדער וועניגער פּוילישען דיאַלעקט.

די פּרעסע דאַגעגען, איז כמעט אין גאַנצען געווען בעהערשט פון ליטוואַקעס און דער דיאַלעקט איז געווען דער ליטווישער ווי ער האָט זיך געהאַט אויסגעאַרבייט אין לאָנדאָן.

אויף דער ביהנע האָט מען גערעדט „טייטש״—ניט אין קיין אידישע הויז גערעדט—אָבער די „טייטשען״ זיינען געווען רומעניש, זיד־רוסי־שע און גאַליציאַנער און זייער לשון איז געווען אַ מישמאַש צווישען דעם דיאַלעקט פון גאָרדין, פון זיין היים, און פון גאָלדפאַדען און לאַטיינער פון זייער היים.

געגען דיעזע „טייטש״ האָט גאָרדין פון ערשטען טאָג אָן גענומען פיה־רען אַ קאַמפּף, אָבער דעם זיד־רוסישען אַקצענט פונ׳ם טהעאַטער אין זיין קאָנפליקט מיט דעם ליטווישען אידיש פון דער פּרעסע, האָט ער ניט געקענט בייקומען פאַר אַ לאַנגע צייט, אין מאַנכע פּרטים ביז׳ן טויט.

דאָס אליין וואָלט שוין גענוג זיין צו ערקלערען דעם פאַקט, וואָס זיין

שפּראַך איז ערטערווייז ניט גלאַט. אָבער דערביי איז געווען אַנאַנדער אומשטאַנד.

מיט צוואַנציג יאָהר צוריק האָט ניט נור גאָרדין, וועלכער איז געווען, אָדער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַן אַסימיליאַטאָר—אַרום דעם וועלען מיר נאָך רעדען—נור אפילו שעהנע עטליכע פון היינטיגע נאַציאָנאַליסטען, ניט געהאַט קיין גרויסע אמונה אין די צוקונפט פון אונזער אָרעמען מאַמע־לשון. מענשען, וואָס האָבען געלעגט געוויכט אויף רעגעלמעסיגקייט און שעהנהייט אין „זשאַרגאָן", האָט מען געהאַלטען פאַר פּעדאַנטען כמעט משוגעים. נויטיג, אַ שטייגער, איז געווען צו שרייבען אידיש פאַר'ן המון, ווייל ער, דער המון נעביך, פערשטעהט ניט קיין רוסיש און ניט קיין ענגליש,—ניט, הייסט דאָס, די שפּראַך פון דער אַלטער היים און ניט דעם לשון פון דער נייער. כל־זמן ווי דער המון, האָט מען געקלערט, פערשטעהט וואָס מען רעט צו איהם איז גלייכגילטיג צי די שפּראַך איז גראַמאַטיקאַליש, געטאָקט אָדער ניט. מאַי בהאַי?

און דערצו איז נאָך גאָרדינ'ס נאָוועליסטישע טהעטיגקייט געווען פערבונדען אין די ערשטע יאָהרען מיט אַזעלכע פּעריאָדישע אויסגאַבען, וואָס ביי זיי האָבען געקענט זיין פינף דיאַלעקטען אין יעדען נומער.

דאָס אַלעס ווערט געזאָגט ניט בתורת ענטשולדיגונג לגבי די קריטיקער, נור אלס אויפקלערונג פאַר דעם צוקינפטיגען פאָרשער אין דער אידישער ליטעראַטור.

עס איז ביי מיר קיין שום ספק ניטאָ, אַז ווען גאָרדין וואָלט אויסגעלעבט זיינע יאָהרען און וואָלט פאַר זיין נאַטירליכען—אָנשטאָט דעם פאַרדער־צייטיגען—טויט אליין ארויסגעגעבען זיינע שריפטען, וואָלט ער פיעלייכט פערבראַקירט אייניגע זאַכען, וועלכע מיר האָבען אריינגענומען אין דיעזע אויסגאַבע און וואָלט, דאַגעגען, איבערגעדרוקט אַזעלכע אָרטיקלען און סקיצצען, וועלכע מיר האָבען פאָרלויפיג אויסגעלאָזען.

וועגען די און וועגען יענע קומט דעם לעזער אַן ערקלערונג.

צוערשט בנוגע צו די אויסגעלאָזענע.

דאָס זיינען געווען מייסטענס זאַכען, וואָס האָבען געהאַט א שייכות מיט יענער צייט, ווען גאָרדין, הגם שטעהענדיג פון דער זייט האָט זיך

VIII.

אָבגערופען אויף די ניו יאָרקער אידישע פּאַרטײ־קעמפּפע און דער אַרבײטער בעוועגונג. דיעזע אַרטיקלען זײנען געווען אי אינטערעסאַנט אי כאַראַקטעריסטיש פאַר איהם, אָבער זײ איבערדרוקען ווי זײ שטעהען און געהען הײנטיגען טאָג, ווען די אַמאָליגע מלחמות מיט די זיעג־געקרוינטע, אַזוי גוט ווי די געשלאָגענע גענעראַלען; מיט דער לאַנג שוין צושטרײטער און צוזײהטער אַרמעע; מיט די גאַלאַינדלעך און די עפּאָלעטען, וועלכע ליעגען שוין לאַנג ענטוועדער אין פּאָון־שאָפּ, אָדער בײ אַן אַלטוואַרג־הענדלער; מיט די לאַנג שוין פערשאָלענע און פערהילכטע שלאַכטרופען און לאָזונגען, — דיעזע אַרטיקלען, אַלזאָ, איצט פּשוט איבערגעדרוקט וואָלט קײן שום זין ניט געהאַט. מאַכען אָבער פּירושים אויף זײ וואָלט געהאַט צו בעטײטען: שרײבען אַ געשיכטע פון יענער פּעריאָדע, און דערצו איז נאָך די צײט ניט געקומען, חוץ וואָס דער פּירוש וואָלט געדאַרפט פערנעהמען פיעל מאָל אַזוי פיעל אָרט ווי דער טעקסט אַלײן.

דאָסזעלבע איז דער פאַל בנוגע צו די אַרטיקלען וואָס ער האָט געשריעבען אַלס ענטפער צו זײנע קריטיקער. אין ערגעץ אין זײנע שריפטען איז ער ניט אַזוי אויסגעשפּראָכען, אַזוי עמפּאטיש, אַזוי קלאָר ער אַלײן — יעקב גאָרדין מיט אַלע זײנע מעלות און חסרונות, מיט זײן גאַנצען שאַרפזין, מיט זײן גאַנצער, גרויסער נשמה, אָבער אויך מיט זײן רויצבאַרקײט און זײן אָפט ניט קאָנטראָלירטען צאָרן — אין ערגיץ, זאָג איך, קומט דאָס אַלץ ניט ארויס אַזוי דײטליך ווי גראָד אין יענע אַרטיקלען. אָבער כדי זײ זאָלען זײן פערשטענדליך פאַרן אַלגעמײנעם לעזער, וואָלטען זײ אויך מוזען ווערן בעגלײטעט פון לאַנגע פּירושים, וואָס אויך דערפאַר איז דערווײל נאָך די צײט ניט געקומען.

דאָס איז בנוגע צו די אויסגעלאָזענע. וואָס איז שייך צו די אַרטיקלען, וועלכע ער אַלײן וואָלט אפשר פערבראַקירט און מיר האָבען זײ ארײנגענומען, האָבען מיר פאָלגענדעס צו זאָגען:

דיעזע אַרטיקלען און סקיצצען — און מיר האָבען הויפּטזעכליך אין אויג די סקיצען — אפילו ווען זײ זאָלען קײן הויכען ליטעראַרישען ווערטה ניט האָבען, זײנען זײ פון דעסטוועגען זעהר וויכטיג אין אַ זאַמלונג ווי דיעזע. זײ צײגען גאָרדין׳ס טאַלענט, זײן האַרץ און זײן בליק אונטער זעהר שווערע אומשטענדען. זײ צײגען זײנע שריפטען כמעט אַלס „טשערנאָוויעס", אַלס האַסטיג אויפגעוואָרפענע בילדער, וועלכע ער האָט קײן צײט ניט געהאַט צו „פינישען", צו מאַקען, אויסצואַרבײטען נאָך אַ בעשטימ־

IX.

מען אַלגעמיינעם פּלאַן, ווי דאָס איז דער פאַל ביי אַזעלכע זאַכען ווי למשל, די „זעקס טעג" און אַנדערע שריפטען.

און דער ווערטה זייערער בעשטעהט אין דעם, וואָס, מיט אַלע זייערע חסרונות, זיינען זיי אויב ניט סקיצצען, יעדענפאַלס מאַטעריאַל פאַר סקיצצען און, וואָס איז נאָך וויכטיגער, האַסטיג אויפגעצייכענטע איינדריקע, האַסטיג אויפגענומענע כמעט פאָטאָגראַפישע בילדער פונ'ם לעבען, וועלכע טאָרען ניט פערלאָרען געהן און וועלכע מען האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו אונטערדריקען נור דערפאַר ווייל ער אליין האָט ניט קיין צייט געהאַט זיי צו רעטושירען.

איניגע, וויעדער, ווי, צום ביישפּיעל, אַ קורצע אַבשאַצונג פון צוויי אינגערע דראַמענדיכטער אין דיעזער זאַמלונג, וועלכע ער אליין וואָלט אפשר אין דער איצטיגער געשטאַלט ניט געלאָזען איבערדרוקען, האָט זיך אונז אויסגעוויזען צו פערדיענען אַן אָרט ביי אונז, הויפּטזעכליך דערפאַר, וואָס זיי בעווייזען ווי קלאָר און ווי טיעף אונזער אונפערגרעסליכער פריינד האָט ארויגעבליקט אין די מענשען און זאַכען פון זיין צייט.

און דאָ איז פיעללייכט דער פּלאַץ צו זאָגען, אַז אין דער פראַגע וואָס מען וואָלט דאַרפען ארויסשטעלען און וואָס ניט — און דאָס איז געווען אין דעם פּרט פון אַלץ וואָס איז געווען איבערגעבליעבען פאַר'ן לעצטען באַנד — האָט דער רעדאַקטאָר געהאַט די פריינדליכע און ווערטהפולע אונטערשטיצונג פון הערען יואל ענטין.

עס וואָלט זיך וועלען געבען אַן אַלגעמיינעם אורטהייל איבער דעם אינהאַלט פון דיעזע פיער בענדער. צום אונגליק אָדער צום גליק איז דאָס ניט מעגליך צוליעב דריי גרינדע:

ערשטענס, מחמת דער שטאָף איז אַזוי רייך און פערשיעדענאַרטיג, אַז אפילו אַן אויבערפלעכליכע בעאורטהיילונג פון יעדער אָבטהיילונג וואָלט אונז ארויסגעבראַכט ווייט, ווייט פון דער ראַהמען פון אַ קורצע איינלייטונג.

צווייטענס, ווייל אין דעם פאַל פון די סקיצצען וואָלט דאָס נויטיג געמאַכט אַ מין דורכרעדען־זיך מיט די „דערצעהלער" פון היינטיגע צייטען, און דאָס וואָלט וויעדער געפיהרט צו ווייט. ענדליך,

X.

דריטענס, דערפאר, ווייל דער וואָס שרייבט דיעזע צייל︎ען ליעבט צופיעל זיין געגענשטאַנד און געטרויט זיך פשוט ניט קיין ניכטערן, רוהיגען, אונפּארטייאישען אורטהייל. דערביי וואָלט, פון דעסטוועגען זיין די געפאהר ניט אַז די ליעבע צו גאָרדינען זאָל דעם שרייבער דיקטירען איבערטריבענע בעוואונדערונג, זאָנדערן פערקעהרט, אַז ער, פיהלענדיג און האָבענדיג פאַר די אויגען דיעזע ליעבע צום אַלטען פריינד, זאָל ניט, כדי צו זיין אונפּאַרטייאיש, צו שטאַרק אַריבערבויגען אויף די אַנדערע זייט.

אָבער ניט פערנעהמענדיג זיך צו ווייט און צו ברייט, וועלען מיר זיך ערלויבען אייניגע קורצע בעמערקונגען.

יעקב גאָרדין האָט געהאַט ניט נור אַן אונגעוואוינליך שאַרפעס אויג נור אויך אַ גרויסע האַרץ. ער האָט ניט נור געזעהן מעהר און קלאָרער און טיעפער פאַר פיעלע אַנדערע, וועלכע האָבען ביי אונז מיט איהם זיך געמאָסטען אַלס שרייבער נור ער האָט געפיהלט שאַרפער און שטאַרקער ווי זיי. זיין האַרץ האָט זיך תוך כדי דיבור אָבגערופען אויף אַלץ, וואָס זיין אויג האָט דערזעהן און זיין פעדער האָט גלייך געגעבען אויסדרוק צו אַלץ וואָס ער האָט איבערגעלעבט.

און אלץ האָט ער אין זיך, ווען אויך נור אויף אַ קורצע רגע, ווירקליך איבערגעלעבט. ער האָט ניט געקענט גלייכגילטיג אויפנעהמען מיט'ן אויג אַן ערשיינונג, אַ פּאַסירונג, אַ פערברעכען, אַ לעכערליכקייט בדי עס שפּעטער אויפ'ן פּאַפּיער ווידער צו געבען, אַ שטייגער ווי דאָס טוט אַ גובקע מיט וואַסער, אָדער אַ פאָטאָגראַפישער אַפּפּאַראַט.

ער האָט אַזוי ווי דורכגעליטען און איבערגעלעבט יעדעס אונגליק, וועלכעס ער האָט בעשריעבען. ער האָט דורכגעלעבט און אליין הערצליך אויסגעלאַכט יעדע לעכערליכקייט, וואָס האָט געפונען אַן אויסדרוק דורך זיין פעדער.

דאָס איז וואָס מען דאַרף פערשטעהן כדי ריכטיג אָבצושאַצען זיין לעבענסווערק סאַי אין דאָס וואָס ער האָט געשאַפען פאר'ן טהעאַטער סאַי אין דאָס וואָס ער האָט געשריעבען פאר'ן לעזע-צימער. און האַלט מען דאָס אין אויג, דאַן וועט מען חוץ אַלעמען בעגרייפען אַנאַנדער זאַך, אויף וואָס עס איז געוואָרען אָנגעדייטעט פריהער אין דיעזע בלעטער. היינו: זיין אַסימיליאַטאָרסטוואָ אַלס איד.

XI.

קיינער האט מעחר ווי ער ניט דורכגעלעבט אין זיין אייגענער פערזאן דעם אידענ'ס שמאך און אונגליק, דעם אידענ'ס גרויסקייט און ניעדריגקייט, דעם אידענ'ס גדולה און צרות.

מיט זיין גאנצע כלומרשט אסימיליאטארשע שטעלונג צום יודענטהום, איז ער אומעטום אין זיינע שריפטען, אפילו אין די אמאליגע רוסישע, פריהער פאר אלץ א איד, איינער וואס לעבט און ליעבט און ליידעט, וואס פיהלט און וויינט און לאכט מיט זיין פאלק.

ער האט ניט בעדארפט אזא דונערשלאג ווי דער קישינעווער פאגראם, ווי די אדעסער שחיטה אדער די להשמיד־להרוג־ולאבד טעג פון ביאליסטאק און סיעדליץ כדי אז די אידישקייט אין איהם זאל אויפגעוועקט ווערן אין איהם, ווי דאס איז געוועזן דער פאל מיט פיעלע אנדערע ארום אונז.

פאר איהם איז ניט נויטיג געוועזן א ספעציעלער בליצשטראהל אלס בעגלייטער פון אזא דונערטראסקעריי כדי צו דערזעהן די פינסטערע נאכט מיט אל' די חשך'דיגע ברואים וואס נוצען זי אויס אום ארויסצוקריכען פון זייערע לעכער, פון זייערע העהלען, פון דער אונטעראירדישער טוכל'עקייט און בעהעלטעניסען. אין די פרייע לופט אריין,—אהין וואו זיי וואגען ניט ארויסצוקומען בשעת די זון שיינט און די גערעכטיגקייט וואכט און נור אן אונגעוואוינליכער געוויטער, אדער א ספעציעלער טומאן קען אויף א ווייל ברענגען חשך אויף דער וועלט.

און ער האט דערפאר אין די רוהיגסטע צייטען געפיהלט און געזעהן די קומעדיגע אכזריות און די נאהענטע מאסאקערס אויף זיין פאלק און דאס האט איהם שטענדיג געהאלטען אויף דער וואך און דאס האט שטענדיג געפיהרט זיין פעדער.

„עינים להם ולא יראו“, האט ער געזאגט זיי האבען אויגען און זעהען ניט—די אונגליקליכע אייניקלעך פון אברהם יצחק ויעקב, אט וועל איך זיין אויג פאר זיי.

זיי זעהען ניט זייער לעכערליכקייט און ער בעשרייבט זי פאר זיי. ער זעהט, נעמליך, אז זיי האבען דא אין זייער נייער היים אוועקגעווארפען פיעלע פון די היימישע גוטע מדות און האבען זיך אנגעשאפט נייע העסליכקייטען. ער *פיהלט* די פאלגען דערפון און ער פרובירט זיי ווייזען זייער אייגענעם פנים אין זיין שפיעגעל. ער לאכט ניט פון זיי: איהם שמערצט זייער לעכערליכקייט, אבער ער ווייזט זיי וואס זיי טוען.

XII.

זיי זעהען ניט זייערע ליידען און די קוועלען פון די ליידען און ער ווייזט זיי.

זיי האָבען ניט קיין זין און קיין פערשטענדניס פאַר די ערליכע נאַטור אַרום זיך און ער וועקט דיעזען זין און דיעזעס פערשטענדניס.

און אין זיינע „פאַמיליען-בילדער“, אין זיינע בעשרייבונגען פון די „עלענדע און אונגליקליכע“, אין זיינע סאַטירען, פאַנטאַזיעס און בילדער ווי אין די שילדערונגען פון „כלי-קדש און לאַדזשען-ברידער“ אין אַלץ וואָס זיין אויג דערזעהט אין דער נייער היים,—אין אַלץ איז דער „אַסימיליאַטאָר“ אַ איד, מיט אַ אידישע האַרץ, מיט אַ טיעפע ליעבע פאַר זיין אונגליקליכע ראַסע. אפילו ווען עס בייסט זיין סאַטירע און זיין סאַרקאַזם לאָזט רויטע פּאַסען אויפ'ן געשטראָפטען קערפער, זעהט מען אַז די סאַטירע און דער סאַרקאַזם שטאַמען פון אַ וועהטאָג אין האַרצען פאַר דעם געליעבטען געשטראָפטען געגענשטאַנד.

און אין זיינען קריטיקען פונ'ם טהעאַטער, למשל. אין די אַרטיקלען וועגען די קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ איז דאָ דערזעלביגער גרונדטאָן. ווען ער בעוואונדערט די קונסט פון די רוסישע שוישפּיעלער קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ און בראַוויטש איז דער גרונדגעדאַנק אימער: „אַך, ווי וויט מיר זיינען נאָך פון אמת'ע קונסט—מיר אָרעמע, אָרעמע אידעלעך!“

דאָס רעט ניט דער מה-יפית איד, וואָס איז זיך מבניע פאַרן גוי: דאָס רעט דער איד וואָס איהם שמערצט זיין פאָלק'ס דלות אין בילדונג אין קונסט אין דער פרוכט פון ציוויליזאַציע.

אין דיעזע פיער בענדער זיינען זיכער דאָ בלעטער, וועלכע האָבען געדאַרפט דורכגעזעהען ווערען פון איהם אליין; עס זיינען זיכער דאָ אונרייפע שריפטען, וועלכע וואָלטען גאַנץ אַנדערש אויסגעזעהן ווען זיי וואָלטען ארויסגעקומען פון זיין פעדער אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען; עס זיינען דאָ אַנדערע חסרונות צו בעפריעדיגען דעם געהעסיגען קריטיקער, דעם פּגימות-זוכענדען שונא, יעדען, וועמען גאָרדין איז גרוים אין די אויגען.

צוגעגעבען. אָבער עס איז ניטאָ אין די פיער בענדער קיין צעהנדליג בלעטער, אין וועלכע עס זאָל ניט זיין אַ געדאַנק אָריגינעל אויסגעדריקט, אָדער ניי פאַר אונזער לעזער, אפשר ניט נאָר איהם אליין.

עס איז ניטאָ קיין צעהנדליג בלעטער אָהן אַ געפיהל פון ליידענשאַפט, פון אמת'ע ליעבע פון פריינדשאַפט אָדער פיינדשאַפט וואָס איז ניט געצייכענט מיט אַ מייסטער-האַנד.

ועל כולם איז אין דיעזע בענדער דאָ כמעט דער גאַנצער אידישער לעבען אין אַמעריקאַ פון די נייכציגער יאָהרען פונ'ם פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט.

עס איז דארין דאָ מאַטעריאל פאַר דעם קינפטיגען קולטור-היסטאָריקער אָדער דעם עטהנאָלאָג, וועלכער וועט קומען ערפאָרשען די איינוואַנדערער פון גלות-רוסלאַנד.

עס איז אויך דארין דאָ מאַטעריאל פאַר דראַמען, אַזוינע ווי ער האָט געשריעבען, לאָז זיך נור בעוויזען אַ טאַלענט ווי זיינער.

מ. ווינטשעווסקי.

ניו יאָרק, 1 אָקטאָבער, 1910.

אינהאלט־פערצייכניס:

בילדער און פאנטאזיעס

א מאמעס הארץ 3
גאט, מענש און טייפעל 54
גליקליך 67
דער ערשטער אנשטויס 76
דריי שרעקליכע יאהר 82
דער פ׳יער־מענש 88
דאס איז דער מענש 103
פערקעהרטע טראגעדיען 110
קין דער ברודער מערדער 112
דער זומער איז אוועק 116
די שרעקליכע נאכט 118
די וואהרע ל׳יעבע 121
צווישען צוויי שפיגלען 123
ער איז דאס 126
די באשערטע 129
בילדונג 133
דער אידישער גייסט 137

אמעריקא

צוויי פישלאך 143
קאפע מיט נייעס 147
אן אונמוטהיגער אקארד 150
די פערבלאנדזעטע נשמה 153
פיער בריעף 158

די נייע קאָאָפּעריישאָן 161
איהר קענט איהם? 166
ניו יאָרקער חברה ערב־רב 168
העלדען 174
אלעס אין אָרדנונג 179
קאָנטראַסטען 182
צוויי עקסקורשאָנס 188
די בליהענדע יוגענד 191
ווי אזוי בין איך אויס מיליאָנער געוואָרען 195
ניט געראַטען 201
יא געראָטען 204
אדם אַ מענש 207

לאָדזשען און כלי קדש

אָרונטער מיט די פּיאַטעס 213
צוויי נפשות! 217
נייַן! ניט פּיק און ניט קיק! 223
דאָס גרויסע געווינס 227
בני תרח'ס לאָדזש 233
נו? 238
א תקיעה גדולה 242
אַ געשיבטע 247

בילדער און פֿאַנטאַזיעס.

אַ מאַמעס האַרץ.

אַ ראָמאַן פון דעם אידישען לעבען אין רוסלאַנד, אין די זיעבעציגער יאָהרען.

1.

איך געדענק אַזוי ווי היינט, עס איז געוועזען אַ פינסטערע נאַכט, פון נאָך מיטאָג אָן האָט געגאָסען אַ שלאַגס - רעגען. די צייט איז געוועזען נאָך סוכות: די ערגסטע צייט אין די קליינע אידישע שטעטלעך. די בלאָטע אויף די גאַסען איז געוועזען אַזוי גרויס, אַז אָהן סכנת נפשות האָט מען ניט געקענט אריבערגעהן פון איין זייט אויף דער אַנדערער. די ליכטיגע און ווארעמע זונן האָט זיך בעהאַלטען הינטער אַ פאָרהאַנג פון גראָבע און שווארצע וואָלקענס און האָט זיך ניט געוואָלט בעווייזען. קאַלטע ווינטען האָבען געבלאָזען פריי פון די גרויסע נאָוואָראָסיער סטעפּעס און האָבען מיט זייער פייפעריי און אומעטיגען יאָמער נאָך מעהר מרה־שחורה'דיג געמאַכט די אידעלעך פון שטעטעל, וואָס זיי איז אָהן אַלעמען געוועזען זעהר אומעטיג אויפ'ן האַרצען. קיין פּרנסה איז ניטאָ. די וועגען זיינען שלעכט. מע קען ניט געהן, ניט פאָהרען, דער רוסישער פויער זיצט אין דער היים און פאָהרט ניט אין שטאָט אריין. אוני מעגליך צו פערדיענען אַ קאָפּיקע! און דאָ געהט דער קאַלטער און פורכטבארער ווינטער; אין שטוב איז פינסטער און קאַלט, — ניטאָ קיין הייצונג, ניטאָ קיין געלט; די קינדער זיינען נאַקעט און באָרוועס, צו עסען איז ניטאָ און אויף ווינטער איז נאָך ניט צוגעגרייט קיין זויערע־קרויט, ניט קיין קאַרטאָפעל, ווי אַזוי וועט מען איבערלעבען דעם ווינטער ? !

אָט אין איינע פון אַזעלכע נעכט זיינען מיר אַלע געזעסען און

האָבען געוואָרט אויף אונזער טאַכטער סאָניע, וועלכע איז אוועק געגאַנגען פון דעם היים באַלד נאָך אָנבייסען און איז נאָך ניט געקור־מען. איך האָב גאָר ניט געוואוסט, וואָס איבערצוקלערען. מיין „אַל־טער" איז געווען בייז און האָט עטליכע מאָל געפרעגט מיך מיט כעס: וואו איז זי אַזוי שפּעט ביינאַכט? זאָג מיר וואו איז זי און וואו שלעפּט זי זיך אַרום? מיין מאַן איז געווען אָהן אַלעמען זעהר בייז — דער דלות האָט ביי אונז אין שטוב געשפּאַציערט אַזוי פריי, אַקוראַט ווי דער ווינד אין דעם ריינעם און גלאַטען פעלד. קיין אַר־בייט איז ניט געווען און צו קריגען אַ קאָפּיקע איז ניט געווען מעגליך... און דאָ געהט דער שבת קודש... מע דאַרף האָבען אויף מעהל, אויף ליכט, אויף בראָנפען, אויף פיש און אויף די אַנדערע שבת'דיגע זאַכען. און אַ חוץ דעם האָט דער אַלטער נאָך דעם אבענד געהאַט זעהר גרויסע יסורים און האַרץ־וועהטאָג: ביי אונזער איינגעל, ביי משה'לען, האָבען זיך צוריסען די שטיוועל. מע האָט איהם ערשט געקויפט אַ פּאָאַר נייע שטיוועל און ער האָט שוין געמאַכט פון זיי אַ תל. ווי אַזוי לאָזט מען דעם איינגעל אין חדר אין אַזאַ בלאָטע, אַז די שטיוועל רינען? צאָהלען פון דאָס לעצטע דעם מלמד שכר למוד און דער איינגעל זאָל זיצען אין דער היים און זאָל אומגעהן פועל בטל... און דאָ איז נאָך אונזער סאָניע אוועקגעגאַנגען, זי האָט ביי קיינעם ניט געפרעגט און האָט קיינעם ניט געזאָגט וואָהין זי געהט. און מיין „אַלטער", דאַרפט איהר וויסען, איז זעהר אַ שטרענגער פאָטער און אָהן זיין ווילען טאָר קיינער פון אונז ניט טאָן פון דאַנען אהין, ער איז חלילה, ניט קיין שלעכטער מענש, נור ער האָט אַ שטאַרקען כאַראַקטער און אַז ער זאָגט עפּעס, מוז דאָס זיין.

איך רעד מיט אייך און איך האָב נור פערגעסען, אַז איהר זייט מיט קיינעם פון אונז נאָך ניט בעקאַנט און איהר ווייסט נאָך ניט, וואָס מיר זיינען פאַר מענשען און מיט וואָס מיר בעשעפטיגען זיך. אליין זיינען מיר פון פּוילען, נור העכער צוואַנציג יאָהר וואָהנען מיר אין אַ קליין שטעטיל אין נאָוואָראָסיע. יאָ! העכער צוואַנציג יאָהר. איך געדענק דאָס גאַנץ גוט. אונזער עלטערער זוהן אהרנ'ו איז נאָך געווען אַ וויג־קינד. מיר זיינען געווען יונג, אָבער אָרעם, אָט אַזוי

ווי איצט... מיר האָבען זיך געזוכט אַ שטיקעלע ברויט. וואָהין פאָהרט מען פון דעם פינסטערען פוילען? מיין מאַן איז אַ בעל מלאכה, נור ער האָט מורא געהאַט צו פאָהרען אין טיעף ראסיי צו די קאַצאַ־פּעס, וואו עס זיינען דאָ ווייניג אידען... האָבען מיר געוואַנדערט פון איין שטעטעל אין דער אַנדערער, ביז וואַנען מיר זיינען פערבליבען אין נאָוואָראָסיא. שטיינס געזאָגט, וואָס באַגערט אַ איד אין רוסלאַנד און וואָס האָט ער?.. ער וויל אַ שטיקעל ברויט און איז כל ימיו אַ דלפון אַ קבצן... אַבי מע לעבט!...

מיין מאַן איז אַ גאָלד־שמיד און אַ זייגער־מאַכער. פריהער, מיט אַ יאָהר צעהן — פופצעהן צוריק, פלעגען איהם אָפט רייכע פּאָמיעשיקעס און גלחים געבען ארבייט; ער פלעגט זיי מאַכען אין די קלויסטערס בעכערס, לייכטערס און אַנדערע גוי'אישע שמאַטעס. היינט אָבער זיינען די פּאָמיעשציקעס אָרעם געוואָרען און די שנאה צום אידען איז געוואָרען גרעסער און די גלחים גיבען שוין ניט דעם אידען צו פערדיענען... און אַז מען דאַרף שוין פערדיענען די קאָ־פּיקע ביי דעם אידען, איז טאַקע אָך און וועה! און וואָס מיינט איהר? איז מען טאַקע קבצנים! מיין מאַן איז ניט קיין גראָבער יונג, ער קען אביסל לערנען און לייענט גוט לשון־קודש. ער, מרדכי דער סופר און שמואל איציע דער קרעמער שרייבען אויס צוזאַמען די אידישע צייטונג „המליץ" און מיין מאַן וויים בעסער פון אַלעמען ווען עס וועט זיין אַ מלחמה און ווער מיט וועמען וועט מלחמה האַלטען... דאָך איז מיין מאַן אַ גאַנץ פראָסטער און פרומער איד און קעהרט ניט אָפּ ניט רעכטס, ניט לינקס פון אַלץ וואָס די תורה האָט געשרי־בען. די משפחה אונזערע איז ניט גרויס, מיר האָבען דריי קינדער, ניט פאַר קיין אידען גערעכט. ביי אונז האָבען זיך די קינדער ניט געהאַלטען; עלף האָבען מיר געהאַט און געבליבען זיינען נור דריי. מיין עלטערער זוהן אהרן איז אַלט צוויי און צוואַנציג יאָהר. ער דיענט איצט אַלכסנדר דעם שיכור. דאַרף איך אייך דערצעהלען, ווי פיעל טרערען איך האָב פערגאָסען, אַז מען האָט צוגענומען מיין עלטסטען קינד צו סאָלדאַטען? אַזאַ עדעל קינד מיט אַ גילדערנעם כאַראַקטער, דאַרף דיענען איוואַנען חזיר, וואַלגערען זיך מיט די גראָבע פויערים אין די קאַזאַרמעס און לייזען קלעפּ און שטוסאַקעס פון די בעזויפענע פעלד־פעבעלס מיט די „אונטערעם"! עס איז נאָך

גוט, וואָס אונזער אהרניו איז געבליבען דיענען ביי אונז אין שטע־טעל, און ווייל ער איז אַ קלוגער און טויג זיך בעסער פון די אַנדערע סאָלדאַטען האָט מען איהם באַלד גענומען אין האָספיטאַל און ער שטודירט דאָרט אויף אַ פעלדשער דער עלטסטער דאָקטאָר האָט איהם זעהר ליעב און האָט איהם איבערגעגעבען די גאַנצע אַפּטעק, אוי, וועה און ווינד צו מיר. אז איך זאָל יעמאָלט געוועזען וויסען, וואָס פאַר אַן אונגליק די אַפּטעק וועט איהם ברענגען, וואָלט איך דען בעסער ניט געוואָלט, אַז ער זאָל זיין אין ראָטע און געהן אונטער'ן ביקס! נור וואָס קען דער מענש מיט זיין נאַרישען שכל וויסען? ער מיינט אַז אַזוי איז בעסער און עס קומט גאָר אויס פונקט פער־קעהרט...

מיין טאָכטער סאָניע איז אַלט אַכצעהן יאָהר. זי איז שעהן און קלוג, — מעג איך שוין האָבען אַזאַ יאָהר! איך זאָג דאָס ניט דערפאַר, ווייל איך בין אַ מוטער — ניין! אויף מיין סאָניע'ן פער־קוקט זיך יעדערער און אַז זי זאָל נעבעך ניט וואַקסען ביי אַזעלכע אָרימע עלטערען און זאָל האָבען אַ נייע שליאַפּקע מיט אַ מאָדנע קלייד וואָלט זי דאָך טאַקע געלייכט ווי אַ בריליאַנט. נור ווי געפעלט זי אייך? זי זאָגט גאָר אַז שליאַפּקעס מיט פלאַטיעס זיינען שמאַ־טעס און דער עיקר איז מען זאָל זיין אַ מענש... ווען דער פאָטער וואָלט נור ערלויבט, אַז אַ גאַנצע נאַכט זאָל ברענען קעראָסין אין דעם לאָמפּ וואָלט זי געזעסען ביז טאָג און געלייענט ביכער. פרעגט מיך בחרם נאָך וואָס דאַרף מען דאָס לייענען אַזוי פיעל ביכער? איך וויל זיך ניט בעריהמען מיט מיין אייגענעם קינד, נור איך מעג אייך זאָגען, אַז אַזאַ גוטע הארץ, אַזעלכע עדעלע געפיהלען האָט טאַקע קיינער ניט אין אונזער משפחה... נו, זאָגט־זשע איהר אליין: אַ שעהנע, אַ קלוגע, אַ שטילע, אַ גוטע, אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגען, זיידענע לאַנג האָאָר, אַ טאַליע ווי ביי אַ גראַפינע, אַ זיסער קול'כעל ווי ביי אַ קאַנאַריק — האָט דען די מאַמע ניט מיט וואָס צו שטאָלצי־רען?

אונזער מוזיניקעל משה'לע איז אַ גרויסער שטיפער. מיר פער־צייהען איהם אַלע און דער „אַלטער" האָט איהם ליעב ווי דאָס לע־בען. ער איז שוין אַלט צעהן יאָהר און מיר רעכענען איהם נאָך אַלץ פאַר אַ קליין קינד און וואָס משה'לע וויל פיהרט ער אויס. דער אַל־

טער פלעגט שטענדיג זאָגען, אז משה'לע האָט א מיניסטערישע קאָפּ און פון איהם וועט ארויס א לייט! אז אָך און וועה איז צו מיינע יאָהרען! וואָס פאַר א שרעקליכער אונגליק האָט אונז נאָך דעם גע־טראָפען! וואָס פאַר א תל עס איז געוואָרען פון אונז אַלע!... נור לאָם איך ניט פערלויפען פריהער און דערצעהלען אַלעס, וואָס מיט אונז האָט זיך פּאַסירט פון אָנהויב ביז'ן סוף. לאָזען אַלע וויסען און הערען וואָסערע שרעקליכע צרות דער איד לעבט איבער אין רוסלאַנד און וואָס א מענש קען אויף זיך איבערטראָגען!

לאַנגזאַם זיינען געגאַנגען די מינוטען פון דער שרעקליכער נאַכט. דער רעגען האָט געקלאַפּט און געבאַראַבאַנעוועט אין די פענסטער, דער ווינד האָט געריסען די זאַלטע לאָדען, האָט געיאָמערט פון דער ווייטען און האָט געטרייסעלט אונזער אַלטע און קליינע שטיבעל. די לאָמפּ אויפ'ן טיש האָט געברענט דונקעל און ניט רעגעלמעסיג. אמאָל פלעגט זיך דער פייער אויפהויבען העכער, אמאָל אראָפּלאָזען ניעדריגער. אויפ'ן וואַנט האָבען זיך געלייגט לאַנגע און שווארצע שאַטענס. מיר זיינען געזעסען שטיל, דער אַלטער האָט עפּעס ארייג־גקוקט אין א ספר, איך האָב געאַרבייט א זאַק, אונזער משה'לע האָט געשלאָפען א זיסען און טיעפען שלאָף. פון זיין מויל פלעגען זיך אָפּט ארויסרייסען נור איינציגע ווערטער: „כאַפּ איהם!... „אנט־לויף!" „שפּרינג אריבער!"

פּלוצלונג האָט זיך דער ווינד א דרעה געטאָן און האָט צוגע־טראָגען צו אונזער פענסטער א לאַנגען און א ציטערדיגען קלונג פון א גרויסען גלאָק. נאָך אמאָל... נאָך אמאָל... נאָך אמאָל... דער קלויסטער־גלאָק... האָט אָבגעקלאַפּט צוועלף א זייגער.

מיין מאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט און האָט א געשריי געטאָן: „וואָס קען דאָס זיין?"

— וואָס איז? האָב איך געפרעגט מיט גרויס פערוואונדערונג.

— זאָג מיר נור, וואו איז דאָס אונזער סאָניע אזוי שפּעט?

— זאָל איך אזוי וויסען פון שלעכטס! מיר זיינען ווידער ביידע אנשווייגען געוואָרען. איך קען אייך זאָגען דעם אמת, אז איך האָב זיך דאַמאָלס אָנגעשטויסען וואו אונזער סאָניע קען זיין, נור איך האָב מורא געהאַט צו זאָגען דעם אַלטען: ער וואָלט געווים אויפגע־הויבען א געשריי מיט א געפּילדער ביז'ן הימעל.

הערט ווי אזוי פערשיעדענע אומשטענדען בינדען און פלעכטען זיך צונויף, כדי אונגליקליך צו מאכען דעם מענשען און ארונטער־צו־ווארפען איהם אונטער א שווערע משא פון צרות און ליידען.

נאך מיט עטליכע מאנאטען צוריק האט זיך ביי אונז אין שטעטעל בעזעצט עפעס א יונגער קריסט, א רוס. קיינער האט ניט געוואוסט פון וואנען ער איז געקומען, ווער ער איז און וואס ער דארף דא. אונזערע אידעלעך האבען איהם באלד געגעבען א צונאמען „דער מילכיקער גוי" און אזוי האט איהם גערופען די גאנצע שטעטעל. ער איז געווען ווייס אזוי ווי מילך און בלאס אזוי דער טויט אליין. מען וואלט געקענט מיינען, אז ביי איהם אין די אדערען רינט ווייסע מילך אנשטאט בלוט און אז ער איז אזוי שלאף, אז אפילו א קליין קינד קען איהם אוועקלייגען... אבער דאס איז געווען א גרויסער טעות: ער איז געווען שטארק ווי אייזען, זיינע אויגען האבען געברענט ווי פייער און זיין שטימע האט געהאט אין זיך אזוי פיעל מאכט, אז בשעת ער פלעגט רעדען האט מען געציטערט, אז דאס איז עפעס א גרויסער גענעראל איך וויים ניט ווי האט זיך דאס געקענט טרעפען, אז ער האט זיך באלד בעקאנט מיט מיין עלטערען זוהן, מיט'ן וואיענעם פעלדשער. עס איז שוין געווען בעשערט אזא אונגליק! ניט אין א גוטע שעה האט דער „ניט גוטער" געבראכט דעם „מילכיגען גוי" אין אונזער ארעמע און קליינע שטעטעל, וואו אלץ איז געווען פריהער רוהיג און שטיל!...

דער מילכיקער גוי האט זיך באלד בעקאנט מיט מיין סאניע'ן. אהרן האט איהם עטליכע מאל געבראכט צו אונז און ער איז אונז אלעמען זעהר געפעלען געווארען. אפילו מיין „אלטער" האט עטליכע מאל געזאגט אויף איהם, אז ער איז א פיינער שייגעץ. מיט אונזער סאניע'ן איז ער באלד געווארען א גוטער ברודער. ער האט איהר אנגעהויבען גאנץ אפט צו טראגען פערשיעדענע ביכער און אז דער אלטער מיינער איז נור ניט געווען אין דער היים פלעגט ער זיצען ביי אונז ביז גאנץ שפעט און פלעגט איהר אלץ דערצעהלען און דער־צעהלען, וואס עס שטעהט געשריבען אין פערשיעדענע ביכער און ווי אזוי מען דארף די ביכער פערשטעהן.

אין א קליינע צייט ארום האט ער געבעטען, דער פאטער זאל איהם ערלויבען געבען אונזער סאניע'ן אורא:קען. א לאנגע צייט האט

דער „אַלטער” דאָס ניט געוואָלט ערלויבען. ער האָט געזאָגט, אַז זי דאַרף זיך מעהר ניט לערנען, וואָרום זי וויים שוין אַזוי אויך מעהר וויפיעל אַ פּרויענצימער דאַרף וויסען. ער האָט אָבער געקענט יע־דען איינרעדען און איבערעדען; — דער מאַן מיינער האָט געמוזט מיט איהם מיטשטימען און ער איז געוואָרען אונזער סאָניע'ס אַ לערער. אונזער זוהן איז אויך געוואָרען מיט איהם גוטער פריינד און פלעגט צו איהם אָפט געהן מיט זיינע חברים, די יונגע פעלד־שערם. צו איהם אויפ'ן קוואַרטיר האָט מיין אהרניו עטליכע מאָהל געפיהרט אויך סאָניע'ן. איך האָב געוואוסט אַז דאָרט ביי זיי קומען פּאָר עפּעס אסיפות, סעסיעס, אַז אהין געהען עטליכע יונגע לייט: נור וואָס זיי טוען דאָרטען און פון וואָס זיי רעדען האָב איך דאַמאָלס ניט געוואוסט. און אַז איך האָב זיך דערוואוסט איז שוין געווען צו שפּעט... צו שפּעט!

ביי מיר איז קיין פראַגע ניט געווען, וואו האָט געקענט זיין אונזער סאָניע אַזוי שפּעט אין דער נאַכט. איך האָב שוין פערשטאַנען, אַז געוויס איז זי ביי דעם „מילכיקען גוי”. שוין ווידער אודאי אַ פּער־זאַמלונג און זיי רעדען ווידער פון זייערע געשעפטען. אָט די גע־שעפטען, וואָס איך האָב זיי גערעכענט פּאַר אַ נאַררישקייט, האָבען אונז געקאָסט דערנאָך זעהר טייער, מיט טרערען און מיט פיעל בלוט האָבען מיר בעצאָהלט פאַר זיי!

עס איז שוין נאָך האַלבע נאַכט, דער רעגען האָט אויפגעהערט, נור דער ווינד איז נאָך געוואָרען שטאַרקער און שרעקליכער גראָבע שוואַרצע וואָלקענס האָבען געשוואומען איבערן הימעל זעהר גיך, איין מתנה וואָלקענס איז געלאָפען נאָך די אַנדערע... אָט בע־וויזט זיך אַ בלישצענדער שטערענדעל און אָט ווערט ער ווידער פערשוואונדען... מיין אַלטער איז שוין געגאַנגען שלאָפען און איך בין געזעסען מיט דעם זאָק ביים טיש און האָב געדרעמעלט: איך האָב זיך געוואָלט דערוואַרטען אויף סאָניען. די לאָמפּ האָט שוין גע־ברענט גאַניץ דונקעל און דער ווינד איז אומגעגאַנגען איבער'ן שטוב און האָט געפּייפט אין קוימען... פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ, און אימיצער האָט גענומען האסטיג רייסען די טהיר... איך בין גע־בליבען שטעהן דערשראָקען, אין אַ ווײַלע אָרום האָב איך דערהערט ביים פענסטער אונזער סאָניע'ן שרייען: גיכער, מאַמע, עפען די

טהיר! אום גאָטעס ווילען גיכער! — קוים א לעבעדיגע בין איך צו־געלאָפען צום טהיר. — סאָניע האָט זיך אריינגעריסען א פערסאָפע־טע און האָט מיך געכאַפּט ביי דער האנד... זי האָט מיך גאָר ניט געלאָזט רעדען א וואָרט... „גיכער! האָט זי מיר געזאָגט, שטיל, פערלעש די לאָמפּ און לעג זיך!... לאָמיר זיך אָלע לעגען מע געהט! מע געהט אהער!..."

— וואָס איז דאָרט? האָט דער אַלטער א געשריי געטאָן מיט כעס...

— שש! האָט סאָניע געענטפערט מיט א ציטערדיגען קול און איז צוגעלאָפען צו דער לאָמפּ און האָט זי פערלאָשען... לעג זיך! לעג זיך גיכער!... ביי די ווערטער האָט זי זיך א וואָרף געטאָן אויף איהר געלעגער... איך בין געבליבען שטעהן אין דער פינסטער... איך האָב גאָר ניט געקענט קומען צו זיך... און איידער איך האָב נאָך ניט אוספּעיעט אויסצורעדען א וואָרט, האָב איך דערהערט א סך קולות און עטליכע מענשען האָבען אָנגעהויבען שטאַרק צו קלאַפּען אין טהיר און אין אָלע פענסטער!...

— עי! אָטוואָריטע!...

— וואָס איז דאָס? ווער איז מיר? האָב איך געפרעגט מיין מאַן. ער אָבער איז שוין געלאָפען צום טהיר... איך בין געלאָפען נאָך איהם... אין דער פינסטער, אין אימפּעט, און שרעק האָט מיין אַלטער אזוי גיך ניט געקענט געפינען דעם זאַסאָוו... דערווייל האָט פון דרויסען אימיצער אָנגעהויבען צו שילטען, בייזערן זיך און שרייען: סקאָרעי! סקאָרעי!

די טהיר האָט זיך געעפענט און אין דער פינסטער האָבען א בלישצע געטאָן מעשענע קנעפּ. מיר האָבען דערהערט דעם קלאַנג פון שפּאָרעס און די קלאַפּעריי פון שטאָלענע סאַבליעס... אונזער גאַנצע שטוב איז געוועז ארומגערינגעלט מיט זשאַנדאַרמען און סאָל־דאַטען!...

.2

מיר האָבען דאָס איבערגעלעבט א אָסיען יענעם יאָהר! איהר ווייסט דאָך, אז איד איז געגוג צוגעוויינט צו צרות און שלעק, —

אבער יענעםווינטער! אויף מיין ווארט, עס זיינען געווען מינוטען, אז מיר האבען געמיינט, אז מיר וועלען ניט אויסהאלטען! מעהר פון אלץ האב איך מורא געהאט פאר מיין אלטען; ער איז געווען א שלא־פער מענש מיט א קראנקע הארץ. די שרעק מיט יסורים האבען גע־קענט חלילה מאכען פון איהם א תל.

פון יענער נאכט, ווען עס זיינען אונז בעפאלען זשאנדארמען מיט די סאלדאטען, האט זיך ביי אונז אנגעהויבען א צייט גאר מיט אנ־דערע, מיט נייע צרות, א צייט, מיט פיעל שווערע טעג און שרעק־ליכע נעכט.

איהר קענט זיך פארשטעלען, ווי אזוי מיר האבען זיך אלע דערשראקען, ווען אין אונזער שטוב זיינען אריין פיעל פריצים מיט אפיצערען און האבען אנגעהויבען צו זוכען אין אלע ווינקעלעך... מיין מאן איז געווען בלאס ווי א טויטער... איך האב געמיינט יעדע מינוט, אז אט אט פאל איך חלשות... אונזער משה'לע האט זיך אויפ־געכאפט פון שלאף און האט אנגעהויבען צו שרייען ניט מיט זיין קול: מאמע! סאלדאטען! נור אונזער סאניע האט זיך געהאלטען ווי א כוואט, זאג איך אייך. אויף יעדער זאך האט זי געענטפערט רוהיג און קאלטבלוטיג, גלייך ווי זי רעדט מיט מיר. איך מיט'ן אל־טען זיינען מיר געשטאנען און האבען געציטערט פון שרעק. ווען א גרויסער אפיצער האט אנגעהויבען צו פרעגען סאניען, אויב זי קען דעם „מילכיקען גוי”, האט זי געענטפערט, אז זי קען איהם גאנץ גוט ער איז איהר לערער.

— געהסט דו צו איהם?

— יא, גאנץ זעלטען... ווען איך וויל איהם עטוואס פרעגען פון אריפמעטיקא!

— האט ער דיר ניט געזאגט, אז ער געהערט צו אזא פארטיי, וועלכע וויל הרג'ענען דעם רוסישען קייזער?

— חס וחלילה!

— האט ער דיר ניט געגעבען צו לייענען פערבאטענע ביכער און צייטונגען?

— ניין! זאגט זי, איך ווייס גאר ניט וואס דאס הייסט.

העכער א שעה האבען זיי געזוכט ביי אונז פערבאטענע זאכען. זיי האבען איבערגעקעהרט די שטוב קאפויר. אונטער'ן אויוועןֿ,

אונטער׳ן בעט, אין קאמער, אין קעלער — אומעדום זיינען זיי געווען, האבען איבערגעוואָרפען יעדער זאך, געשמעקט, געטאפּט... עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט; דאָך האָבען זיך אונזערע שכנים באַלד דער־וואוסט, אז מען זוכט ביי אונז עפּעס... „ביי אברהם דעם גאָלדשמיד איז אַן אַביסק!" וואָס זוכט מען? — איינע האָבען געמיינט מען זוכט געגנב׳טע גאָלד, די אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז מען זוכט אַ גע׳הרג׳עטען קריסט. אַ פּחד איז אָנגעפאַלען אויף אַלע.. אין עטליכע פענסטער האָבען זיך בעוויזען פייערלעך... אונזערע גוטע פריינד זיינען געשטאַנען פון דער ווייטען און האָבען געוואַרט...

ווי באַלד די אָפיצערען מיט די זשאַנדאַרמען זיינען נור ארויס פון אונזער הויז און מיר האָבען זיך אביסעל בערוהיגט, האָט דער אַלטער אַ געשריי געטאָן אויף סאָניע׳ן און האָט זי געפרעגט:

„זאָג מיר, וואָס הייסט דאָס? סטייטש! דו ווילסט אונז אונ־גליקליך מאַכען!... איך וועל דאָך דיר דער׳הרג׳ענען אויב דו וועסט זיך מישען אין אַזעלכע געשעפטען!..."

דער אַלטער איז געווען שרעקליך אין כעס. ער וואָלט געוויס געגעבען סאָניע׳ן אַ פּאָר פּעטש. צום גליק אָבער זיינען געקומען אונ־זערע שכנים און האָבען זיך אָנגעהויבען נאָכצופרעגען: וואָס? וועր און וועמען? ביז טאָג זיינען מיר געזעסען און אַלץ דערצעהלט ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען, ווי אַזוי זיי האָבען געקלאַפּט, געזוכט, ווי אַזוי דער גרויסער אָפיצער האָט געקוקט, געשפּראָכען... ווי ער איז געשטאַנען, וואָס דער אַלטער האָט געטאָן און פאַרטאָג, אַז איך האָב איינגעהייצט דעם אויווען, איז סאָניע גיך צוגעלאָפען, האָט ארויסגע־שלעפּט ביי זיך פון בוזעם עטליכע ביכלעך מיט פּאַפּירען און האָט זיי אריינגעוואָרפען אין פייער... איך בין נשתומם געוואָרען פון שרעק און וואונדער... אך! אך! דער אַלטער זאָל דאָס חלילה וויסען?!...

לאַנגזאַם האָבען זיך געצויגען די פינסטערע און קאַלטע טעג... די רעגענס האָבען ניט אויפגעהערט צו גיסען. דאָס גאַנצע שטעטעל איז פערזונקען געוואָרען אין אַ גאַנצען ים פון בלאָטע. עטליכע וואָ־כען כסדר האָבען די איינוואָהנער פון אונזער שטאָדט דערצעהלט פון דעם מילכיגען גוי וואונדערבארע געשיכטען: אַלע האָבען געוואוסט, אַז ער איז פערשוואונדען געוואָרען און די זשאַנדאַרמען האָבען איהב

ניט געקענט געפינען... נור וואו איז ער אהין געקומען? וואָס האָט ער געוואָלט אויפטאָן? דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. אייניגע האָבען געזאָגט, אז ער האָט געמאַכט פיעל באָמבעס, די אנדערע האָבען דערצעהלט, אז ער האָט געמאַכט פאַלשע געלד, די דריטע האָבען געזאָגט, אז ער איז געווען א כשוף מאַכער... סאָניע און מיין אהרן האָבען אפשר יא געוואוסט נור זיי האָבען אַנגענומען וואַסער אין מויל און האָבען געשוויגען... דער אַלטער מיינער האָט גאָר ניט געוואָלט הערען פון דעם מילכיקען גוי מיט די אַלע מעשות... איינס האָב איך גאָר ניט געקענט פערשטעהן: וואָס געהט דאָס מיין סאָניע ארום ווי אָהן א קאָפּ; שטענדיג פערטראַכט, פערזאָרגט?... זי האָט אויפגעהערט צו לייענען איהרע ביכער... איז געוואָרען בלייך און שלאָף... עטליכע מאָל האָב איך אליין געהערט, ווי זי וויינט ביי נאַכט אויף איהר געלעגער. פריהער פלעגט זי אָפט זינגען און פלעגט פערהילכען אונזער אָרימע שטיבעלע מיט איהר זיסען און קלינגענדען קול'כעל. היינט איז זי אנטשוויגען געוואָרען און איז אומגעגאַנגען ווי א פויגעלע מיט אונטערגעשניטענע פליגלען...

עס איז שוין געווען שפעט נאָך חנוכה און דאָס וועטער האָט זיך נאָך ניט איבערגעביטען. אומזיסט האָבען אַלע מיט אונגעדולד געוואַרט, ווען וועט שוין ארויספאַלען דער ערשטער שנעע און וועט בעדעקען די דונקעלע בלאָטע. איבער'ן קאָפּ זיינען נאָך אַלץ געהאַנגען שוואַרצע וואָלקענס און א קאַלטער און א „פוילער" ווינד האָט טאָג טעגליך געיאָמערט און געשמיסען אין די פערשוויצטע פענסטער מיט גאַנצע צעבערם וואַסער.

איינמאָל, דאָס איז געווען דאָנערשטאָג ביינאַכט, בין איך אויפגעשטאַנען ארום א זייגער דריי א קוק טאָן אויפ'ן טייג, ווארום פרייטאָג באַק איך חלה גאַנץ פריה, איך האָב אונטערגעשלאָגען די „אפארע" און בין צוגעגאַנגען צו סאָניעס בעטעל. פון אבענד האָב איך געהערט, ווי זי האָט זיך לאַנג אויף איהר געלעגער געקעהרט פון איין זייט אויף דעם אַנדערען. נאָך דעם האָט זי ווידער געוויינט. מיין הארץ האָט מיר זעהר וועה געטאָן, מיין סאָניע האָט געשלאָפען מיט א שווערען און טיעפען שלאָף... פּלוצלינג הער איך אימיצער קלאַפּט שטיל אין פענסטער. איך הער זיך צו... יא! מע קלאַפּט... איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער — מען זעהט גאָר ניט. נור אי־

מיצער קלאַפּט שטיל, שטיל... אזוי ווי ער בעט זיך, איך זאָל איהם אריינלאָזען... איך האָב גענומען די לאָמפּ, בין ארויס אין הויז אריין און האָב אָבגעשפּארט די טהיר. אין הויז איז אריין א יונגער פּויער, אין א אַלטע סוויטע און גרויסע שטיוועל און האָט באַלד צוגעשפּארט די טהיר.

וואָס דארפסט דו? האָב איך א געשריי געטאָן דערשראָקען.

— שש! שרייט ניט! איהר דערקענט מיך ניט? אָט דאָ האָב איך ערשט דערזעהן, אַז דאָס איז דער „מילכיקער גוי"... ער האָט זיך אָבגעגאָלט דעם באָרד און האָט אָנגעטאָן פּויערשע קליידער. ער האָט מיך גענומען פאר'ן האנד און מיט א ציטערענדיגען קול האָט ער אָנגעהויבען צו פרעגען: זאָגט, זאָגט, וואָס מאכט סאָנישע? איז זי געזונד? איז זי רוהיג? קען איך זי יעצט זעהן?... זייט אזוי גוט!..

— וואָס רעדט זאיהר? סאָניע שלאָפט איצט.. און דער אַלטער איז אין דער היים... לאָז גאָט היטען, ווען דער אַלטער זאָל זיך דער־וויסען.

— איהר ווייסט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מען זוכט מיר יעצט ווי מיט ליכט... און אויב אימיצער וועט מיך דערקענען בין איך פער־לאָרען, דאָך בין איך געקומען. איך געה צו־פוס פון דאָרף איוואַ־נאָווקע. צוועלף ווערסט צו־פוס אין אזא בלאָטע, איך געה א גאנצע נאכט, איך דארף, איך מוז זעהן סאָניע'ן. זייט אזוי גוט, וועקט זי אויף. ערלויבט מיר צו זאָגען אייער סאָניען צוויי ווערטער!...

וואָס טוט מען פאָרט? א מענש שטעלט איין זיין לעבען אין סכנות, געהט צו־פוס אזוי ווייט און ער בעט מיך אזוי שטארק, אין די אויגען שטעהן ביי איהם טרערען, דער קול ציטערט, איהר דארפט וויסען, אז די גאנצע צייט האָבען מיר גערעדט גאַנץ שטיל, געשעפּ־צעט זיך, די טהיר פון שטוב איז געווען צוגעמאכט, אלע האָבען גע־שלאָפען, איך בין געווען זיכער, אז קיינער הערט ניט און ווייס ניט, אז מיר זיינען דאָ. היינט שטעלט אייך פאָר מיין וואונדער, אז איך האָב דערהערט שטילע טריט! די טהיר האָט געגעבען א סקריפּ און סאָניע האָט זיך בעוויזען אויפ'ן שוועל. מאמע! האָט זי געפרעגט. מיט וועמען רעדסט דו דאָס? די שיין פון דעם לאָמפּ האָט איהר בעלייכטעט איהר בלאַסען געזיכט און זי האָט אויף אויגענבליק צוגע־

מאַכט איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען. איידער איך האָב איהר גע־ענטפערט האָט זי שוין ווידער געעפענט איהרע ליכטיגע בלישצענדע אויגען און האָט דערזעהן דעם גאַסט. אַ גאַנצע סעקונדע זיינען זיי גע־שטאַנען איינער אַנטקעגען דעם אַנדערען; ערשטוינט, דערשראָקען, דערפרייעט, איבערראַשט. איהר הארץ האָט זיך אַזוי געוואָרפען, אַז איך האָב געהערט פון דער וויטען ווי עס האָט זיך געקלאַפּט. ער האָט אָנגעהויבען צו ציטערען ווי אַ פיעבער... ביי מיר איז די לאָמפּ שיעור ניט ארויסגעפאַלען פון די הענד... עס איז געוואָרען אַזוי שטיל, אַז עס האָט זיך געהערט ווי דער קעראָסין ברענט אין לאָמפּ... ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט געזאָגט:... סאָ־ניע! וועה, ווי דו ביסט פערענדערט געוואָרען!... טרערען האָבען איהם געשטיקט.... ער האָט ניט געקענט רעדען.

— סאָשע! האָט זי געענטפערט מיט אַ שוואַכען קול... סאַשאַ! זי איז איהם געפאַלען אויפ'ן האַלז און זיי האָבעןביידע אָנגעהויבען אַזוי שטאַרק און אַזוי ביטער צו וויינען, אַז איך האָב זיך פאַרגעסען בייז צו ווערען אויף מיין אויסגעלאַסענע טאָכטער, וועלכע האָט זיך ערלויבט צו קושען אַ מאַנספערשוין און נאָך דערצו אַ שייגעץ דער מאַמען אין די אויגען. איך האָב פערגעסען צו כאַפּען דעם שייגעץ פאַר די האָאָר און איהם ארויסשמייסען פון הויז ווי אַ מיאוס'קייט... איך האָב זיך אָבגעקעהרט פון זיי און האָב אליין אָנגעהויבען צו וויינען, ווי אַן אַלטער נארר...

— סאָניע, האָט דער „מילכיקער" געזאָגט ליעבליך, איך האָב דיך ניט געקענט די גאַנצע צייט פערגעסען אויף איין מינוט ניט... דו ווייסט ווי געפעהרליך דאָס איז פאַר אונז אַלע איך זאָל זיין דאָ... אָבער דאָס איז געווען איבער מיינע קרעפטען... איך האָב געפיהלט, ווי אַזוי דיר איז שווער...

מיין אָרימע סאָניע האָט אָנגעהויבען צו שמייכלען און האָט גע־זאָגט:

סאַשאַ! איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט קומען.. מיין הארץ האָט מיר געזאָגט... אַז דו ביסט צוגעגאַנגען צו אונזער הויז האָט שוין מיין הארץ געהערט פון דער וויטען דיינע טריט... איך שלאָף איין מיין הארץ הערט ווי ער געהט צו שטילערהייד צום פענס־טער....

דאָ, אַם ענדע, האָב איך שוין געוואָלט בייז ווערען און זאָגען זיי, אַז זיי זאָלען אויפהערען צו קושען זיך און וויינען... אַקוראַט אין דער מינוט האָט זיך סאָניע אָנגעבויגען צו זיין אויער און האָט איהם עפּעס געזאָגט אַ סוד און האָט זיך שטאַרק פערשעהמט... איך האָב נור געהערט ווי אַזוי זי האָט געזאָגט: סאַשאַ! דו ווייסט?... מיר ווייזט זיך אויס, אַז איך בין...

ווייטער האָב איך ניט געהערט... ער אָבער האָט זיך פּלוצלינג אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, האָט ארומגענומען איהרע קניע, האָט אָנגעהויבען צו קושען איהרע הענד און האָט אָנגעהויבען צו שרייען ווי אַ משוגענער:

מיין טייערע! מיין געליעבטע! וואָס פאַר אַ זיסע און אויך שרעקליכע נאַכריכט! אָ! ווי אונגליקליך זיינען מיר, אַז דאָס וואָס ערפילט יעדען מענשענס הארץ מיט פרייד און גליק, שרעקט אונז און פּלאָגט!...

ערשט דאָ האָבען זיך געעפענט מיינע אויגען און איך האָב פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ גרויסער שלאַק האָט אונז געטראָפען! וואָס פאַר אַן אונגליק האָט אונז געשעהן... איך בין געבליבען שטעהן... גלייך ווי אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען...

— שרה! שרה! וואָס איז דאָרט? האָב איך דערהערט דעם מאַנס קול... דאָ בין איך געקומען צו זיך, האָב געוויזען דעם „מילכיקען" אויף דער טהיר און האָב איהם געזאָגט שטיל אָבער שאַרף: „געה געה פאָרט! שוין פאָרט!"

ער האָט אוספּייעט צו זאָגען, סאָניע! איך וועל דאָ זיין ווידער! איז ארויס פון טהיר און פערשוואונדען אין דער פינסטער...

סאָניע איז געבליבען שטעהן אַנטקעגען מיר אָהן קראַפט, אָהן מאַכט, טויט ווי די וואַנד... זי האָט אויסגעשטרעקט איהרע ציטערענדע הענד צו מיר און האָט געזאָגט:

— מאַמע! מאַמע! פערשעלט מיך ניט!..!...! ! ! !! ! !

איך אָבער האָב זי אָפּגעשטויסען פון זיך מיט אַ ביטערען כעס, בין אריינגעגאַנגען אין שטוב און האָב זי אַליין געלאָזט אין דער פינסטער...

3.

מיינע יסורים, שרעק, בזיונות און האַרץ־וועהטאָג קען נור פער־שטעהן א מוטער פון קינדער. דאָס וואָס איך האָב אין יענע ביטערע צייט געפיהלט קען נור פיהלען א מאַמע. אי אויף מיין קינד האָב איך געהאַט רחמנות, וואָרעם עס איז גאָר געווען אונמעגליך צו צו־זעהען איהרע קוואַלען, אי געשעמט האָב איך זיך פאַר זיך אַליין, אי מורא האָב איך געהאַט: וואָס וועלען לייטען זאָגען, א קליינינגקייט: די טאָכטער פון משה דעם גאָלדשמיד, וועלכער איז בעקאַנט אין שטע־טעל ווי א פיינער און עהרליכער איד, — זיין טאָכטער!...

עטליכע מאָל, וואָס זאָל איך לייקענען, האָב איך געוואָלט מיין סאָניען שלאָגען... עס זיינען געווען מינוטען, ווען איך האָב אַליין געבעטען אויף איהר א טויט... נור אז איך פלעג א בליק טאָן אויף איהר בלייכען פנים, אויף איהרע פערשוואָלענע אויגען פון טרערען, אויף די בלויע פאַסען אונטער די אויגען, פלעג איך אַלצדינג פער־געסען, פלעג איהר אַרומנעהמען ערגעץ אין א ווינקעלע, דער אַל־טער זאָל ניט זעהן, און מיר פלעגען ביידע וויינען... קינד מיינס! אונ־גליקליכע סאָניע מיינע!...

דעם „מילכיקען גוי" האָב איך געטריבען פון מיין שטוב; עט־ליכע מאָל האָב איך איהם געמאַכט מיט דער בלאָטע — ער האָט אָבער געטאָן זיינס אַלע נאַכט, עס האָט געמעגט זיין פינסטער, חושך, עס האָט געמעגט גיסען א שלאַגס־רעגען, עס האָט געמעגט זיין די שרעקליכסטע זאַווערוכע — ער פלעגט קומען צו פוס פון איוואַנאָווקע צו סאָניע'ן. אז איך פלעג איהם ניט אריינלאָזען, פלעגט ער שטעהן די גאַנצע נאַכט לעבען טהיר.

„שטעהן לעבען דער שטוב וואו מיין סאָניע איז — דאָס אַליין איז שוין פאַר מיר א גליק!" אַזוי פלעגט ער זאָגען, דער משוגענער... „פון דער זייט וואַנט הער איך ווי זי אָטהעמט, איך הער יעדען זיפץ איהרען, יעדען קרעכץ, איך פלאָג זיך אין איינעם מיט איהר, און דאָס גיט מיר קרעפטען צו לעבען נאָכדעם א גאַנצען טאָג"... וואָס טוט מען מיט אַזעלכע משוגעים! אז ער פלעגט אַוועקגעהן, בין איך

אויף איהם שטענדיג געווען בייז, מלא רציחה, איך פלעג בעטען ביי גאָט אַ מפּלה אויף זיין קאָפּ, און ווי באַלד ער פלעגט נור קומען און אַ קלאַפּ טאָן שטיל, שטיל אין פענסטער, ווי באַלד איך פלעג נור ארויסגעהן און דערזעהן זיין פער׳חושך׳טען פּנים, זיין ווייסען קאָפּ מיט זיינע בלויע אויגען, פלעג איך זיך באַלד פערגעסען, אַז ער איז מיין גרעסטער שונא... ע! האָב איך אַ מאַך געטאָן מיט׳ן האנד און געזאָגט: וואָס עס וועט זיין וועט זיין!

דער ווינטער, אויף וועלכען מיר האָבען אזוי לאנג געווארט, איז געקומען. נאָך אַ פינסטערען רעגענדיגען טאָג איז געקומען אַ קאַלטע נאַכט... אַ שטאַרקער, רווישענדער ווינד האָט געבלאָזען אַ גאַנצע נאַכט, געריסען די טהירען, געקלאַפּט מיט די לאָדען. די וואָלקענס זיינען געלאָפען אזוי ווי דערשראָקענע שווארצע שאָף... און ארום האַלבער נאַכט האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעוויזען בלישצענדע שטערענדלעך... און ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען אין דער פריה איז געווען אַלץ פערוואָרפען מיט גאַנצע בערג שנעע און אין שטוב איז געווען קאַלט, אין הויז איז די וואַסער פערפרוירען געוואָרען... דער „אַלטער" מיינער איז געווען זעהר פערזאָרגט מיט דאגות פון פרנסה און האָט ניט בעמערקט... איין מאָל האָט ער מיך יאָ געפרעגט: וואָס איז דאָס וואָס אונזער סאָניע ווייזט אויס אזוי ווי קראַנק? און אַז איך האָב איהם געענטפערט, אַז דאָס ווייזט זיך איהם נור אויס, האָט ער מיר געגלויבט... די צייט איז אָבער געגאַנגען און מיר האָבען שוין אַלע געזעהן, אַז גיך וועט מען ניט קענען מעהר פערבאָרגען דעם שרעקליכען סוד, אַז גיך וועלען אַלע בעמערקען, אַלע וועלען וויסען די שענדליכע מיאוס׳ע געהיימנים... סאָניע איז געוואָרען טרויעריגער און שלאַפער... איך האָב געזעהן, אַז זי האָט אין זינען אַ שווארצען שרעקליכען געדאנק און האָב אָנגעהויבען מורא צו האָבען און צו היטען זי... מיין הארץ האָט מיך אָבגענאַרט... איין מאָל ביי נאַכט האָב איך דערהערט, ווי סאָניע מיט איהר געליעבטען וויינען זעהר שטאַרק און ער בעט זי רחמים און זאָגט:

„סאָניע! זיי ניט קיין גזלן!.. האָב רחמנות אויף זיך און אויף אונזער אונגליקליכעס קינד! אי! מיר זיינען נאָך יונג... די צייט וועט זיך איבערבייטען און מיר וועלען נאָך אפשר זיין גליקליך!"

סאָניע אָבער האָט גע׳טענה׳ט איינס:

„ניין! איך האָב שוין קיין כח ניט... איך קען ניט! איך מוז..."

דאָ בין איך ארויסגעלאָפען אין הויז און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיר מיט אַ געוויין און אַ געשריי: „לאָזט איהר ניט!.. זי האָט זיך בעשלאָסען צו שטארבען!... זי וויל זיך הענגען אָדער טרינקען!..."

„א יאָ, מאמע, איהר אליין ווילט איך זאָל זיך אַ מעשה אָנטאָן? אי פאר אייך אי פאר מיר וועט זיין בעסער..."

אין דער מינוט האָב איך דערפיהלט ווי גרויזאם און ניעדער־טרעכטיג עס זיינען די עלטערען, וועלכע ווילען בעסער זייערע קינ־דער אומברענגען, איידער צו ליידען „שאנדע" און איבערצוטראָגען די רכילות מיט די פלוידערייִ פון די נאַררישע ווייבער...

„ניין! מיין קינד! האָב איך אָנגעהויבען צו זויינען און בעטען מיין סאָניטשקע, טו דאָס ניט!... האָב רחמנות אויף זיך און אויף דיין מאמע!... שטארק זיך! גאָט וועט אונז העלפען, מיר וועלען ווי עס איז איבערלעבען די בזיונות מיט די צרות!"

אַך, מיינע פריינד! פיעל האָבען מיר אין יענע נאכט געוויינט, פיעל געטראַכט, פיעל געדענקט... עס איז געבליבען אז מען דארף דעם „אַלטען" אַליץ דערצעהלען און אָנרעדען איהם איבערצוקלייבען זיך אין אַן אַנדער שטאָט... רעדען מיט דעם „אַלטען" פון דעם, האָט גענומען אויף זיך „סאשא" דער „מילכיקער גוי"... די צרות און יסורים האָבען אונז אַזוי פעראייניגט, אז איך האָב איהם אָנגע־הויבען צו ליעבען ווי אַן אייגען קינד... אָ, גאָט! שטראָף מיך ניט פאר די רייד... אַ גוי, אַ קריסט, וואָס האָט אונגליקליך געמאַכט אונז און האָט אומגעבראַכט אַלע אונזערע קינדער, — אזא כפרה'ניק האָב איך ליעב געהאַט... און אויך איצט אפילו, אז איך רעד פון איהם טוט מיר אַזוי וועה דאָס הארץ!...

הערט דערווייל וואָס עס האָט זיך פערלאָפען: — דער „מיל־כיקער" איז פלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען אויף צוויי וואָכען. אונזער זוהן, אהרן, דער וואָיענער פעלדשער, ביי וועלכען אין די הענד איז געווען די אפטעק פון האָספיטאַל, אונזער אהרן פלעגט אָפט קו־מען צו סאָניען, פלעגען זיךביידע שושקענען, רעדען שטיל און פאָר־זיכטיג. איך האָב פערשטאַנען, אַז זיי רעדען פון עפּעס וויכטיגעס,

אז עס האָט זיך עטוואָס שרעקליכעס געטראָפֿען. נור וואָס? האָב איך ניט געוואוסט. און פון וואנען זאָל איך וויסען? קיין צייטונג לייען איך ניט, היינט וואָס העלפט דאָס, ווען אין אלע צייטונגען איז שוין דאמאָלס געווען בעשריבען אין גאנצען די שרעקליכע געשיכטע? איך האָב אייך שוין דערצעהלט, אז דער „מילכיקער", ווען ער האָט זיך פריהער בעזעצט ביי אונז אין שטעטעל, האָט זיך באלד בעקאנט מיט מיינע קינדער און נאָך אייניגע יונגע לייט און אז ביי איהם פלעגען זיין פערשיעדענע פערזאמלונגען. היינט וויים מען שוין, אז דער „מילכיקער" איז געווען א פייערדיגער סאָציאַליסט און זיין ציעל איז געווען אויפצורייצען די ארבייטער פון שטאָט און די בויערען פון דער גאנצער געגענד געגען די רייכע מענשען און לאנד־בעזיצער... צום אונגליק, האָט זיך געדארפט טרעפען אז צווישען די יונגע לייט, וועלכע פלעגען געהן צו דעם „מילכיקען" אויף די פערזאמלונגען, איז געווען א לערער, א געשמד'ער איד, מיט'ן נאָמען סאראנאָוויץ... אָט דער משומד האָט אלץ אויסגעזאָגט פון חדר. און דערפאר האָט מען ביי אונז געמאכט אן אָביסק און דער „מילכיקער" האָט זיך גע־מוזט בעהאלטען... דער „מילכיקער" האָט שוין פערשטאנען, ווער עס האָט דערצעהלט די זשאנדארמען, ער האָט זיך אָבער געמאכט, אז ער וויים ניט, ווער דער שפּיאָן איז און האָט אליין דערצעהלט סאראנאָוויצען, אז ער געפינט זיך אין דעם דאָרף איוואנאָווקע און אז אין גיכען וועט ער איהם ענטדעקען א גרויסע געהיימנים... נאָך וואָס האָט ער דאָס געטאָן? איך וועל אייך באלד דערצעהלען, ווארום איך וויים איצט די גאנצע געשיכטע זעהר גוט... אָ! איך וועל ביז'ן טויט געדענקען דיזע שרעקליכע געשיכטע!

דער „מילכיקער" האָט אוועקגעשיקט א בריעף קיין שווייצא־ריע, אין דעם צענטראלישען קאָמיטעט זייערען און האָט געפרעגט: וואָס דארף מען טאָן דעם שפּיאָן סאראנאָוויצען? פון דאָרט האָט מען איהם געענטפערט, אז דעם שפּיאָן דארף מען אראָבראַמען פון וועג, כדי צו פערהיטען דעם לעבען פון א סך עהרליכע מענשען... איין מאָל איז געקומען מיין סאָניעס געליעבטער צום שפּיאָן און האָט איהם געזאָגט, אז ער וויל איהם איצט ענטדעקען א וויכטיגע גע־היימנים... נור זיי מוזען פאָהרען ביידע אין דער גרויסער שטאָט אָדעסא... דאָרט וועט ער איהם בעקענען מיט פיעל סאָציאַליסטען

און וועט איהם דערצעהלען וואָס זיי ווילען יעצט טאָן. סאַראַנאָוויץ איז געווען גאַנץ צופריעדען. אַ קלייניגקייט? דער נאַררישער סאָציאַליסט גיט איהם אליין איבער אין די הענד אַלע חברים!... וויפעל געלט וועט ער דאָס בעקומען פון די זשאַנדאַרמען פאַר אזא בריה׳שקייט... אַ וויערסט 25 פון אונזער שטעטעל, אויף אַ קליינע סטאַנציע, זיינען זיי זיךביידע צוזאַמענגעקומען און זיינען אוועקגעפאָהרען קיין אדעסס. קיין באַגאַזש האָבען זיי ביידע ניט געהאַט. דער „מילכיקער״ האָט נור געפיהרט מיך זיך אַ פּראָסטען לייווענטענעם זעקעלע און האָט געהאַט ביי זיך אין טאַש עפּעס אַ פּלעשעל.

וואָס איז ביי דיר אין זאַק? האָט געפרעגט דער שפּיאָן.

— דאָס איז אַ מאַשין, מיט וועלכער מיר ווילען אונזערע פיינד אָבראַמען פון וועג... אין אדעס וועל איך דיר דעם אַפּאַראַט ווייזען.

— און וואָס איז ביי דיר אין פלאַש? האָט ווידער געפרעגט דער שפּיאָן.

— אָ! האָט געענטפערט דער סאָציאַליסט, אין פלעשעל איז ביי מיר אַ טייערע משקה, אין אדעס וועט ביי אונז זיין אַ „גוליאַנקע״ און איך וועל דיר אויך געבען פערזוכען פון דעם גוטען געטראַנק...

ווייסט איהר אָבער וואָס ער האָט אין אמת׳ן דאָרט געהאַט? אַ שרעק! אַ שרעק! — אין זעקעל איז ביי איהם געלעגען אַ האַק און אין פלאַש האָט ער געהאַט „סערנאַ קיסלאָטאַ״. אָט די פלעשעלע מיט „סערנאַ קיסלאָטאַ״ האָט איהם געגעבען מיין זוהן, דער וואַיענער פעלדשער. אָט די פלעשעל האָט אונז אַלע אונגליקליך געמאַכט, האָט אונז דער׳הרג׳עט, פערביטערט אונזערע יאָהרען. אָ! הערט, הערט מיינע צרות! דער „מילכיקער״ מיט דעם שפּיאָן זיינען געקומען קיין אדעסס אין אַ קאַלטען ווינטער־טאָג. גאַנץ פריה פאַרטאָג... עס איז נאָך געווען פינסטער, אויפ׳ן וואָקזאַל האָט זיי בעגעגענט אַ יונגער מאַן. זיי האָבען זיך בעשלאָסען צו געהן אין שטאָט אריין צופוס. זיי האָבען געדאַרפט אריבערגעהן אַ גרויסען פּלאַטץ, וועלכער רופט זיך „קוליקאָווא פּאָלע״. ארום איז געווען פינסטער און שטיל... זיי זיינען אַלע געגאַנגען און האָבען גערעדט פון סאָציאַליסטישע געשעפטען. סאַרנאָוויץ האָט גאָר ניט חושד געווען און איז געווען גאַנץ רוהיג...

פּלוצלונג איז צו איהם צוגעלאָפּען מיין סאָניעס סאשא און האָט א געשריי געטאָן: שפּיאָן! פאַלשער מענש! פאַל אויף די קניע! דיין לעצטע מינוט איז געקומען! — דער האַק האָט א בלישצע געטאָן אין דער פינסטער און סאַראַנאָוויץ איז געפאלען אויף די קניע... מיט איין זעץ איבער'ן קאָפּ האָט ער איהם צופּלעט דעם מוח... באַלד דערנאָך האָט ער ארויסגעכאַפּט די פלאַש מיט קיסלאָטא און האָט איהם בעגאָסען דאָס געזיכט. קיינער זאָל איהם נאָך דעם ניט דערקענען...

סאַרנאָוויץ האָט געגעבען איין זיפץ און איז אנשוויגען געוואָרען...ביידע סאָציאַליסטען האָבען געמיינט, אז ער איז טויט און זיינען באַלד פערשוואונדען געוואָרען אין דער פינסטער.

דער שפּיאָן סאַרנאָוויץ איז ניט געשטאָרבען. דער קאָפּ איז ביי איהם געווען צובראָכען אין פינף ערטער; די סערנע קיסלאָטא האָט איהם אויסגעבערענט ביידע אויגען; דער נאָז איז ביי איהם אראָבגעפאלען; די אויבערשטע ליפּ און איין אויער זיינען אין גיכען אָפּגעפוילט געוואָרען — און דאָך איז ער געבליבען לעבען און לעבט נאָך יעצט אויך! אז עס איז געווען דער שרעקליכער יום המשפּט איז ער נאָך געווען אַן עדות. רעדען האָט ער ניט געקענט; ער האָט געשריבען אן ענטפער אויף יעדע פראַגע. זיין פּנים איז געווען פערדעקט מיט א מאַסקע. אָט דער סאַרנאָוויץ, ווי באַלד ער איז נור געקומען צו זיך, האָט ער באַלד דערצעהלט ווער עס האָט דאָס מיט אָבגעשפּיעלט אזא חתונה... ער האָט אויך אריינגעמישט אונזערע קינדער און האָט בעוויזען, אז די פלאַש מיט סערנאַ קיסלאָטא האָט געגעבען מיין זוהן אהרן, דער וואָיענע פעלדשער. פערשטעהט זיך, אז נאָך דעם האָט מען שוין אויף גוטס ניט געקענט וואַרטען. דאָך איז דער סוף געווען פיעל ערגער און שרעקליכער, ווי מען האָט געקענט זיך פאָרשטעלען אפילו אין רוסלאַנד...

צוויי וואָכען האָבען זיך געצויגען אזוי ווי צוויי יאָהר לאַנג... אַלע טאָג האָבען די קינדער מיינע געוואַרט אויף נייעס און האָבען זיך געגרייט... נאָר עס האָט גאָר ניט געטראָפען און עס איז געווען שטיל... אזוי ווי פאַר א גרויסען שטורם. דערפאַר דערנאָך האָבען זיך אָנגעהויבען צו שיטען נייעס מיט א מאָל, איינע שרעקליכער פאַר דער אַנדערער! ערשטענס האָט מען געראָפען מיין זוהן צום

פּאָלקאָווניק און מען האָט איהם געהייסען מודה זיין זיך, אַז ער האָט געגעבען פון דער וואָיענע אַפּטעק אָהן ערלויבנים פון זיין נאַטשאַל־סטוואָ א פלעשעל מיט סערנע קעסלאָטאַ. און אַז מיין זוהן אהרן האָט זיך ניט געוואָלט מודה זיין, האָט איהם דער פּאָלקאָווניק געהרג׳עט געשלאָגען מכות רצח און האָט איהם געהייסען אוועק שיקען אין אַסטראָג... באלד נאָך דעם האָט מען ביי אונז ווידער געמאַכט א אָביסק. דעם מאָל זיינען די זשאַנדארמען געוועזען פיעל שלעכטער און גרויזאַמער, ווי פריהער. זיי זיינען אונז בעפאַלען שפּעט אין דער נאַכט ווי די מערדער. מיין סאָניע האָבען זיי געשאָלטען מיט גראָבע ווער־טער און איך אליין האָב געכאַפּט עטליכע שטוסאקעס... דעם מאָל האָבען זיי געמאַכט אזא רעש, אַז די גאַנצע שטעטעל אונזערע האָט געקאָכט עטליכע טעג ווי א קעסעל און דער אַלטער מיינער איז שטאַרק דערשראָקען געוואָרען און האָט נאָך דעם געקרענקט עטליכע טעג. זיי האָבען אונז אַלע געשראָקען און האָבען געזאָגט, אַז אין גיכען וועט מען זיך מיט אונזע אַלע אָברעכענען... ביי מיין סאָניען האָבען זיי גענומען א פּאָדפּיסקאַ, אַז זי וועט ניט אוועק פון שטאָט און האָבען איהר געהייסען וואַרטען אין גיכען ווידער אויף געסט... פון יענער נאַכט אָן האָט מען אונז געהיט ווי גנבים. יעדע נאַכט פלעגען ארומ־געהן ארום אונזער שטוב פּאָליצייסקע און שפּיאָנען. דעם „מילכי־קען" האָבען זיי געזוכט מיט ליכט. זיי האָבען שוין געוואוסט, אַז ער פלעגט געהן אַלע נאַכט צו מיין טאָכטער און האָבען געגלויבט, אַז דאָ וועט זיי געלונגען איהם צו כאַפּען... איך האָב זיך נאָכדעם דער־וואוסט, אַז מיין סאָניען האָבען זיי דאַמאָלס ניט ארעסטירט, כדי אריינצונאַררען דעם פערליעבטען סאָציאַליסט...

4.

עס איז אוועק נאָך דעם עטליכע טרויעריגע פינסטערע טעג... אין דרויסען האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען רעגענס מיט בלאָטעס. ביי לייטען האָט מען זיך שוין געגרייט צו דעם פרעהליכען יום טוב פּורים, און ביי אונז אין שטוב איז געווען תשעה־באב. דער אַלטער איז געלע־גען קראַנק, דער זוהן אונזערער, אהרן, איז געזעסען אין אָסטראָג. סאָניע איז אומגעגאַנגען אָהן א קאָפּ... וואָס פון איהר איז געוואָ־רען אין די לעצטע עטליכע חדשים איז גאָר שווער צו בעשרייבען... עס איז געווען אונמעגליך זי צו דערקענען, אַזוי איז זי פערענדערט

געוואָרען! קיינער וואָלט ניט געגלויבט, אַז דאָס איז אונזער שעהנע און ליכטיגע סאָניע! איך בין אומגעגאַנגען אַ צודולטע. וואָס וועט זיין מיט אונזער זוהן? וואָס וועט זיין מיט אונזער סאָניען? וואָס וועט טאָן מיין מאַן, אַז ער וועט אַ ביסעל שטאַרקער ווערען און וועט זיך שטעלען אויף די פיס? נור אונזער מיזיניקעל משה דער שטיפער, איז געווען רוהיג און פרעהליך ווי שטענדיג. וואָס וויים אַ קינד און וואָס האַרט איהם? אַ קינד איז גליקליך און פריי, ווי אַ פייגעלע וואָס צוויטשערט זיך זומער גאַנץ פריה און שפּרינגט פון איין צווייגעלע אויף דער אַנדערער...

עס איז שוין געווען אַ זייגער צעהן אין דער נאַכט. אין דרויסען האָט מען ניט געזעהן די ליכטיגע וועלט. דער רעגען האָט אויפגעהערט און פון הימעל איז געפאַלען אַ געדיכטער און נאַסער שנעע, גלייך ווי גרויסע פעדערן פליהען פון אַ צוריסענעם קישען. דער אַלטער מיינער איז געזעסען ביים טיש און האָט לאַנגזאַם געטרונקען זיין גלאָז טהעע. סאָניע איז געלעגען אויף איהר בעטעל אין די קליידער און האָט שווער געקרעכצעט. די לאָמפּ אויפ'ן טיש האָט געברענט דונקעל. פּלוצלונג איז אימיצער צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט געגעבען אַ קלאַפּ. איינס... צוויי... דריי... סאָניע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון בעט און האָט אַ געשריי געטאָן: מאַמע! מען דאַרף עפענען גיכער!.. דאָס איז ער! דאָס איז ער!... דער אַלטער האָט אַ געשריי געטאָן מיט כעס: ווער איז דאָרט ווידער? סאָניע אָבער האָט איהם ניט געענטפערט און איידער איך בין געקומען צו זיך איז זי שוין געווען אין הויז און האָט אָבגעשפּאַרט די טהיר. דער אַלטער איז אויפגעשטאַנען פער־וואונדערט. איך בין געבליבען זיצען גלייך ווי עס וואָלט ביי מיר גע־וואָרען אָבגענומען די הענד מיט די פיס. די טהיר האָט זיך אויפגע־עפענט און איבער'ן שוועל האָט אריבער געטראָטען דער „מילכיקער גוי!” נאָך איהם איז געגאַנגען סאָניע. זי איז געווען בלאַס ווי די וואַנט. דער אַלטער מיינער האָט נור אַ געשריי געטאָן: „אַך!” און האָט זיך אָבגערוקט עטליכע טריט צוריק. איך בין געבליבען ווי אין חלשות...

— שש! שרייט ניט! האָט געזאָגט שטיל דער אונגעריכטער גאַסט און האָט פון זיך אראָבגעוואָרפען זיין פויערשע סוויטע, וועלכע איז געווען גאַנץ נאַס.—איך בין צו אייך געקומען נור אויף איניגע מי־

נוטען. איהר ווייסט ווי אַזוי מען זוכט מיך און ווי אַזוי מען היט אונז אַלע... די שפּיאָנען האָבען זיך בעהאַלטען פון דעם שנעע און איך האָב זיך אריינגעגנב'עט צו אייך... מיט מיר זיינען געקומען עטליכע יונגע פּויערן, וועלכע שטעהען און גיבען אַכטונג... ווי איך וועל נור דערהערען אַ פּייף מוז איך אַנטלויפען... אַך! איך האָב נור עטליכע מינוטען צייט...

ער איז אַנשוויגען געוואָרען און האָט אויף אונז אַלעמען געוואָרפען טרויעריגע בליקען. מיר זיינען אַלע געבליבען שטיל ווי שטומע. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו סאָניען און האָט געזאָגט מיט אַ ציטערענדען קול: סאָניע! מיין טייערע, מיין אונגליקליכע סאָניע! איך בין געקומען אבשייד נעהמען... איך מוז... איך מוז לויפען פון דאַנען... די אומשטענדען זיינען שטאַרקער פון אונז... איך ווייס ניט, אויב מיר וועלען זיך זעהן ווידער... אין גיכען...

סאָניע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אויוען, איהרע ליפּען זיינען געוואָרען ווייס ווי ביי אַ טויטען...

— וואָס איז דאָס? האָט אַ געשריי געטאָן דער אַלטער, אויסער זיך. ער האָט זיך געווענדעט צו מיר און האָט געשריען: איך פרעג דיך... דו ביסט דאָך אַ מאַמע, אַ בעל־הבית'טע אין שטוב! גיב מיר צו פערשטעהן, וואָס איז דאָס? וואָס בעדייט דאָס? ווי קומט ער אהער?... וויפיעל יסורים מיט צרות האָט ער אונז געבראַכט? וואָס דאַרף ער דאָ?

— באַלד וועל איך אייך אַלץ ערקלערען, האָט געענטפערט דער „מילכיקער”, נור געדולד... די צייט איז קורץ און טייער, איך דאַרף זיך פריהער געזעגנען מיט מיין סאָניושאַ... און ביי די ווערטער האָט ער צושפּרייט זיינע ביידע הענט... סאָניע איז איהם געפאַלען אויפ'ן האַלז. ער האָט זי שטאַרק, שטאַרק צוגעדריקט צו זיין ברוסט און זיי זיינען ביידע אַנשוויגען געוואָרען... דער אַלטער איז געוועזען אַזוי איבעראַשט און ערשטוינט, אַז ער האָט ניט געקענט רעדען, איך האָב ניט געוואוסט וואָהין צו בעגראָבען מיין אַלטע צודולטע קאָפּ. אין שטוב איז געוואָרען אַזוי שטיל, אַז עס האָט זיך געהערט ווי אונזער מיזיניקעל אָטהעמט אויף זיין בעטעל און ווי אַזוי עס בורטשעט אונזער אַלטע קאַץ, וועלכע האָט געדרעמעלט אויף דער וואַרעמע לעזשאַנקע... דער שנעע האָט געפּאַטשט אין די

פענסטער... נור דאָס האָט לאַנג ניט געדויערט. דער אַלטער איז געקומען צו זיך. ער האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר צאָרענדיגע אויגען, האָט אַ טופּ געטאָן מיט'ן פוס און האָט אַ געשריי געטאָן אויף סאָניע'ן:

„דו חצופה איינע! דו אויסגעלאַסענע שיקסע! דו אונפערשעהמטע הולטאַיקע! נאָך מיר אין די אויגען, נאָך דעם טאַטען אין די אויגען וועסט דו אַזעלכעס טאָן?!" ער האָט געגעבען מיט אַזאַ האַסטיגקייט אַ זעץ איבער'ן טיש, אַז אַלע גלעזער האָבען אָנגעהויבען צו ציטערען. איך האָב גאָר ניט געקענט פערשטעהן, ווי נעהמט זיך ביי איהם אַזאַ כוח. סאָניע אָבער האָט זיך ניט דערשראָקען. זי האָט איהם אַ בליק געטאָן גלייך אין די אויגען און האָט געענטפערט גאַנץ רוהיג:

— שריי ניט, פּאַפּאַ! יעצט איז שוין צו שפּעט צו שרייען...

— שפּעט! שפּעט צו שרייען? האָט דער פאָטער אַ געשריי געטאָן אויסער זיך... איך וועל דיר ווייזען! ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהר מיט זיינע קולאַקעס. דער „מילביקער" אָבער האָט איהם אָנגענומען פאַר'ן אָרעם, אין זיינע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַ העלישער פייער, דער פּנים זיינער האָט זיך פערקרימט אָן אַ זייט און ער איז נאָך געוואָרען בלייכער ווי ווייסער.

„איך האָב פיינט, אַז מען שרייט דאַמאָלס ווען מען טאָר ניט שרייען, האָט ער געזאָגט, בלייבט שטיל! שטיל!"...

ער האָט ניט געשריען נור ביי זיינע ווערטער איז אַ שוידער אַריבער איבער אַלע מיינע גליעדער און דאָס בלוט איז אין מיר פערקיהלט געוואָרען. מיין מאַן איז נשתומם געוואָרען.

— האָט רחמנות אויף אייער קינד! האָט ווייטער געזאָגט אונזער סאָניע'ס געליעבטער, נור זיין קול האָט זיך שוין ווידער פערענדערט, ער האָט שוין גערעדט ווייך און שטיל. „איהר וועט איצט שוין ניט העלפען"... געוויס... עס איז שוין שפּעט... אייער טאָכטער איז שוין קיין קינד ניט מעהר... זי וועט שוין אַליין גיך ווערען אַ מוטער... פּלאָגט זי ניט!...

— וואָס? האָט דער אַלטער געפרעגט און האָט זיך אַ כאַפּ

געטאָן ביים קאָפּ... וואָס... וואָס העך איך? ער האָט א קוק גע־טאָן אויף מיר, אויף סאָניען, אויף איהר געליעבטען, זוכענדיג אן ענטפער אויף זיין פראַגע...

—יא! האָט נאָך אמאָל געזאָגט דער „מילכיקער" (ער האָט זיך אנידערגעשטעלט אקוראַט אנטקעגען דעם אלטען) יאָ, אייער סאָניע וועט גיך אליין...

ער האָט נאָך ניט פּאַספּעיעט צו ענדיגען וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען, ווען ניט ווייט פון פענסטער האָט אימיצער געגעבען א לאַנגען און א שטאַרקען פייף.

— אָ! האָט א געשריי געטאָן דער „מילכיקער", — מען רופט מיך!... איך קען לענגער ניט פערבלייבען... איך מוז לויפען... (סאָניע האָט אָנגעהויבען הויך צו וויינען. זי האָט געציטערט ווי אין א פיבער). זיי געזונד, סאָניע מיינע! זיי געזונד! צום ווידערזעהן!.. און זיי זיינען ווידער געפאַלען איינע די אַנדערע אויפ'ן האַלז און האָבען ביידע שטאַרק און ביטער געוויינט...

— און דאָס דאַרף איך צוזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען! האָט אויסגעשריען דער אַלטער און האָט א פּאַטש געטאָן מיט די הענד... אך! דו... האָט זיך ביי איהם פון מויל ארויסגעריסען אזא שענד־ליכער, אזא גראָבער וואָרט, אז סאָניע האָט געגעבען א געשריי און האָט אָנגעהויבען צו חלש'ן... אין דער אייגענער מינוט האָט מען אונטער'ן פענסטער געגעבען נאָך א שטאַרקערען פייף. דער „מילכי־קער" איז באַלד צוגעלאָפען צום אַלטען, האָט איהם אזוי אָנגעהויבען צו דריקען די האַנד, אז ער האָט נעבעך אָנגעהויבען צו קרעכצען. דער „מילכיקער" אָבער האָט אויף דערויף ניט געקוקט. ער האָט איהם געדריקט מיט א צאָרן די האַנד און האָט געשריען:

אַלטער! ווייס אז סאָניע איז מיין ווייב... און וועה איז דעם מענשען, וועלכער וועט זי בעלעדיגען... דאָס מעג זיין אפילו איהר אייגענער פאָטער!... אויב דו ווילסט וויסען וואָס איך קען טאָן, דערמאָן זיך וואָס האָט זיך געטראָפען מיט סאַרנאָוויץ'ען... דאָ איז אימיצער צוגעלאָפען צום פענסטער האָט געגעבען א שטאַרקען קלאַפּ און האָט א געשריי געטאָן: גיכער! מען געהט! דו ביסט פערלאָרען!.. דער מילכיקער איז צוגעלאָפען ביז'ן טהיר, האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט א געשריי געטאָן: לעבע וואָהל! מיין טייערע סאָניע...

מיר זיינען אלע געבליבען ווי פערשטיינערטע!

— סאשא! מיין סאשא! האט א געשריי געטאן סאניע און האט זיך געלאזט לויפען נאך איהם. ער האט זיך אומגעקעהרט, האט זי נאך אמאל ארומגענומען און זיי זיינען געבליבען אומגעארמט איניגע סעקונדע... דערוויילע האבען זיך הינטער די פענסטער דער־הערט טריט און פערשיעדענע שטימען... סאשא האט זיך אויפגע־כאפט ווי פון שלאף און האט א געשריי געטאן: א! זיי געהען שוין! עס איז צו שפעט! אויף איין אויגענבליק האט ער זיך פערטראכט, נאך דעם איז ער צוגעלאפען צום טיש האט א כאפ געטאן אין דער גיך דעם אלטען'ס פושקע מיט זיין שמעק־טאבאק... ווי די טהיר האט זיך נור געעפענט און אויפ'ן שוועל האבען זיך בעוויזען צוויי זשאנדארמען, האט ער א כאפ געטאן א גאנצע האנד פול מיט טאבאק און האט א שאט געטאן גלייך די זשאנדארמען אין די אויגען... זיי האבען ביידע א געשריי געטאן און האבען מיט די הענד פערדעקט זייערע געזיכטער... אין דער אייגענער וויילע האט זיי דער „מיל־כיקער" א שטויס געטאן פון זיך און איז געשווינד ארויסגעלאפען...

דעם „מילכיקען גוי" האט מען יענע נאכט אומזיסט געזוכט — ער איז ארויס פון אונזער שטוב און איז פערשוואונדען געווארען, גלייך ווי די ערד האט איהם איינגעשלונגען. די זשאנדארמען און די פאלי־צייסקע האבען זיך געווארפען אין אלע זייטען, האבען איבערגעקעהרט אונזער שטוב, האבען געשריען אויף אונזער סאניע, זי זאל זאגען וואו ער איז; דאס האט זיי אבער ניט געהאלפען. יענע נאכט האט קיינער פון אונז אן אויג ניט צוגעמאכט. ביז טאג איז אונזער שטוב געווען בעלאגערט מיט סאלדאטען און זשאנדארמען, יעדער מינוט האט זיך פון דרויסען געהערט א טרעטעריי מיט אא פייפעריי. מיר זיינען גע־זעסען ניט טויט ניט לעבעדיג. דער אלטער האט געזאגט תהלים, סא־ניע איז געזעסען אין א ווינקעלע שטיל און פערזארגט. וואס איהר הארץ האט געפיהלט אין יענע מינוטען, וואס איהר יונגע און אונגליק־ליכע קאפ האט דאמאלס געטראכט — דאס קען פערשטעהן נור דער, וואס האט אליין פיעל געליטען און שטארק געליעבט...

אין דער פריה, אז זיי האבען שוין דערזעהן אז דעם „מילכיקען" איז אונמעגליך צו געפינען — זיינען זיי געקומען נאך סאניען. זיי

האָבען אונז איבערגעליִיענט אַ פּאַפּיער פון פּעטערבורג. דאָס איז גע־וועזען אַ בעפעהל אונזער סאָניע'ן צו אַרעסטירען און זי צו האַלטען אין געפענגניס אַזוי לאַנג, ווי מען וועט געפינען פאַר נעהטיג. ווען מען האָט געהייסען סאָניען זיך גרייטען אין וועג, האָב איך געפיהלט, ווי מיין הארץ האָט זיך ביי מיר אָבגעריסען. וועה איז מיר! אַ יונג קינד... זי דאַרף אַליין גיך ווערען אַ מוטער... ווער וועט זיין לע־בען איהר? ווער וועט אויף איהר אַכטונג געבען? סאָניע! סאָניע! אויף דערויף האָב איך דיך ערצויגען? אָט אַזאַ נחת האָב איך פון דיר ערוואַרטעט? אויף אַזעלכע וועהטאָגען און צרות האָב איך דיך אויס־געהאָדעוועט? וועה! ווער האָט געוואוסט אַז אָט אַזאַ דאָליע וועט דיר אַרויס, אַזאַ גליק וועט דיר זיין בעשערט!... פּערלאָרען, פּער־שפּיעלט די יונגע, די בעסטע יאָהרען!... דאַרף איך אייך דערצעהלען מיט וואָס'ערע ביטערע טרערען איך האָב געוויינט, ווי אַזוי גיך האָב געקלאָגט און געיאָמערט, אַז זיי האָבען גענומען מיין צווייטען קינד פאַר'ן האַנד און האָבען זי אַוועקגעפיהרט צו דער טהיר? דער אַלטער מיינער איז געשטאַנען בלאַס, אָבער זיין פּנים איז געווען בייז און ער האָט סאָניען איין גוטעס וואָרט ניט געזאָגט. אויך דאַן ווען זי איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט געזאָגט מיט אַ ציטערענדיגען קול: זייַ געזונד, פּאַפּאַ! — אויך דאַמאָלס האָט ער איהר גאָר ניט גע־ענטפערט, ער האָט נור אַראָבגעלאָזען די אויגען... סאָניע האָט פּער־ביסען איהרע ווייסע ליפּען און האָט אויך געשוויגען, זי האָט ניט געוויינט אויך דאַמאָלט ווען זי האָט זיך געזעגענט מיט מיר... נור אַז זי האָט זיך צוקושט מיט איהר קלענערען ברודער, האָט זיך ביי איהר פון הארצען אַרויסגעריסען אַ יאָמער־געשריי. נור זי איז באַלד אַנ־שוויגען געוואָרען און האָט געזאָגט: פּיהרט מיך, איך בין בערייט נאָכצופאָלגען אייך... זי האָט זיך ניט אומגעקעהרט, האָט ניט אַ בליק געטאָן אויף איהר אונגליקליכע דער'הרג'עטע מאַמע... זי איז אַרויסגעגאַנגען מיט גיכע טריט און ביי אונז אין שטוב איז געוואָרען פּוסט און פינסטער, גלייך ווי מען האָט ערשט אַרויסגעטראָגען אַ טויטען...

.5

שוין דאנקען גאָט צוויי קינדער זיינען ביי מיר געזעסען אין אסטראָג! איך ווייס ניט פאר וואָס, נור מיט מיין זוהן פלעגט מיר גרינגער אָנקומען צו זעהען זיך. די זשאנדארמעס מיט די וועכטערס האָבען איהם ניט אזוי געהאסט ווי מיין אונגליקליכע סאָניע. איהר שטאָלצער כאראקטער און איהר אונגליקליכע לאַגע אלס פרוי, איהר שווייגען און איהר עפענטליכע אויסדריקע — אלעס האָט זיי געגען איהר געררייצט און ערצאָרענט. זיי פלעגען זי שימפּפען מיט ניעדריגע ווערטער, פלעגען זי בעלעדיגען יעדער מינוט, און זי האָט דאָס אלעס געמוזט איבערטראָגען. מיין זוהן איז געוואָרען גיך א גוטטער ברודער מיט די ארעסטאנטען און אלע האָבען איהם ליעב געקראָגען דערפאר וואָס ער האָט פיין געזונגען... ניט נור די ארעסטאנטען, אויך פיעל איינוואָהנער פון שטעטעל פלעגען אָפט הערען ווען מיין ליעבער אהרן פלעגט זיך זעצען ביי דער גראטע פון פענסטער און זינגען זיין געליעבטע רוסישע ליעד:

זינג שטארק! זינג הויך! מיין אָרימעס קינד!
אי דיר, אין דיין מוטער איז וועה יעצט און ווינד...
גרויזאמע מענשען האָבען אייך צושיידט!...
אָ! שלעכטער שיקזאל! אָ! ביטערע נויט!...

זעקס חדשים זיינען אונזערע קינדער געזעסען אין אָסטראָג ביי אונז אין שטעטעל. מיר האָבען ניט געוואוסט, וואָס מיט זיי וועט זיין, ווי לאַנג מען וועט זיי האלטען און מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיגען? פיעל מענשען האָבען אונז געזאָגט און מיר זעלבסט האָבען אויך געגלויבט, אז דעם זוהן אונזערען וועט מען גיך בעפרייען, ווארום זיין שולד איז ניט גרויס... און אז כאָניען וועט מען אפשר ארויסשיקען אויף עטליכע יאָהר ניט ווייט קיין סיביר. דער אלטער האָט זיך ניט געזעהען מיט סאָניען די גאנצע צייט, און דערנאָך, אז ער האָט זיך דערוואוסט, אז זי האָט געהאט א קינד, האָט ער אפילו איהר נאָמען ניט געקענט הערען. ער האָט מיר אויך פערבאָטען צו געהן צו איהר און צו זעהן זיך מיט אזא חצופה... איך האָב איהם געמוזט שטענדיג נאררען און האָב איהם קיין מאָל ניט דערצעהלט וואו איך בין געוועזען

און ווענען איך האָב געזעהן... און איך, אַלטער נאַרר, פלעג לויפען צו מיין טאַכטער, צו דער אונגליקליכע קימפּעטאָרען... אַן ערשטלינג!... אַ יונגע קינד!;... געלעגען געוואָרען אין האָספּיטאַל!... אָבער וואָס קען ניט אַריבערטראָגען אַ יונגע מוטער? זי איז געווען געזונד און האָט געהאַט אַזאַ שעהנעם, אַזאַ ליכטיגען, אַזאַ געזונדען אינגעלע... אַ אינגעלע, זאָג איך! איך וויים, וואָס ער איז: אַ אינגעל, צו אַ שייגעץ!... און סאָניע (ווער האָט זיך געקענט ריכטען אויף איהר: זי איז געווען שטענדיג אַזאַ שטיל קינד) האָט זיך נאָך פערעקשנ'ט און האָט ניט געוואָלט איהם לאָזען מל זיין בשום אופן!

אַך! פיעל בזיונות און חרפה האָט דאַמאָלט איבערגעטראָגען מיין גרויע קאָפּ — איך בין אין יענער צייט גרוי און אַלט געוואָרען — דאָך איז מיר געווען גרינגער, כל זמן מיינע קינדער זיינען געזעסען ביי אונז אין שטעטעל: דאָ האָב איך געקענט מיט עטליכע גילדען און אַ מאָל מיט אַ גלעזעל בראַנפּען אונטערקויפען די וועכטערס און גרינגער מאַכען די לאַגע פון מיינע אונגליקליכע קינדער. אין גיכען אָבער האָט מען זיי אַריבער געפיהרט קיין אָדעסס און אונז האָט מען אָנגעזאָגט אַ בשורה טובה, אז מען וועט זיי משפּט'ן מיט דעם מיליטער געריכט (וואָיענע סוד!) אַזאַ געריכט אין רוסלאַנד איז קיין שפּאַס ניט און מיר האָבען זעהר מורא געהאַט פאַר דעם שרעקליכען יום הדין.

דעם „מילכיקען" דערוויילע האָט מען נאָך אַלץ ניט געקענט געפינען און קיינער האָט ניט געוואוסט וואו ער איז: נור איך און סאָניע האָבען מיר יאָ געוואוסט, נור עס פערשטעהט זיך, מיר האָבען דאָס געהאַלטען בסוד. דער „מילכיקער" האָט עטליכע מאָל צוגעשיקט דורך זיינעם אַ גוטען פריינד בריעף און גריסען. דעם ערשטען מאָל האָט ער אונז געשריבען פון רומעניא. ער האָט אונז דערצעהלט ווי גליקליך ער איז אַריבער איבער'ן גרעניץ און ווי קלוג ער האָט געשפּיעלט זיין ראָלע. דעם אַנדערען בריעף האָט ער געשיקט פון וויען. ער האָט געבעטען סאָניען זי זאָל ניט פערצווייפלען, זי זאָל היטען איהר טייערען געזונד און דעם געזונד פון זייער ליעבעם קינד. גיך! גיך! האָט ער געשריבען, וועל איך אַריבער קיין בולגאַריע, און דערנאָך וועל איך איך מיינע טייערע, מיינע געליעבטע, ברענגען אַהער,

צו מיר... אַ! ווי נאַררעש איז דער מענש מיט אַלע זיינע האָפ־נונגען און מיט אַלע זיינע פּלענער!...

עס איז אוועק א יאָהר פון דער צייט, וואָס מען האָט אונזער זוהן אהרן ארעסטירט. זיי זיינען ביידע געזעסען אין אסטראָג און מיר האָבען נאָך אַלץ ניט געוואוסט, ווען וועט שוין זיין אַן ענדע פון אונזערע און זייערע יסורים... פון אונז אַלע איז געוואָרען א תל. דער אַלטער האָט נאָך עפּטער אָנגעהויבען צו קריינקען: ער האָט שוין גאָר קיין כח ניט געהאַט צו ארבייטען. ער האָט געשוויגען און קיינעם ניט דערצעהלט פון זיינע שמערצען. אָבער איך האָב גע־זעהן און פערשטאַנען, ווי שווער איהם איז איבערצוטראָגען דעם אונ־גליק פון זיינע קינדער, וועלכע ער האָט פריהער געליעבט... איהם איז אפשר געווען נאָך שווערער ווי מיר. א אידענע ווײנט זיך אויס גאַנץ גוט, ווערט איהר גרינגער... און ביי דעם מאַנסביל ליגען די צרות ווי שטיינער אויפ'ן הארצען... איך האָב געזעהן, אַז דעם אַל־טען איז זעהר שווער, האָב איך אליין געהאָרעוועט און וואָס עס איז פערדיענט מיט מעקלעריי, סאַרווערריי... ביי נאַכט פלעג איך אַר־בייטען זאָקען פאַר פרעמדע אָדער נעהען עפּעס, ווי איך האָב געקענט מיט מיינע אַלטע און קראַנקע אויגען. ווי אָרעם מיר זיינען געווען, דאָך בין איך צוויי מאָל געפאָהרען קיין אדעסס זעהן מיינע קינדער. דעם ערשטען מאָל האָב איך פער'משכן'ט מיינע פערל, וועלכע איך האָב געהיט פון מיין חתונה אָן ווי די אויגען אין קאָפּ. דעם אַנדערן מאָל האָב איך פערקויפט אונזערע פיער זילבערנע לעפעל מיט א זיל־בערנעם בעכער. דער אַלטער אליין האָט מיר געהייסען פערקויפען אונזער זילבער און פאָהרען זעהן זיך מיט די אונגליקליכע. שטעלט אייך פאָר מיין הארץ־וועהטאָג! דעם אַנדערען מאָל בין איך גאָר אומזיסט געפאָהרען: מען האָט מיר ניט ערלויבט צו זעהן זיך מיט מיינע קינדער! ווי פיעל איך האָב דאַמאָלט געבעטען, געוויינט, ווי פיעל טרערען פערגאָסען — עס האָט ניט געהאָלפען: איך האָב געמוזט פאָהרען צוריק, וואָרום אַז ניט וואָלט מען מיך אויך אריינגעזעצט אין אסטראָג.

נאָך איין זומער איז אוועק אהין, וואָהין עס געהן אוועק די ביטערע טעג פון אַלע אונגליקליכע, עס האָט זיך אָנגעהויבען א נייער ווינטער, מיט נייע קעלט, צרות און שלעק. די זונן האָט זיך בעהאַלטען

פון די אָרעמע לייט אויף אַ לאַנגע צייט. די בעסערע טעג, די מינוטען פון פרייד, פון האָפנונג זיינען פערשוואונדען געוואָרען אויף אייביג. שווער איז געווען צו לעבען און ביטער צו שטאַרבען... אין איינע פון די קאַלטע, ווינטערדיגע נעכט זיינען צו אונז פּלוצלונג געקומען צוויי זשאַנדאַרמען און האָבען אונז געזאָגט מיר זאָלען זיך וואָס גיכער גרייט מאַכען אין וועג: נאָך היינט מיט דעם לעצטען צוג וועט מען אונז: מיך, דעם אַלטען אויף אונזער מיזיניקעל, פיהרען קיין אדעסס. וואָס הייסט דאָס? וואָס וועלען מיר דאָרט טאָן? האָבען מירביידע געפרעגט מיט גרויס שרעק און ערשטוינונג.

איבער מאָרגען וועט זיין דער יום הדין פון אייערע קינדער און איהר אַלע דריי וועט זיין עדות; מען האָט אייך ביז יעצט גאָר ניט געזאָגט דערפון, איהר זאָלט ניט האָבען קיין צייט צו־טראַכטען ליגען און איהר זאָלט זיך ניט קענען צוזאַמען רעדען מיט די פערהאָפטע־טע!... אייער קליינעם זוהן נעהמען מיר באַלד צו. איהם וועט מען פיהרען בעזונדער און איהר וועט איהם ניט זעהן ביז נאָך דעם גע־ריכט, כדי איהר זאָלט איהם ניט אויסלערנען וואָס צו זאָגען...

ביי דיעזע ווערטער האָבען זיי באַלד אונזער משה'לע אָנגעטאָן זיין אַלטען רעקעל און האָבען איהם ארויסגעפיהרט. דאָס קינד האָט זיך נעבעך זעהר דערשראָקען און האָט אָנגעהויבען צו שרייען ניט מיט זיין קול: מאַמע! מאַמעניו! לאָז מיך ניט איבער אַליין! איך האָב מורא! איך האָב מורא!... די מערדער אָבער האָבען איהם גע־כאַפּט אויף זייערע הענד ווי אַ שעפּסעלע און זיינען מיט איהם גע־שווינד ארויסגעלאָפען פון אונזער שטוב.

ריכטיג זאָגט מען, אַז דער שלאַפסטער מענש איז שטאַרקער פון אייזען. בערעכענט נור מיינע צרות און הארץ־וועהטאָג, בעקלערט נור מיין לעבען און זאָגט אַליין: וועלכע אייזערנע מאַשינע וואָלט געקענט אַזוי פיעל איבערטראָגען און אַזוי לאַנג זיך האַלטען? פון מיי־נע קינדערשע יאָהרען ביז דער עלטער האָב איך ניט געהאַט קיין גליק־ליכע מינוט. אויסגעוואַקסען בין איך אין אַ פינסטערע אידעשע שטע־טעל אין רוסלאַנד — אומשטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ לעבען פיהרט דער אונגליקליכער און אונטערדריקטער איד אין דעם לאַנד? די גאַנצע יאָהרען פערבראַכט אין צרות, אין אָרעמקייט, אין נויט און אין שרעק. ביי מיינע עלטערען זיינען געווען עלף קינדער. ווער האָט גע־

קענט אויף זיי אכטונג געבען? לאָזען זיי זיך וואלגערען, פלעגט זאָ־
גען מיין פאָטער, אפשר וועלען זיי זיך אויסוואלגערען... נו, האָב
איך זיך אויסגעוואלגערט... חתונה געהאט האָב איך דערפאר, ווייל
א אידישע טאָכטער דארף דאָך חתונה האָבען; געליטען האָב איך
פון מיין מאַן און אלעם איבערגעטראָגען דערפאר, ווייל איך האָב
געוואוסט, אז מיין מאמען איז אויך ניט געווען בעסער... אָ! איך
זאָל קענען דערצעהלען און איבערגעבען אלץ וואָס איך פיהל און
פערשטעה, איך זאָל קענען בעשרייבען די ביטערע דאָליע פון דער אָרי־
מער אידענע! מיר דאַכט זיך, אז אפילו שטיינער וואָלטען געוויינט...

נאָר גאָר ניט! ווי אזוי עס איז אָבגעלעבט אליין דאָס ביסעלע
יאָהרען, דערוואָרט זיך אויף קינדער, מיט צרות און האָרעוואניע
אויסגעהאָדעוועט זיי און ערצויגען. אָבער וועה! וואָס איז מיט זיי
געוואָרען? וואו זיינען זיי אהין געקומען? מענשען! פאר וואָס האָט
איהר אוועקגענומען ביי מיר מיינע קינדער? פאר וואָס מאכט איהר
אזוי פיעל יסורים דעם שוואכען און אונבעשיטצטען אָרימאַן?

איך האָב דערזעהן מיינע קינדער נאָך אזא לאנגע צושיידונג!
נור וואו האָב איך זיי דערזעהן? אין א גרויסען צימער, מיט קייטען
אויף די פיס, ארום גערינגעלט מיט סאָלדאַטען און זשאנדארמען. ביי
א גרויסען טיש זיינען געזעסען די ריכטער אין אָפיצערסקע קליי־
דער. זיי האָבען ניט געריכטעט, זיי האָבען אונז אלע נור געפּלאָגט
און געקוועלט. דאָך האָבען מיר אלע ביז דער לעצטער מינוט נאָך גע־
האָפט. קיינער פון אונז האָט ניט פערצווייפעלט. מיין זוהן אהרן איז
געווען גאנץ רוהיג... ער איז אפילו פון פנים ניט אָראָב. זיינע שעה־
נע באַקען זיינען געווען רויט, אזוי ווי שטענדיג און ער האָט אָפט
גאנץ פרעהליך געשמייכעלט. נור סאָניע איז געווען טרויעריג און
בלאַס. זי האָט בעסער פערשטאַנען פון אונז אלע, וואָס פאר א שרעק־
ליכע שלאַק אונז וואַרט. צוויי טאָג האָט מען אונז געפּייניגט מיט דאָפּ־
ראָסען, געשראָקען מיט געשריי און דראָהונגען. מיר זיינען אלע גע־
בליבען אָהן קרעפטען. אויף צו מאָרגענס שפּעט ביי נאכט האָט מען
אָם ענדע דורכגעלעזען א שרעקליכע רעזאָלוציאָן . . . אזוי ווי
איצט, געדענק איך יענע מינוטען. פאר מיינע אויגען שטעהט דאָס
גאנצע בילד, ווי עס איז פאָרגעקומען. אין דעם גרויסען צימער איז גע־
וועזן דונקעל. די לאָמפּען אויפ׳ן טיש האָבען אזוי געברענט, ווי די

ליכט וואָס מען שטעלט דעם טויטען צו קאָפּענס. אין דער פינסטער האָבען געבלישצעט נור די הוילע שווערדען פון די זשאַנדאַרמען. אַלע זיינען געווען מיעד און דער קול פון דעם ריכטער, וואָס האָט געלייענט דעם גזר־דין, האָט אַזוי געהילכט, גלייך ווי איינער רעדט אין אַ ענגען און פּוסטען קעלער. עס איז געווען שטיל, גלייך ווי אַלץ איז אַנשלאָפען געוואָרען. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אי די ווענד פון דעם דונקעלען חדר, אי די לאַנגע פּוסטע ביינק, אויך אפילו אַלע פערקלאָגטע דרעמלען... עס האָט זיך געהערט, ווי דער „טיק! טאַק!” און ווי אַ קליין רעגענדיל קלאַפּט מיט זיינע דינע טראָפּען אויף דעם בלעך פון דאַך. איך מיט מיין אַלטען זיינען מיר געזעסען פון דער וויטענס אין אַ ווינקעלע... אונז האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס אַלעס איז נור אַ שרעקליכער חלום, וועלכען מיר זעהען אין שלאָף... נור אונזערע הערצער זיינען ניט אַנשלאָפען געוואָרען... לאַנג, אונגעהייער לאַנג האָבען זיך געצויגען די מינוטען. די ווירקליכקייט איז אַלץ ווייטער און ווייטער אַוועק פון זייערע אויגען און מיר האָבען זיך אָנגעהויבען פאָרצושטעלען פירכטערליכע בילדער... פּלוצלונג אָבער איז אַלעס ערוואַכט געוואָרען, אַזוי ווי אַ בליץ איז ארויסגעפלויגען פון דעם ריכטערס מויל און מיר האָבען זיך ערוואַכט. אַ שוידער איז אַריבער איבער אַלעמענס גלידער. מיט אַ ציטערענדע שטימע האָט דער ריכטער אויסגערופען:

„דאָרום איז בעשטימט די פערקלאָגטע צו פעראורטהיילען: דעם וואָיענעם פעלדשער אהרן צורפאָן צום הענגען. זיין שוועסטער סאָניע צו פערשיקען אויף זיבען יאָהר אין די ווייטעסטע געגענדען פון סיביר”.

— הענגען! מיך הענגען!?! האָט אַ געשריי געטאָן מיין אונגליקליכער אהרן ניט מיט זיין קול. פאַר וואָס? פאַר ווען?!

מעהר האָב איך גאָר ניט געהערט און גאָר ניט געזעהן! איך בין געבליבען אין חלשות. איך געדענק ניט ווער און ווען מען האָט אונז ארויסגעפיהרט פון געריכטס־הויז. איך געדענק ניט ווען מען האָט אונז — דאָס הייסט: מיך, מיין מאַן און אונזער מיזיניקעל — געבראַכט אויפ׳ן וואָקזאַל, ווי אַזוי מיר האָבען זיך אריינגעזעצט אין וואַגאָן. צו זיך בין איך געקומען דעמאָלט, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין אונזער ווייסטע און קאַלטע דירה, ביי אונז אין שטעטעל,

ערשט דאָ האָב איך דערפיהלט מיין וועהטאָג און האָב זיך דערמאָנט, וואָס פאר אַ שרעקליכער אונגליק אונז האָט געטראָפען!..

.6

גיך געהט די צייט. די טעג און די יאָהרען פליהען, ווי די פייגע־לעך וואָס אַנטלויפען פון דעם קאַלטען געגענד אין די וואַרעמע און ליכטיגע לענדער... אַלץ ווערט פערענדערט אין דעם מענשענס לע־בען: ער ווערט אונגליקליך, אַלט, עלענד, ער וויינט, ער בעקלאָגט זיינע געליעבטע, זיינע פריינדע שטאַרבען, זיינע קינדער וואַרפען איהם אַוועק, ער לעבט איבער שרעקליכע און שווערע מינוטען, און די וועלט געהט זיך מיט איהר סדר. קיין זאַך ווערט ניט איבערגעביטען... וועה! ווען מיר איז געשעהען מיין אונגליק, ווען מען האָט ביי מיר, ביי דער אונשולדיגער און אָרימער מוטער, צוגענומען מיינע טייערע קינדער, ווען מען האָט אַזאַ אונשולדיגען, אַ בליהענדען אַ לעבהאַפ־טען יונגען מאַן, ווי מיין ליעבער אהרן, — ערמאָרדעט — האָט זיך מיר געדאַכט, אַז צוזאַמען מיט מיר דאַרפען זיך אויפכאַפּען אַלע מענ־שען פון דער וועלט מיט איין יאָמער און קלאָג, אַז די זונן דאַרף אויפהערען צו שיינען און אַראָבפאַלען פון הימעל אויף דער ערד און צורייבען אויף שטויב די גאַנצע ערד, מיט אַלץ וואָס אויף איהר גע־פינט זיך, און אין דער ווירקליכקייט איז אַלץ געגאַנגען מיט דעם אַלטען גאַנג, און עס איז נור געבליבען עטליכע קנייטשען מעהר אויף מיין פערשוואַרצטען פּנים און מיט עטליכע וואונדען מעהר אין מיין צוריסענע הארץ!...

גיך זיינען אַוועק עטליכע חדשים נאָך יענעם שרעקליכען יום־הדין און עס איז געקומען דער פירכטילכער טאָג, ווען מיין אונגליקליך קינד, מיין ערשט־געבאָרענער זוהן, האָט זיך געדאַרפט צושיידען מיט זיין לעבען, אָפּזעגענען זיך מיט אַלעמען, און געהן אין פינסטערען, ענגען גרוב... סאָניע מיט איהר קינד האָט מען שוין לאַנג אַוועקגע־שיקט קיין סיביר. נור דאָס האָט זיך ביי מיר נאָך אויסגעוויזען פאַר אַ גליק. דאָך בלייבט זי לעבען און אין זיעבען יאָהר ארום קען מען זיך נאָך ווידער דערזעהן. מיין אהר׳ען אָבער, מיין ליעבען זוהן, וועל איך שוין ניט זעהר קיין מאָל! די שווערע און שוואַרצע ערד האָט איהם

פערדעקט און פערבאָרגען אויף אייביג, אויף אייביג!...

פערצייהט מיר, וואָס איך מאַך אייך טרויעריג מיט מיינע ווער־טער... גיט אַ בליק אויף מיין אַלטען גרויען קאָפּ און וויינט צו־זאַמען מיט מיר! וויינט מיט דער אַלטע מאַמע, וועלכע בעקלאָגט איהרע קינדערלעך! וויינט מיט די אונגליקליכע, וועלכע שרייען און פרעגען: ביז וואַנען נאָך וועלען מענשען איינע די אַנדערע טון אַזוי פיעל שלעכטס? ביז וואַנען נאָך וועט גוואַלט הערשען איבער אונז? ביז וואַנען נאָך וועט זיך גיסען אונזער בלוט און אונזערע ביטערע טרע־רען?...

נור לאָמיך אייך דערצעהלען כסדר ווי עס איז צוגעגאַנגען:

ביז דער לעצטער מינוט האָב איך אַלץ געלעבט אין האָפנונג. מיר האָט זיך אַלץ אויסגעוויזען, אַז עס קען גאָר ניט געשעהן אַזאַ אונגליק. נאַרר איינער, האָב איך זיך אַליין געטרייסט, דאָס האָט מען איהם נור אָבגעשראָקען. פאַר וואָס זאָל מען ביי איהם אָפּנעהמען זיין יונגען לעבען? מען וועט איהם אין גיכען מסתמא ארויסלאָזען און ער וועט קומען און וועט פאַלען זיין מוטער אויפ'ן האַלז...

אַך, יאָ! ער איז געקומען און געפאַלען זיין מוטער אויפ'ן האַלז; נור דאָס איז געווען אין די לעצטע נאַכט פון זיין לעבען!

פאַר זיין טויט האָט מען אונז ווידער אַלע געבראַכט קיין אדעסס און מען האָט אונז שוין צוריק אהיים ניט ארויסגעלאָזט. איך האָב נאָך ניט געוואוסט, אַז עס איז שוין בעשלאָסען געוואָרען מאָרגען גאַנץ פריה פאַרטאָג אויפצוהענגען מיין אהרן'ען... קיינער האָט דאָס מיר ניט געזאָגט... ביי נאַכט האָט מען איהם געבראַכט צו אונזער קאַמער געזעגענען זיך... אָבער ער האָט זיך ניט געזעגענט... ער האָט זיך צוקושט מיט אונז נור ביי זיין קומען, ער האָט ניט גע־וואָלט, אַז איך זאָל וואָס מערקען... ער איז געווען בלאַס און טרויעריג. עטליכע מינוט האָט ער פערבראַכט מיט אונז; נאָך דעם איז ער אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט: זייט געזונד!

איך וויים ניט וואו איז אַהינגעקומען אין יענער צייט מיין נאַררישער שכל... איך האָב גאָר ניט פערשטאַנען און גאָר ניט בע־מערקט... איך בין געווען זעהר מיד פון וועג און בין געפאַלען ווי אַ שטיין און אַנשלאָפען געוואָרען... ארום אַ זייגער פינף אין דער פריה האָט מיר פלוצלונג זעהר שטאַרק אָנגעהויבען צו וועה צו טאָן מיין

הארץ. איך בין נאך געלעגען מיט פערדעקטע אויגען, אבער איך האב שוין ניט געשלאפען. איך ליג אזוי און הער ווייט, ווייט א קול פון א הארן, אזוי ווי דער קול פון א שופר. א פערוואונדערטע, א דערשראק־קענע האב איך זיך אויפגעכאפט און האב אנגעהויבען צו צוהערען זיך: שטיל!

— דו שלאפסט ניט לאה? האט מיך געפרעגט מיין מאן מיט א ציטערענדיגען און וויינענדיגען קול.

איך גיב א קוק, ער זיצט מיט זיין תהלים׳ל אין האנד. זיינע אוי־גען זיינען פערשוואלען פון געוויין.

— וואס איז? וועה איז מיר!... האב איך א געשריי געטאן און בין אראבגעשפרונגען פון בעט.

— שטארק זיך, לאה! עס איז געשעהען... עס איז שוין גע־שעהען!...

נאך דעם האבען מיר זיך דערוואוסט, אז עס איז געשעהען טאקע פונקט אין דער מינוט. קיינער האט אונז ניט געזאגט, נור דאס הארץ האט געוואוסט און האט אונז דיעזע שרעקליכע נאכריכט געבראכט. אקוראט פיער א זייגער האט מען זיי אויפגעוועקט: מיין זוהן און נאך א יונגען מאן, וועלכער איז אויך ניט געשטארבען מיט דעם אייגענעם טויט... מען האט זיי גיך אנגעטאן, אריינגעזעצט אין א וואגען און אוועקגעפיהרט אונטערן שטאדט אויפ׳ן פעלד, וואו עס זיינען שוין געשטאנען צוויי תליות, שטילערהייד האט מען זיי געפיהרט איבער׳ן שטאדט, שטיל זיינען געגאנגען די סאלדאטען ארום וואגען. אין דרויסען איז געווען פינסטער... א שווארצער טו־מאן איז געהאנגען איבער דער ערד. ווי באלד מען האט זיי צוגעפיהרט צו דעם שרעקליכען ארט, וואו עס זיינען געווען פיעל סאלדאטען אין נאטשאלסטווא, האבען די סאלדאטען גענומען זייערע ביקסען „נא קאראאול”. די אפיצערען האבען ארויסגעשלעפט זייערע שווערדען פון די שיידען, און דער סעקרעטאר האט אנגעהויבען צו לייענען די רעזאלוציאן. נאך דעם האבען די הארניסטען אנגעהויבען צו שפיעלען עקזעקוציאנס־סיגנאל און דער תליון האט אנגעטאן פריהער אויף מיין זוהן א ווייסען קיטעל, און...

ניין! ניין! פרעגט מיך ניט, וואס ווייטער איז פארגעקומען. איך קען ניט מעהר דערצעהלען! איך האב ניט קיין קראפט אלעס, אלעס

צו דערצעהלען! מיין קראַנק הארץ צורייסט זיך אויף שטיקער און טרערען, ביטערע טרערען, שטיקען מיך און ווארגען!...

אזא יונגע בוים איז אָפּגעהאַקט געוואָרען מיט געוואַלט! מער־דער האָבען ביי איהם גערויבט זיין לעבען! אין פּופּצעהן מי־נוטען האָבען זיי כּיט איהם געענדיגט. נאָך דעם האָט מען איהם אריינגעלייגט אין א ווייסע טרונע און אריינגעוואָרפען אין א גרוב. די גרוב האָט מען באלד פערשאָטען און עטליכע באטאליאָנען סאָל־דאטען האָבען אזוי לאַנג געמארשירט איבער'ן פרישען קבר'ל, ביז וואַנען דער אָרט האָט זיך פערגלייכט און עס איז פון איהם קיין סימן ניט געבליבען... קיינער אין דער וועלט ווייס ניט, קיינער קען ניט געפינען דעם אָרט, וואו עס ליגען די ביינדעלעך פון מיין אָרים, אונ־גליקליך, ערמאָרדעט קינד!...

אָ! און נאָך אזא שענדליכען פערברעכען איז נאָך דער הימעל אַלץ ניט אראָבגעפאַלען אויף דער ערד און די שטערען האָבען נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו בלישצען! און נאָך אזא שרעקליכע מערדע־ריי האָבען נאָך מענשען אַלץ די העזה צו רעדען פון גערעכטיגקייט און ליעבע!... אָ! מענשען! מענשען!...

7.

צוויי מיט א האַלב חדשים האָט מען אונז געהאַלטען אין אדעס־סער אסטראָג. נאָך דעם האָט מען אונז מיט'ן עטאַפּ געפיהרט פון איין אָסטראָג אין דעם אַנדערן, ביז מען האָט אונז געבראַכט קיין מאָסקוואַ אין דעם צענטראַל אסטראָג. דאָ ערשט האָט מען אונז ערקלערט, אז מען שיקט אונז ארויס אין טיעף סיביר. פאַר וואָס? פאַר וואָס האָט מען אונז געפּלאָגט אין געפענגנים אזוי פיעל צייט? פאַר וואָס האָט מען געמאַכט א תל פון אונזער ביסעל בעל הביתישקייט? פאַר וואָס האָט מען געמאַכט פאַר אַן ארעסטאַנט אונזער קליינעם און אונשול־דיגען זוהן משה'לע? — זיי האָבען זיך געפירכטעט אז מיר זאָלען מיט אונזערע טרערען ניט ריהרען די הערצער פון אונזער בעקאַנטע; זיי האָבען מורא געהאַט אז אונזער שרעקליכע ערצעהלונג זאָל ניט עפענען די אויגען פון די אונפארשטענדיגע מענשען, וועלכע טראָ־גען איבער מיט געדולד אַלע גרויזאַמקייטען פון זייערע הערשער און

ערלויבען צו טאָן מיט זיך אַלעס, וואָס זייערע אונטערדריקער פער־לאַנגען ! . . .

אַך ! ניט אומזיסט זאָגען די ארעסטאנטען, אַז דער אַסטראָג איז אַן אוניוורזיטעט. דער מענש, וואָס איז נור ניט פערדאָרבען, לערענט זיך אויס אין דעם שרעקליכען אוניוורזיטעט צו פערשטעהן דאָס, וואָס ער האָט פריהר ניט געקענט בעגרייפען, און דענקען פון דעם, וועלכעס האָט איהם ביז יעצט ווענינ אינטערעסירט. דאָס וואָס איך האָב ערפאהרען אין די לעצטע עטליכע יאָהר, דאָס וואָס מיר איז ערקלערט געוואָרען אין יענער צייט קען נור וויסען דער, וואָס האָט פיעל געזעהן, פיעל איבערגעטראָגען אין זיין לעבען, פיעל גע־ליטען און פיעל געוויינט. אין מאָסקוער צענטראַל־געפענגנים איז גע־ווען וואָס צו זעהן און צו הערען, — עס איז געווען ביי וועמען צו לערנען און פון וואָס אַראָבצונעהמען זיך אַ מוסר. פיעל מענשען לעבען זיך אָפּ זייער וועלט און ווייסען גאָר ניט וואָס הייסט צרות, שלעק, אונגליק און נויטה. אַך ! ווען זיי וואָלטען געקענט פיהלען דאָס, וואָס עס פיהלען די אונגליקליכע, וועלכע פלאָגען זיך אין די פינסטערע אַסטראָגען, אָבגעריסען פון זייער היימאַט, פון זייערע פריינד, פון אַלעס, וואָס ביי לעבעדיגען מענשען איז הייליג און טייער !

אין מאָסקוער אַסטראָג זיינען מיר געזעסען מעהר ווי פיעל מיר האָבען געדענקט. דאָ האָט אונז געטראָפען אַ נייער אונגליק: אונזער מוזיניקעל, אונזער געליעבטער משה׳לע, איז פּלוצלונג זעהר שטאַרק קראַנק געוואָרען. ער האָט געברענט ווי אַ פייער. גאַנצע נעכט פלעגט ער זיך וואַרפען ווי אַ דערשראָקענע פייגעלע, האָט גערעדט פון היץ, האָט זיך געשראָקען און געוויינט. אויפ׳ן פינפטען טאָג האָט איהם בעזוכט אַ דאָקטאָר און האָט געפונען, אַז ער האָט אַ געפעהרלי־כען טיפוס. ער האָט איהם געהייסען באַלד צונעהמען אין האָספּיטאַל. דער ערשטער עטאַפּ איז דארום אַוועק אָהן אונז, און מיר זיינען גע־בליבען וואַרטען ביז וואַנען אונזער קינד וועט געזונד ווערען.

לאַנגזאַם האָבען זיך געצויגען די טעג; נאָך לאַנגזאַמער זיינען געווען די שרעקליכע נעכט. אַז עס פלעגט ווערען שטיל ארום, אַז עס פלעגט זיך שוין ניט הערען דער קלאַנג פון די אייזערנע קיי־טען און דער ליאַזג פון ביקסען, פלעגען מיך אָנהויבען צו פייניגען און שרעקען פירכטליכע בילדער און עראינערונגען... דאכט זיך,

ווי לאַנג איז דאָס געווען, מיר האָבען זיך געלעבט ווי אַלע פּראָסטע מענשען. מיר זיינען געווען אָרים, דאָך גליקליכער פון מאנכע רייכע מענשען, וואָרום מיר האָבען געהאַט שעהנע, קלוגע און אָרענטליכע קינדער. ווי הילכיג פלעגט קלינגען מיין סאָניעס זילבערנער געלעכ־טער! מיט וועלכע געפיהלען און געשמאַק פלעגט אָפט זינגען אונזער אונגליקליכער אהרן! ווי זיס זיינען געווען די חכמות פון אונזער קליי־ניטשקען משה׳לע! דאָס אַלץ איז ביי אונז מיט אַ מאָל אָבגענומען געוואָרען! ווער מאַכט דאָס אַזעלכע שרעקליכע שטורעמס אין דעם מענשענס לעבען? וועלכע אומשטענדען דריקען דעם מענשען אָבצו־זאָגען זיך פון זיין אייגענעם גליק, בעאונרוהיגען זיך, אָפּפערען מיט זיין לעבען?... ווי אַזוי האָט זיך דאָס געטראָפען, אַז מיר, אַלטע און פּראָסטע מענשען, זיינען געוואָרען פערברעכער, אַז אַזאַ יונגער מאַן ווי מיין אהרן זאָל פלוצלונג ערמאָרדעט ווערען, אַז אַזאַ איידעל און שלאַף קינד ווי מיין מוזיניקעל זאָל נעבעך ליגען אַ קראַנקער אין האָספּיטאַל צווישען פרעמדע מענשען? דאָס אַלעס איז דאָך ניט קיין צופעליגקייטען, מען מוז דאָך עפּעס אַנהויבען דענקען דערפון!..

אין מאָסקווער אַסטראָג האָב איך ערהאַלטען דורך אַ בעקאַנטען סאָציאַליסט אַ בריעף פון מיין סאָניע. זי איז געווען פערשיקט ווייט אין אַ וויסטע און אָרימע שטעטעל. שרעקליך און שווער איז געווען איהר לעבען אין דעם וויסטען און קאַלטען געגענד. אַ שווערען איינ־דרוק האָבען אויף איהר געמאַכט די בערג מיט שנעע און דער יאָמער פון די הונגעריגע וועלף... די ערשטע צייט האָט זי געמיינט, אַז זי וועט ניט איבערטראָגען אַזאַ לעבען און וועט שטאַרבען אָדער אַראָפּ פון זינען. אָבער, עס האָבען זיך געפונען באַלד „איניגע”, וועלכע האָ־בען איהר אונטערשטיצט, געטרייסט און זי האָפּט יעצט, אַז איהרע קרעפטען וועלען איהר ניט פערלאָזען. „איך קען ניט, איך האָב ניט קיין רעכט צו פערצווייפלען, — אַזוי האָט זי מיר געשריבען, — איך בין אַ מוטער, איך האָב אַ זוהן, וועלכען איך מוז ערציהען און צו־גרייטען צום לעבען”... יאָ! שטאַרק, וואונדערבאַר איז די קראַפט פון פריינדשאַפט און מענשענליעבע, אָבער שטאַרקער און אַלמעכ־טיגער פון אַלץ אין דער וועלט זיינען די געפיהלען פון אַ מוטער...

נור וואָס דערצעהל איך אייך נור פון זיך איך וויים, איהר זייט נייגעריג צו וויסען, וואָס האָט זיך פון יענער צייט אָן פּאַסירט מיט

אונזער „סאַשאַ“, וועלכער איז אייך בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „מילכיקער גוי“. א לאַנגע צייט האָט קיינער פון אונז קיינע נאָכ־ריכטען ניט געהאַט פון איהם. עס האָט זיך געהערט מען האָט איהם געפאַנגען און געבראַכט צוריק קיין רוסלאַנד. אַנדערע האָבען דער־צעהלט, אַז ער איז שוין לאַנג געשטאָרבען. דער אמת איז, ער איז געוועזען טאַקע ניט ווייט פון טויט און אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער באַלד געשריבען זיין אונגליקליכע און געליעבטע סאָניע, א מערק־ווירדיגען בריעף. סאָניע האָט דעם בריעף געהיט, און איך קען אייך יעצט נאָך איבערגעבען וואָרט אין וואָרט, וואָס דאָרט שטעהט גע־שריעבען:

„מיין געליעבטע פרוי! מיין טהייערער און אונבעקאַנטער זוהן! פון האָספּיטאַל שרייב איך אייך דיעזע ווערטער. פון דער ווייטען רעד איך מיט אייך און דערצעהל וואָס עס פיהלט יעצט מיין האַרץ. וואָס קען פיהלען דער אונגליקליכער, וועלכער איז פערוואָרפען ווייט פון זיין פאַטער־לאַנד, וועלכער איז אָפּגעשיידעט פון די, וואָס זיינען איהם טייערער פון זיין אייגענעם לעבען?... מיין פרוי! מיין אונשולדיג קינד! פיעל שמערצען און לייד האָב איך אייך געבראַכט: אָבער דאָס איז ניט מיין שולד. די אומשטענדען זיינען שטאַרקער פון אונז, די אינ־טערעסען פון דער געזעלשאַפט זיינען העכער און וויכטיגער פון אונ־זערע אייגענע ווינשע און שטרעבונגען. סאָניאַ! זיי אויף מיר ניט בייז, וואָס איך האָב דיר אַזוי לאַנג ניט געשריבען: איך בין געוועזען גע־פעהרליך קראַנק און האָב עטליכע מאָנאַטען געקעמפּפט מיט דעם טויט. ווער ווייסט, פילייכט האָט די נאַטור מיר געשענקט דעם לעבען, איך זאָל נאָך געניסען פרייד און גליק אין איינעם מיט אייך, מיינע ליעבע און מיינע טייערע! עס איז אויך מעגליך, אַז דאָס וואָס די פראַכטפאָלע נאַטור האָט מיר געשענקט, וועלען ביי מיר רויבען די ניעדערטרעכטיגע שקלאַווען.

„דו ווייסט שוין, ווי אַזוי איך האָב זיך אַריבער געכאַפּט קיין רומעניען. עטליכע מאָנאַט האָב איך זיך געוואַלגערט אין דעם אָרימען לאַנד. איך האָב זיך געמוזט היטען און בעהאַלטען.
— מען האָט מיך גוט געזוכט און נאָכגעפאָלגט. צו פוס, אין קליי־דער פון א רומענישען פויער בין איך געגאַנגען פון איין דאָרף אין דעם אַנדערען, ביז איך בין געקומען צום עסטרייכער גרענעץ...

ניט גרינג איז מיר געווען אריבערצוגעהן קיין עסטרייך; ניט גרינג איז מיר געווען פון בוקאָווינאַ אַהן אַ גראָשען געלד און אָהן די דייטשע שפּראַך, צו קומען קיין וויען. עטליכע מאָל האָבען מיך געפּאַקט די עסטרייכער זשאַנדאַרמען און מיט פיעל מיהע איז מיר געלונגען פון זייערע הענד צו בעפרייען. אַם ענדע בין איך געקומען קיין וויען. אַט דאָ האָבען זיך אָנגעהויבען פאַר מיר נייע צרות און שלעק. קיין בעקאַנטע האָב איך ניט געהאַט, קיין מיטעל צום לעבען איז ניט געווען, די שפּראַך איז מיר געווען פרעמד און אויסערדעם האָב איך זיך נאָך געדאַרפט היטען און פערבאָרגען. גאַנצע טעג האָב איך געבלאָנזעט איבער די גאַסען פון שטאָט און האָב ניט געוואוסט וואָהין צו געהן און וואָס צו טאָן. שלאָפען פלעג איך אויף די בענק פון די בולוואַרען. מיך האָט אָנגעהויבען צו מוטשען דער הונגער און איך האָב געזעהן, אַז אויף קיין הילף קען איך ניט וואַרטען. ווי איך האָב געקענט האָב איך געבעטען ארבייט, מען האָט אָבער ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט מיך פערשטעהן... דריי טעג האָב איך זיך געהאַלטען, אויפ׳ן פיערטען טאָג בין איך געבליבען אונמעכטיג און בין געפאַלען אין מיט׳ן גאַס. איך געדענק ניט, ווען מען האָט מיך אויפגעהויבען און ווי אזוי מען האָט מיך געבראַכט אין האָספּיטאַל. עטליכע מאָנאַטען בין איך געלעגען אין טיפוס, און די דאָקטוירים האָבען אליין ניט געוואוסט צו וועל איך בלייבען לעבען. יעצט אָבער פיהל איך זיך גאַנץ גוט, און גיך וועל איך זיך אויסשרייבען פון האָספּיטאַל... איך האָב שוין יעצט דאָ אייניגע בעקאַנטע און מיט זייער הילף וועל איך קענען האַלטען ווייטער מיין וועג. ווי איך פערשטעה וועל איך אין בולגאַריען ניט זיין פערזיכערט פון די רוסישע שפּיאָנען, דארום האָב איך מיך בעשלאָסען צו פאָהרען אין די שווייץ, וואו מיר האָבען אזוי פיעל פריינד און בעקאַנטע. איין פראַגע מאַכט מיך אונרוהיג: האָבען זיך מיינע פערפאָלגער ניט דערוואוסט, וואו איך בין? וועט מיך די עסטרייכער פּאָליציי איבערגעבען צו מיינע פיינד אין די הענד? נור שרעק זיך ניט, מיין טייערע, מיין געליעבטע סאָניטשקאַ! דו ווייסט דאָך אז איך בין אָפט געווען נאָך אין ערגערע סכנות און בין דאָך ניט פערלאָרען געוואָרען.

„ע! פון זיך דענק איך יעצט זעהר ווייניג. איך וועל דיר זאָגען די וואַרהייט, אז דער קאַמפּף איז מיר שוין אזוי צוגעגעסען געוואָרען,

אז איך וואָלט שוין אַליין געוואָלט איבערגעבען זיך אין מיינע פיינדס הענד — און לאָז זיין אַן ענדע פון מיינע צרות! איך שעץ יעצט מיין לעבען נור דערפאר, ווייל איך ווייס, אַז דאָרט ווייט, אין דער קאַלטער און וויסטער סיביר, פלאָגען זיך מיינע געליעבטע, אַז עס וואַרטען אויף מיר מיינע געשעצטע פרוי און קינד! מיין קאַמפף האָט יעצט אַ ווירדע אין מיינע אויגען, ווייל איך מוז דענקען און געפינען אַ מי־טעל אייך, מיינע טייערע, צו בעפרייען און בעלאָהנען פאַר די שווע־רע טעג, וועלכע איהר פערברענגט אין דעם וויטען און פרעמדען לאַנד... שטאַרק זיך, מיין סאָניע, היט זיך אָב און היט אָב מיין קינד... איך וועל אייך רעטען, איך וועל אייך בעפרייען!"

ניט אומזיסט האָט ער מורא געהאַט! פון האָספיטאַל גלייך האָט ער געטראָפען ניט קיין שווייץ... מען האָט איהם איבערגעגעבען צו די רוסישע שפּיאָנען אין די הענד. זיי האָבען איהם פערשמידט אין אייזערנע קייטען און געהיט ווי די אויגען אין קאָפּ. מיט גרויסע פאָר־זכטיגקייט האָט מען איהם געפיהרט פון עסטרייך קיין רוסלאַנד. זיינע וועכטער האָבען ניט געשלאָפען און ניט געגעסען. אין קיעוו האָט מען איהם אריינגעזעצט אַליין אין אַ איינגע שטאַרק־געמויערטע קאַמער. עס האָט זיי אָבער ניט געהאָלפען. דער „מילכיקער" איז געווען קליגער, פעהיגער און ענערגישער פון זיי אַלע... אין אַ פינסטערע נאַכט האָט ער דורכגעבראָכען דעם אויווען ביי זיך אין קאַמער; דורך דעם קוי־מען איז ער ארויסגעקראָכען אויפ'ן דאַך און פון דאָרט האָט ער זיך שטילערהייד אראָבגעלאָזט און איז נאָך אַ מאָל אַנטלאָפען געוואָ־רען.

8.

מיר זיינען אוועק פון מאָסקווא מיט דעם צווייטען עטאַפּ. אָבער אומזיסט האָבען מיר געוואַרט אויף אונזער קינד, אויף אונזער ליע־בען און טהייערען משה'לע. אָהן איהם האָבען מיר געמוזט געהן. ער איז געבליבען אין מאָסקווא אויף אייביג. זיין שלאַפער קערפּער האָט ניט געקענט איבערטראָגען דעם שרעקליכען טיפוס, און ער איז גע־שטאָרבען צווישען פרעמדע מענשען, אין אַ „קאַזאָנעם" האָספּיטאַל! דאַמאָלס האָב איך צום ערשטען מאָל אָנגעהויבען צו פרעגען זיך

אַליין: אויב עס איז דאָ אַ גאָט, פאַר וואָס שטראָפט ער אַזוי גרויזאַם אָרימע און אונשולדיגע לייט? אויב עס איז דאָ גערעכטיגקייט, ווי אַזוי קענען עפּענטליך עקזיסטירען אַזאַ מערדעריי און אונגערעכטיג־קייט?... די היינטיגע געבילדעטע יונגע לייט געבען מיר צו פערשטעהן, אַז אַזוי מוז געהן די געשיכטע פון דעם מענשען... אַך! גוט! נור וואָס פאַר אַ געשיכטע וועט דערצעהלען פון די קוואַלען און יסורים, פון די טרערען און שמערץ פון אַן אָרימער אונבעקאַנטער אידענע? וועלכע געשיכטע וועט קענען בעפריעדיגען די מוטער, וועלכע האָט פּלוצלונג פערלאָרען דאָס, וואָס מען קען ניט קויפען פאַר קיינע שאַצען אין דער וועלט, — דאָ, וואָס מען קען ניט בעלאָהנען, מיט קיין זאַך און קיין רוהם! — מיינע געשטאָרבענע קינדער וועט מיר קיינער ניט אומקעהרען, און מיין האַרץ, די צובראָכענע האַרץ פון אַן אונגליק־ליכער מוטער, וועט קיין קינסטלער אין דער וועלט ניט קענען מאַכען גאַנץ. צו פיעל, צו פיעל אָפּפער פאָדערט די געשיכטע ביי די אָרימע אונבעשיצטע קבצנים, און צו ביליג, צו גרינג, קומט עס אָן די מיוחסים, וועלכע האָבען זיך געזעצט אויף אונזער האַלז!...

לאַנג האָט זיך געצויגען אונזער וועג פון מאָסקווא ביז דער וויי־טער און ווייטער סיביר. עטליכע וואָכען זיינען מיר געפאָהרען מיט׳ן אייזענבאַהן און פיעלע חדשים מיט׳ן וואַסער און פערד און אויך צו פוס. לאַנג און טרויעריג איז געוועזן דער וועג, ווי דער אידישער גלות. ברייט און ווייט האָט זיך צו־וואָרפען דאָס לאַנד, וואו הונדערט מי־ליאָן מענשען קרעכצען אונטער דעם יאָך פון איין טיראַן. אונבעגרע־נעצטע פעלדער האָבען זיך געצויגען פון ביידע זייטען פון אונזער וועג. אָרימע דערפלעך, נידריגע און קליינע הייזלעך גרויסע און אַלטע וועלדער. נאָך דעם האָבען זיך אָנגעהויבען די הויכע און די מערקוויר־דיגע בערג פון אוראַל און נאָך ווייטער גרויסע טייכען און גרויסע וויסטעס בעדעקט מיט שנעע... צווישען אָט די פּראַכטפאָלע וועל־דער און בערג, אויף די גרויסע פעלדער און גרויסע טייכען האָבען מיר גאָר ניט בעגעגענט, וואָס עס קען פרייען דעם מענשענס האַרץ און ענטציקען זיין בליק. מיר האָבען געזעהן דעם אָרימען און אונטערדריק־טען רוסישען אַקער־בויער, מיט אַ בלאַסען געזיכט און טרויעריגען בליק, אין לאַפּציעס, אַנשטאָט שטיוועל, און מיט שוואַרצע שטיקער ערד אַנשטאָט ברויט; מיר האָבען געהערט די הויכע שטימען פון

אונזערע בעאמטע און דאָס קרעכצען פון דעם אונטערדריקטען פאָלק. מיר האָבען געהערט די טרויעריגע ליעד פון דעם געפּלאגטען און אונגליקליכען „מוזשיק"... און די ליעד האָט זיך געטראָגען ווייט פון איין געגענד צו דעם אַנדערן און איז פערזונקען געוואָרען אין דער ווייטער וויסטע... אָפט גיסען זיך טרערען אויף דעם בריי־טען און איינגעטראָטענעם וועג, וואָס פיהרט פון מאָסקווער און אַנדע־רע אָסטראָגען קיין סיביר, אָפט קלינגען דאָ קייטען און עס שוועבען אין דער לופט שטילע זיפצען! פון די אַלע שטילע זיפצען און קרעכ־צען צוזאַמען וואָלט געקענט ווערען אַ שרעקליכער דונער, וועלכער וואָלט געדונערט און געהילכט פון איין זייט וועלט ביז דער אַנדערער, פון די ביטערע טרערען, ווען מען זאָל זיי צוזאַמען קלייבען, געקענט ווערען אַ ים, וועלכעס וואָלט פערפלייצט אַלע לענדער און דערטרונ־קען אַלע נידערטרעכטיגקייטען — אין דעם ים האָב איך אויך אריינגעגאָסען פיעל גרויסע, גרויסע טראָפּען!

די נאַכריכט, אז מען בעפרייט מיך, האָט מיך ווענוג געפרייט. אהיים? וואו איז דעם אונגליקליכען אידענס היים? וואו איז מיין היים? צו וועמען וועל איך פאָהרען? וואוהין? וועמען האָב איך דאָרט און ווער וואַרט אויף מיר? מיינע נייע פריינד האָבען מיר אַ ראַטה גע־געבען איך זאָל בעטען ביי לאָרים מעליקאָווען ער זאָל מיר ערלויבען צו פאָהרען אין יענעם געגענד פון סיביר, וואו מיין איינציגע, מיין טייערע טאָכטער סאָניע וואָהנט... און אויב ניט, זאָל מיר ערלויבט זיין אָנצולעבען מיינע לעצטע טעג אין דער שטאָט, וואו מיין מאַן איז געשטאָרבען און מען זאָל מיך מקבר זיין לעבען דעם קבר פון דעם, מיט וועלכען איך האָב זיך אָבגעמוטשעט מיין גאַנצען לעבען... אין דער צייט האָב איך ערהאַלטען פון מיין ליעבע טאָכטער אַ בריעף. זי איז געוועזען מונטער און האָט מיך געבעטען איך זאָל ניט פערצווייפ־לען. „מיין זוהן, און דיין איניקעל", אזוי האָט זי מיר געשריבען, „איז אַ שעהנער און אַ פיינער יונג. ער איז קלוג און פעהיג ווי זיין בראַווער פאָטער. איך דערצעהל איהם אָפט פון זיין גוטע „באַבושקאַ" און ער פרעגט זיך שטענדיג: ווען וועט שוין די באַבושקאַ קומען צו אונז?... וואַרט מיין קינד, זאָג איך איהם, גיך וועט קומען אַ צייט, אז מיר וועלען אַלע זיין צוזאַמען און די באַבושקאַ וועט דיך אזוי

ליעב האָבען ווי איך האָב דיך ליעב און זי וועט דיר דערצעהלען נאָך שעהנערע געשיכטעס ווי איך".

אַט דער בריעף האָט ווידער ביי מיר ארויסגערופען גוטע טרעד־רען, טרערען פון האָפנונג און פרייד... בין איך נאָך ניט אליין געד־בליבען אויף דער וועלט? איך האָב נאָך א ליעבענדע א טרייע טאָכ־טער, א שעהנעם און א קלוגען אייניקעל?! אָ! דאַרף דער מענש פערצווייפלען? האָט ער דאָס רעכט אַראָבצולאָזען די הענד און זאָגען: אַלץ איז שוין פערלאָרען? איך האָב אָנגעהויבען צו צעהלען די טעג, ווען מיר וועט שוין אָנקומען אן ענטפער פון פעטערבורג און ווען מיר וועט שוין ערלויבט ווערען צו פאָהרען צו מיין סאָניען, און צו מיין מישע... (אזוי רופט מען איהר זוהן).

אין איינעם מיט סאָניעס בריעף האָב איך ערהאַלטען א קאָפּיע פון דעם בריעף, וועלכען צו איהר האָט געשיקט איהר סאשא, ווי מיר רופען איהם דער „מילכיקער גוי"... אַט וואָס ער האָט צו איהר גע־שריעבען:

„מיין סאָניע, מיין מישע! אויב איהר האָט נאָך ניט פערגעסען אייער געיאָגטען און פערפאָלגטען פריינד, אויב איך בין אייך כאָטש אין א טויזענד טהייל אזוי טייער, ווי איהר, מיינע געליעבטע, זייט מיר טייער, — פרעהט זיך צוזאַמען מיט מיר: די האַנד פון די אַלע שפּיאָנען וועט מיך יעצט ניט דערגרייכען. איך בין שוין אין א זיכער אָרט: איך בין אין דעם לאַנד, וואו די קעמפּפער פאַר פרייהייט און גערעכטיגקייט רעכענען זיך ניט פאַר פערברעכער. איך בין אין דער שווייץ, צווישען גוטע ברידער און וואהרע פריינד. די רוסישע זשאַנדאַרמען מעגען יעצט קריצען מיט די ציין. אין א פינס־טערע נאַכט האָב איך צונומען ביי מיר אין קאַמער דעם אויוועז. מיין נאַכבאַר דער אַנדער אַרעסטאַנט, האָט געהערט ווי איך האָב געאַרבייט און האָט געשוויגען, כאָטש ער איז גאָר ניט געווען פון „אונזערע"... העכער אשעה בין איך געלעגען אויפ'ן דאַך... איך האָב אַלץ געוואַרט ביז וואַנען דער וועכטער וועט זיך בעהאַלטען פון רעגען אין זיין בודקע און וועט אַנשלאָפען ווערען. אם ענדע, האָב איך זיך שטיל אַראָבגע־לאָזט... אימיצער זאָל מיך דעמאָלט דערזעהן, וואָלט ער געשטאָר־בען פון שרעק, איך בין געווען אויסגעשמירט אין סאַזשע און שוואַרץ ווי א רוח. מיט שרעק האָב איך זיך צוגע'גנב'עט צום טייך דניעפּער.

דאָ האָב איך זיך אָבגעוואָשען און אויף אַ פרעמדע לאָדקע בין איך אַריבערגעשוואומען אויף דעם אַנדערען ברעג... איך וועל דיר אַמאָל דערצעהלען אַלעס, ווי עס איז פאָרגעקומען, היינט דאַרף איך דיר זאָגען, אַז ביז דעם פּריימישען גרעניץ בין איך געפאָהרען אין די קליידער פון אַ רוסישען אָפּיצער... און דעם גרענעץ בין איך אַריבער אין אַ קאָסטיום פון אַ אידישען חסיד... מען האָט מיך אַריבערגעפיהרט צוזאַמען מיט אַ גאַנצע פּאַרטיי אידען... איין וואָרט, איך בין יעצט פריי... אָבער מיין פרייהייט קען מיך ניט פרייען אַזוי לאַנג איהר זייט נאָך אין געפענגנים... איך וועל זיך ניט בערוהיגען און וועל ניט צופריעדען בלייבען ביז וואַנען איהר, מיינע געליעבטע און מיינע טייערע, וועט ניט זיין אין איינעם מיט מיר. צום ווידערזעהן!"

9.

צייט, צייט צו ענדיגען מיין טרויעריגע געשיכטע! ניט יעדען קען אינטערעסירען אַ גאַנץ איינפאַכע ערצעהלונג אָהן שרעקליכע מעשיות און וואונדערבאַרע צופעלע. ניט יעדער קען אויך פערשטעהן די פּראָסטע ווערטער פון אַ מענשען מיט אַ צובראָכענע ביטערע האַרץ.

פון פּעטערבורג האָב איך אָם ענדע ערהאַלטען אַן ענטפער. פון לאַרים־מעליקאָווס קאַנצעלאַריע האָט מען צו אונזער גובערנאַטאָר געשריבען, אַז מען האָט מיין טאָכטער אויך בעפרייט און ערלויבט אומצוקעהרען זיך פון סיביר, צוריק קיין רוסלאַנד אין מאָסקווע האָבען מיר זיך געדאַרפט צוזאַמענפאָהרען. שווער איז מיר געוועזן צו שיידען זיך מיט מיינע נייע פריינד. אַזוי ווי אייגענע קינדער האָב איך זיי געליעבט און זיי האָבען מיך געאַכטעט ווי אַן אייגענע מוטער. די לעצטע נאַכט פאַר מיין אָפּרייזען האָבען מיר ווידער פערבראַכט אַלע אין איינעם. זיי האָבען אַלע געגעבען צו עטליכע קאָפּיקעס און מיר האָבען געמאַכט אַ באַל. אויף דעם באַל איז געוועזן ווייניג וואָס צו עסען, ווייניג וואָס צו טרינקען, אָבער קיין באַל און מאַסקאַראַד אין דער וועלט קען ניט מאַכען אַזאַ זיסען, אַזאַ אונפערגעסליכען איינדרוק! אַביסעלע האָבען מיר געזונגען, אַביסעלע געלאַכט, אָבער אויפ'ן האַרצען איז געוועזן אַזוי גרינג, אין קאָפּ האָבען אומגעשוועבט אַזעלכע

עדעלע און גוטע געדאַנקען, אַז מיר, די אונגליקליכסטע אין דער וועלט, זיינען דאָך געווען די גליקליכסטע פון אַלע מענשען... פאַר געלד קען מען קויפען שאַמפּאַניער וויין און טייערע קליידער, פאַר געלד קען מען דינגען מוזיקאַנטען, זינגער און שפּיעלער, אַבער אַזאַ ערהויבע־נע, ריינע פרייד קען מען ניט קויפען פאַר קיינע שעצען אין דער וועלט! פון אַזאַ פערגניגען ווייסען ניט קיינע מיליאַנערען, פירסטען, און אפילו ניט די מעכטיגסטע טיראַנען...

גאַנץ פריה האָבען זיי אַלע מיך אַרויסבעגלייט פון דער שטאָט. אויפ'ן ריינעם פעלד, לעבען מיין מאַנס עלענדען קבר, האָבען מיר זיך אָבגעזעגענט צום לעצטען מאָל און צושיידעט אויף אייביג. לאַנג זיינען זיי געשטאַנען און געבליקט אויף מיין וואָגען, וועלכער האָט זיך פון זיי לאַנגזאַם דערוויטערט... צום לעצטען מאָל האָב איך זיך אומגעקוקט, דערזעהן מיינע פריינד, וועלכע האָבען געמאַכט צו מיר מיט זייערע הוטען און ווייסע טיכלעך, צום לעצטען מאָל האָב איך דערזעהן דעם שוואַרצען קבר'ל פון מיין אונגליקליכען מאַן, וועלכער איז דאָ געבליבען יעצט אליין... אויף אייביג... צום לעצטען מאָל האָבען מיינע פערוויינטע אַלטע אויגען דערזעהן דאָס וואָס איז מיר אין די לעצטע טעג געווען אַזוי טייער און אַזוי ליעב... מיין וואָגען האָט זיך אַראָבגעלאָזט אין אַ טהאָל און אַלעס איז פערשוואונדען גע־וואָרען...

ווידער די אייגענע לאַנגע און טרויעריגע וועג, ווידער די איי־גענע אָרעמע דערפער און אונטערדריקטע מוזשיקעס... גאַנצע חדשים האָב איך זיך געוואַלגערט אויף די עטאַפּנע פּונקטען, סטאַנציעס, פּאַראַחאָדען, וואָקזאַלען... אַ צובראָכענע, אַ קראַנקע בין איך אַם ענדע געקומען צוריק קיין מאָסקווע.... מיין טאָכטער האָב איך נאָך ניט געטראָפען. זי האָט געהאַט פיעל וויטער צו פאָהרען און איך האָב אויף איהר געמוזט וואַרטען. אין מאָסקווער צענטראַלנע אָסטראָג איז מען שוין יעצט ניט געווען געגען מיר אַזוי שטרענג ווי פריהער און מען פלעגט מיר ערלויבען צו געהן אין שטאָדט אריין... מיר האָט זיך געוואָלט זעהר געפינען דעם קבר'ל פון מיין ליעבען משה'לע, וועל־כער איז געשטאָרבען דאָ, אין דעם האָספּיטאַל פון דעם צענטראַלנע אָסטראָג... אָבער וויפיעל איך האָב זיך ניט נאָכגעפרעגט, ווי פיעל איך האָב ניט געבעטען, געזוכט — איך האָב איהם ניט געקענט

געפינען... קיינער האָט ניט געוואוסט, אָדער ניט בעגראָבען...

אז מען האָט מיין סאָניטשקע אריינגעפיהרט צו מיר אין קאמער האָב איך זי גאָר ניט דערקענט. איהרע צוויי באַקען, וואָס האָבען אמאָל געשיינט ווי צוויי בליהענדע רויזען, זיינען געוועזן בלאַס אָהן א טראָפּען בלוט, איהר פּנים האָט זיך אויסגעצויגען... איהר יונגע קאָפּ איז שוין געוועזן האַלב גרוי, נור די שווארצע ליכטיגע אויגען זיינען געבליבען. אָ! מיין קינד! מיין איינציגע, מיין טהייערע קינד!... דערפאר אָבער מיין איינִיקעל, מיין מישינקע, האָט מיך באַלד דערקענט... ער איז צוגעלאָפען צו מיר מיט א פרעהליכען געשריי: מאָיא באָבושקא! עטאָ מאָיא באָבושקא! דארף איך אייך דערצעהלען, ווי פיעל מאָל מיר זיינען געפאַלען איינער דעם אַנדערן אויפ'ן האַלז, ווי פיעל מיר האָבען זיך געקושט, ווי שטארק מיר האָבען איינער דעם צווייטען געדריקט צו אונזערע הערצער, ווי פיעל טרערען מיר האָבען פערגאָסען?... אז די ערשטע פרייד איז אוועק, האָבען מיר זיך דערמאָנט אָן אונזערע צרות, אָן דאָס, וואָס מיר האָבען אָנגעוואָרען אין די לעצטע עטליכע יאָהר! מיר האָבען דערמאָנט די וועלכע זיינען אָבגעריסען געוואָרען פון אונז אויף אייביג.

אין איינעם מיט סאָניען און איהר קלוגען און לעבהאַפטען זוהן האָב איך זיך אומגעקעהרט צוריק אין יענעם שטעטעל פון וואַנען מען האָט אונז ארויסגעשיקט. די אייגענע שטעטעל, די אייגענע הייזער, די אייגענע מענשען, דאָך האָט זיך אונז אויסגעוויזען, אז דאָ איז יעצט פינסטערער, שמוציגער און אָרעמער ווי פריהער... מיר האָבען זיך דאָ געפיהלט ווי פרעמדע. קיין פריינד האָבען מיר ניט געהאַט, און אונזערע אַלטע בעקאַנטע האָבען זיך געהאַלטען פון דער ווייטען: זיי האָבען פּשוט מורא געהאַט צו האָבען צו טאָן מיט אַזעלכע מענשען, אויף וועלכע די פּאָליציי גיט אכטונג מיט ביידע אויגען... אך! ווי פּראָסט און ניעדריג האָבען ביי מיר אויסגעזעהן די איינוואָהנער פון שטעטעל!... ווי נאַריש זייער לעבען, ווי אונוויכטיג זייערע אינטערעסען... אַזוי ווי בלינדע מענשען, האָב איך זיי אָנגעקוקט. זיי טאָפּטשען זיך אויף איין אָרט, קייען אַזוי ווי בהמות שטרוי און מיינען, אז זיי לעבען אויף דער וועלט, אז זיי זיינען מענשען, בירגער... איהר דארפט זיך ניט וואונדערען ווי אַזוי איך האָב דאָס אַלץ געקענט זעהן און פערשטעהן... ערשטענס, געדענקט וואָס פאר א לע־

בענס־שוהלע איך האָב דורכגעמאַכט, וואָס פאַר אַ לערערס איך האָב געהאַט און וואָס פאַר לעקסיקאָנען מיין שיקזאַל האָט מיר געגע־בען, צווייטענס, דאַרף איך אייך זאָגען, אַז נור דער האַלב געבילדע־טער אינטעליגענט, אָדער דער גראָבער נאַרר מיינט, אַז צווישען אונז פּראָסטע מענשען, זיינען גאָר ניטאָ אַזעלכע וואָס זעהען מיט זייערע אויגען, פערשטעהען מיט זייער אייגענעם נאַטירליכען שכל און פיהלען מיט זייער הארץ פיעל מעהר פון אַ סך הויך געבילדעטע און ערדעל־געפּאַצקעטע פילאָזאָפען!...

קוים האָבען מיר זיך בעזעצט און אַביסעל אָבגערוהט — האָבען מיר שוין געדאַרפט איבערלעבען נייע שרעק און אַ נייען אונגליק: — אין זיד רוסלאַנד האָבען זיך אָנגעהויבען די פּאָגראָמען... דאָ האָט מען אונז ווידער אַמאָל צושלאָגען און רואינירט אונזער אָרימען נעסטעלע. דאָ האָבען מיר געזעהן אַז קיינע גוטע פריינד האָבען מיר ניט... די אידען האָבען געווייכט פון אונז, ווייל זיי האָבען אונז גע־האַלטען פאַר גוים; די גוים האָבען אונז געשלאָגען, ווייל זיי האָבען אונז גערעכענט פאַר אידען, און די פּאָליציי, אַלע בעאַמטע און גע־בילדעטע האָבען אונז פיינט געהאַט, ווייל זיי האָבען אונז גערעכענט פאַר חכמים. מיין סאָניע האָט זיך נעבעך זעהר געפּלאַגט... איהר מאַן איז געוועזן ווייט... ער האָט זי גערופען צו זיך. זייער קינד איז געוואַקסען אָהן אַ נאָמען, אַלע האָבען איהם גערעכענט פאַר אַ ממזר, אידישע קינדער האָבען איהם גערעכענט ניעדריגער פון זיך און האָ־בען זיך מיט איהם ניט געשפּיעלט, קריסטליכע קינדער האָבען איהם גערעכענט פאַר אַ „זשידיאָנאָק" און האָבען איהם געשלאָגען. און דאָס אָרימע קינד האָט אָנגעהויבען צו פרעגען זיין מוטער: וואָס הייסט דאָס? מיט וואָס איז ער ניט גלייך צו אַנדערע קינדער? דאַן האָט סאָניא געזאָגט: אין רוסלאַנד ווערט יעדער טאָג ערגער אַלעמען, בע־זאָנדער דעם אידען... האָפען אויף גוטעס אין דעם וויסטען לאַנד קען נור אַ קורצזיכטיגער מענש. נאָך וואָס דאַרף איך דאָס? אָם ווע־ניגסטען לאָז מיין קינד אויסוואַקסען אין אַ פרייע לאַנד, לאָז ער זיין אַ בירגער מיט אַלע צוגלייך און לאָז ער ניט געדריקט זיין צו ליי־דען די צרות און שרעק, וועלכע מיר האָבען געליטען. סאָניע האָט זיך אָנגעהויבען צו קלייבען אין וועג. זי האָט געוואַרט אויף אַ שליסליכען בריעף פון דעם „מילכיקען גוי". איין זאַך האָט נור מיין סאָניען

שטארק געקריינקט: איך האָב ניט געוואָלט פאָהרען מיט איהר און פערלאָזען רוסלאַנד... דאָ, אין דער רוסישער ערד, ליגען בעגראָבען מיינע עלטערען, — ליגען די, וועלכע זיינען מיר געוועזען טייערער פון דעם לעבען. יא! מיין אהרן'ס קבר האָבען די סאָלדאַטען צוטראָטען און פערגלייכט מיט דער ערד. יא! מיין משה'לעס קבר'ל איז ערגיץ ווייט אין מאָסקווא, קיינער ווייס ניט וואו, און מיין „אלטענס” קבר ליגט ווייט אין סיביר, אונטער'ן קאלטען שנעע... דאָך איז מיר שוועד צו פערלאָזען דאָס לאַנד און פאָהרען שטאַרבען אין א פרעמ־דען געגענד... איך פערשטעה, אז דאָס איז א נאַררישער געפיהל, דאָך בין איך שוין צו אלט, איך זאָל קענען אין גאַנצען זיך אָבזאָגען פון די אלטע געפיהלען און אלטע געוואָהנהייטען...

סאָניע האָט ערהאַלטען דעם לעצטען בריעף. איהר מאַן האָט איהר געשריבען, אז ער און נאָך פיעל רוסישע יונגע לייט האָבען זיך בעשלאָסען צו פאָהרען קיין אמעריקא און דאָרטען גרינדען א קאָמונע פון אקערבוי. אין דעם בריעף האָט ער פיעל געשריבען פון דער קאָ־מונע (ביי א געלעגענהייט וועל איך אייך דערצעהלען וואָס פון איהר איז געוואָרען), ער האָט זיך זעהר געפרעהט, וואָס אָם ענדע וועט ער קענען לעבען אין איינעם מיט זיינע געליעבטע און וועט קענען פיה־רען אַן אָרענטליכען, נוצליכען און רוהיגען לעבען... מיין סאָניע האָט ווידער אָנגעהויבען צו וויינען און בעטען איך זאָל מיטפאָהרען. ביי וועמען וועל איך דיך לאָזען? ווי אזוי וועל איך קענען זיין רוהיג, אז איך וועל וויסען, אז מיין אלטע מוטער איז געבליבען אליין אויף דער עלטער? — זי האָט אזוי געוויינט און געבעטען — ביז וואַנען איך האָב איהר צוגעזאָגט: ווי באַלד זי וועט מיר נור צושיקען געלד און א שיפסקאַרטע, ווי באַלד זי וועט זיך „אוסטראָיען” און וועט פיהלען, אז נור די מאַמע פעהלט איהר — זאָל איך באַלד אויך צו איהר ארויספאָהרען קיין אמעריקא.

זעהר וועניג מענשען זיינען געקומען די לעצטע נאַכט געזעגנען זיך מיט מיין סאָניע; צוויי, דריי בעקאַנטע און איין דאָקטאָר... מיין אונגליקליכען אהרן'ס א חבר... דונקעל האָט געברענט דער לאָמפּ אין אונזער אָרימען צימער, פינסטער איז געוועזען אין די אויגען... שטיל האָבען גערעדט אונזערע געסט... אויף מיין סאָניען האָב איך גאָר מורא געהאַט צו קוקען... ווי אונזערע אויגען פלעגען זיך נור

בעגעגענען, פלעגען מיר ביידע אָנהויבען שטאַרק צו וויינען. נור מישינקען האָב איך די גאַנצע צייט ניט אַראָבגעלאָזען פון די הענד. אונזער גוטער פריינד דער דאָקטאָר האָט מיך געוואָלט אַביסעלע פרייליכער מאַכען און האָט צו מיר געזאָגט: וואָס וויינט איהר? איהר ווילט דען סאָניע זאָל בלייבען דאָ און זאָל בלייבען אויף אייביג עלענד און אונגליקליך?

— אָ, ניין! לאָז זי פאָהרען געזונדערהייט... איך וואָלט זיך גערעכענט נאָך מעהר אונגליקליך ווי איך בין יעצט, אַז סאָניע זאָל בלייבען דאָ...

— היינט וואָס־זשע וויינט איהר?

— אָ, גוטער מענש! וואָס זאָל איך טאָן, אַז עס וויינט זיך?... וואָס זאָל איך טאָן, אַז דאָס האַרץ, דאָס האַרץ צורייסט זיך מיר אויף שטיקלעך? איהר זייט דאָך אַ דאָקטאָר, אדרבה גיט מיר אַזעלכע טראָפּען, אַז מיין האַרץ זאָל מיר אויפהערען וועה צו טאָן...

דער דאָקטאָר האָט זיך אָבגעקעהרט, האָט אַראָבגעלאָזען זיין קאָפּ און איז אנשוויגען געוואָרען...

אך! עס איז ניטאָ אין דער גאַנצער וועלט, אין קיין אפטעק איז ניטאָ אַזעלכע טראָפּענס, וואָס זאָלען קענען אויסהיילען און גאַנץ מאַכען אַ בוריסנע, אַ *צובראָכענע האַרץ*, פון אַן אַלטע, אונגליקליכע עלענדע מוטער! דאָס וואָס איז צובראָכען געוואָרען ווערט שוין קיין מאָל ניט ווערען גאַנץ!

גאָט, מענש און טייפעל.

(א פאנטאסטישע ערצעהלונג.)

1.

נעשה אדם.

עס איז ערשט פינף טעג זינט די וועלט איז בעשאפען געוואָרען. אין די עולמות העליונים איז טויזענד יאָהר א נעכטיגער טאָג, ווי אין פסוק שטייט: כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול... דערפאר איז דאָס מעגליך געווען אין אזעלכע פינף טעג פון כאָאָס, פון תהו ובהו צו בעשאפען אזא שעהנע, אזא גרויסע וועלט...

דער אלהים איז דאן נאָך געווען א פרייער גייסט. ער האָט נאָך אליין ניט געדענקט פון די דריי אידען — אברהם, יצחק, ויעקב, וועלכע וועלען אמאָל אָרגאניזירען א „טראָסט" איהם צו מאָנאָפּאָ־ליזירען. און ווייל ער איז געווען א פרייער גייסט, האָט ער אין זיך געהאַט פּאָעטישע געפיהלען, און דערפאר האָט ער זיך געפרייט מיט דער מלאכה פון יעדען טאָג. אויף אלעם זאָגט דער פסוק „וירא אלהים" — אלהים האָט געזעהן אז עס איז גוט. עס איז קיין חדוש ניט. ער איז געווען בעגייסטערט און האָט געוואָלט נאָך עפּעס אויפטאָן. עס איז שוין געווען שטערען און שרצים, פיש און בלומען, בהמות און הימלען, א זונן מיט א לבנה און עופות, נור דער מענש איז נאָך ניט געווען.

די וואולקאַנען אין דער ערד האָבען נאָך געזאָדען און געקאָכט. די ימים האָבען גערוישט און געריסען זיך שטארק צוריק צו דער יבשה. די הויכע בערג זיינען נאָך ניט געווען צוגעטריקענט. די גאנצע

וועלט איז געווען א ווייכע שטיק בלאָטע... אזוי פיעל בלאָטע איז געווען און דאָך האָט דער ענטציקטער אלהים געמיינט, אז עס איז נאָך ניט גענונג: דער מענש איז נאָך דאן ניט געווען בעשאפען...

דעם אלטען אלהים'ס פריינדלעך אשמדאי, לילית און די גאנצע משפחה זיינען אונצופריעדען געווען מיט דער גאנצער מעשה בראשית. זיי האָבען גוט פערשטאַנען, אז דער אלהים טוט עס נור צו ליעב כבוד — ער וויל זיין נאָמען זאָל ווערען גרויס און בעריהמט. און דאָך כל זמן ער האָט געקלעפּט פון בלאָטע ביקעס מיט מוראשקעס, האָלין מיט בוריאַן, העכט מיט ציעגען האָבען זיי נאָך געדולדעט. לאָז ער זיך נאריש מאַכען, דער אַלטער עובר בטל, האָבען זיי געטראַכט. אָבער ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז דער אלטער זיצט דאָ אין לאבאָ־ראַטאָריע און מאַכט מאָדעלען פון א נייע בעשעפענים, וועלכע דאַרף זיין די קרוין פון אַלע ברואים, א מין בריאה, וועלכע זאָל קענען רעדען און דענקען, — האָבען זיי זיך אַלע זעהר צופּוזשעט. זיי האָבען צו־נויפגערופען א געהיימע פערזאַמלונג אויף איינע פון די העכסטע הרי חושך און אליין אשמדאי, וועלכער רעכענט זיך פאַר דעם פּאָטער פון פּאַרלאַמענטאַריזמוס, האָט דריי מאָהל א בריקע געטאָן מיט זיין קאָפּיטע און האָט ערעפענט די פערזאַמלונג.

— מיינע דאַמען און הערען, האָט געזאָגט דער פּרעזידענט, ווי אייך איז בעקאַנט, וויל דער אַלטער איצט ביי אונז קריעגען א פּאַטענט אויף א נייע ערפינדונג. ער האָט געהאַט די העזה אונז אַלע־מען איינצולאַדען און פאָרצולעגען אונז: נעשה אדם בצלמנו — מיר זאָלען איהם העלפען מאַכען א מענש אין אונזער געשטאַלט... אזא בעלעדיגונג! אין דעם געשטאַלט פון אונז, געטער! (איהר דאַרפט וויסען, אז אשמדאי האָט נאָך דאַמאָלס ניט געהאַט קיין הערנער און קיין עק) א קרעאַטור פון בלאָטע זאָל קענען פערשטעהן, דענקען און רעדען! מיר מוזען זיך אריינמישען און מאַכען אזוי, ער זאָל פון זיין לעצטע ערפינדונג קיין הנאה ניט האָבען... זיין פּלאַן דאַרפט איהר וויסען, איז זעהר גוט. ער וויל איהם געבען א קאָפּ, וועלכער זאָל זיין פול מיט איידעלע מארך — ער זאָל קענען פיעל דענקען. ער מאַכט איהם צוויי אויגען, ווי צוויי שפּיגלען, ער זאָל אַלעס קענען זעהן, צוויי אויערען, ער זאָל קענען אַלעס הערען. נור איין צונג, ער זאָל קע־נען מעהר דענקען, הערען און זעהן און ווייניגער רעדען... צוויי

הענד — ער זאָל קענען מעהר אויסאַרבייטער ווי פיעל איין מויל בע־דאַרף... אפשר וואָלטען געווען א סברה מיר זאָלען דעם אַלטען אַן עצה געבען. ער זאָל דעם מענשען בעשאַפען מיט איין האַנד און צוויי מיילער, וועט ער שטענדיג ליידען מאַנגעל און וועט זיין ברוגז אויף זיין בעשאַפער?...

— אונטערשטיצט, האָט געזאָגט דער יונגער שטן, וועלכער האָט געהאַלטען א כלל שטענדיג דעם פרעזידענטס פּאָרשלעגע צו אונטער־שטיצען.

אָדער זאָלען מיר אפשר דעם אַלטען ראַטהען, ער זאָל דעם מענש בעשאַפען מיט צוויי צונגען.. אז דער מענש וועט מעהר רעדען ווי דענ־קען, וועט עס זיין אַזאַ בעשעפעניס, דאָס אַנשטאָט צו שטאָלצירען מיט איהם, וועט דער אַלטער זיך מעגען בעגראָבען פון שאַנדע.

— אונטערשטיצט, האָט ווידער געזאָגט דער יונגער שטן.

דאָ איז אויפגעשטאַנען מאַדאַם לילית און האָט געזאָגט, דאָס זי וויל האָבען דאָס וואָרט.

— פריינדע און קאַמעראַדען! דער אַלטער איז אַן עקשן. און אז איהר וועט געפינען חסרונות אין זיין ערפינדונג, וועט ער אויף צו להכעיס נור טאָן ווי איהם געפעלט: פערקערט, מיר דאַרפען אַלע מאָרגען קומען און זאָגען איהם: אלהים, נעשה אדם... נו, מיר מאַ־כען א מענשעל נאָך דיין מאָדעל... ניט מיט'ן גלייכען וועג דאַר־פען מיר געהן, מיר דאַרפען האַנדלען מיט אַזאַ פּאָליטיק און דאָך האָב איך א פּלאַן, אז זיין צאַצקע וועט זיין ניט קיין געראָטענע און דער אַלטער וועט זיין מיט זיין נייעם פּאַטענט אויף צרות... איין צונג זאָל טאַקע דער מענש האָבען און דאָך זאָל ער פערפּלאָפּלען די וואַרהייט און פערטומלען וואָס דער קאָפּ דענקט. איין מויל נור זאָל דער מענש האָבען און צוויי הענד און דאָך זאָל ער ניט קענען אויסאַרבייטען, וואָס ער דאַרף... ווייל עס דאַרף אין זייער געשלעכט ערשיינען אַזעל־כע מיילער, וואָס איינער פון זיי וועט פערצעהרען, וואָס טויזענדער הענד וועלען אויסאַרבייטען... און אַזעלכע מיילער, וואָס וועלען ניט קריגען אפילו דאָס, וואָס דער קלענסטער פינגער קען ברענגען . . . פערשטעהט איהר מיך, דאַן וועט זיך אָנהויבען ביי זיי א חתונה... דער צונג וועט זאָגען ליגען... די אָנגעשטאָפּטע מיילער וועלען ניט וועלען זאָגען די וואַרהייט, די הונגעריגע וועלען ניט צייט האָבען

צו דענקען, די אונצופרידענע וועלען מורמלען... עס וועט ביי זיי ארויס קריעג, מחלוקות, מהומות, חרפות און בזיונות. פערשטעהסט איהר מיך, די מאַכט פון דענקען און פערשטעהן וועט ניט שפּילען קיין גרויסע ראָלע, אויב איהר וועט זעהן דעם מענש זאָל געגעבען ווערען א שטרעבונג צו זיין א הערשער!... דאָס געפיהל וועט פערניכטען אַלעס גוטעס, וואָס דער מענש וועט האָבען און וועט מאַכען העסליך אַלעס שעהנעס, מיט וועלכעס ער וועט איצט בעשענקט ווערען...

און אויפ'ן זעקסטען טאָג האָט אלהים געזאָגט: נעשה אדם, לאָמיר בעשאַפען דעם מענשען און זאָל ער הערשען איבער אַלעס וואָס לעבט און זאָל הערשען איבער דער גאַנצער וועלט...

דאָס איז לילית'עס „טריק".

2.

אַשמדאַי'ס מפּלה.

מיר ווייסען שוין, דאָס אשמדאי און אַנדערע שדים זיינען געווען אין דער צייט פון מעשה בראשית העךליכע געטער און האָבען זיך גערעכענט פון דעם אַלטען אלהים'ס פּמליא של מעלה. מיר ווייסען אויך, אז עס איז געווען שלום אין דער וועלט פון גרויסע גייסטער נור ביז די בריאה, וועלכע רופט זיך אדם איז בעשאַפען געוואָרען... די געטער וואָלטען עד היום געלעבט אין שלום און אין פריעדען, רוהיג וואָלטען זיי געשלאָפען און אונגעשטערט וואָלט זייער גייסט געשוועבט איבערן תהום פון תהו ובהו, אויב ניט דער מענש, וועלכער האָט ארויסגערופען ביי זיי שנאה און קנאה, מחלוקות און אייפערזוכט... זאָגאַר ווען דער מענש איז נאָך ניט געווען און עס איז נור ערשינען די אידעע פון א מענשען, האָט זיך שוין אָנגעהויבען א קריעג און עס איז געקומען צו אונצופריעדענהייט.

דער אַלטער אלהים האָט אויסגעפיהרט. אשמדאי און אַלע

מעכטיגע געטער האָבען איינגעשטימט מיט איהם, ווען ער האָט געזאָגט: נעשה אדם בצלמנו — נו מיר מאַכען אַ מענשען אין אונזער געשטאַלט. אשמדאי האָט אָבער אויך אויסגעפיהרט און דעם מענשען איז געשענקט געוואָרען צו זיין ברית אַ ברכה, וועלכע האָט איהם פערפלוכט אויף אייביג. „וירדו" און די מענשען זאָלען געוועלטיגען, זיי זאָלען הערשען און אונטערדריקען...

ווען אלהים'ס ליפּען האָבען אויסגערעדט דאָס וואָרט „וירדו", האָט דער מעכטיגער אשמדאי זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. פון זיין שטורמישען „חאַ! חאַ! חאַ!" האָבען אַלע ימים אָנגעהויבען רוישען און ברויזען, די העכסטע בערג פון דער וועלט האָבען געציטערט און געוואנקט. עס איז געווען פון וואָס צו לאַכען.

די קרוין פון מעשה בראשית, דער טייערסטער ציערונג פון אלהים'ס מייסטערווערקע, דער הערשער און פערוואַלטער פון דער וועלט, דער מענש, האָט גיך בעדעקט אלהים'ס גרויע קאָפּ מיט שאַנדע און שמאַך... דעם צלם אלהים, וואָס מע האָט איהם געגעבען, האָט ער גיך פערלאָרען. די נשמת חיים, וועלכע מע האָט אין איהם אריינגעהויכט איז אין איהם באַלד פערשטיקט געוואָרען... זיין מאַרך האָט אויפגעהערט צו דענקען, זיין הארץ צו פיהלען, עס איז געשעהן ווי דער אשמדאי האָט פאָראויס געזעהן: די ערדלע בעשעפענים „מענש" איז געוואָרען אַ ווילדע הערשענדע בעסטיע און אַ פערהאָרעוועטער, פון אַלע גערדאַנקען אויסגעפּרעסטער שקלאַף...

צו שפּעט האָט דער אַלטער זיך געכאַפּט. ער האָט געזעהן ווי מיאוס אשמדאי האָט איהם אריינגענאַרט אין זאַק אריין און האָט ניט געקענט העלפען. דאָס שרקליכע וואָרט „וירדו" איז שוין געווען אויסגעשפּראָכען און דער מענש האָט מיט אַלע זיינע קרעפטען געשטרעבט, וואָס מעהר צו הערשען און וואָס וועניגער צו דענקען...

— אשמדאי! האָט דער אַלטער אויסגערופען מיט צאָרן, דאָס וואָס דער מענש הערשט וועט זיין ניט נור מיין צרה, עס וועט אויך זיין די אורזאַכע פון דיין מפּלה... און אַ ביטערער, אייביגער שטרייט האָט זיך אָנגעפאַנגען צווישען אלהים און אשמדאי. דער מענש האָט זיי צוטהיילט, דער מענש האָט דעם „אַלטען" אָבגעגעבען די הימלען און אשמדאי'ן דעם דונקעלען אָבגרונד. דער מענש האָט דעם אלהים אָבגעגעבען דאָס ליכט און דעם אשמדאי די פינסטערנים... און וואָס

מעהר דער מענש האָט געהערשט און וואָס װעניגער ער האָט געדענקט, דאָס טיעפער און טיעפער איז געפאַלען דער מעכטיגער אשמדאי.

פון אָנפאַנג איז אשמדאי געװען א הערליכער גייסט מיט אלהים צו גלייך. ער איז געװען דער מעכטיגער גאָט פון פראָטעסט, ער איז געװען אַן עהרענװירדיגער געגנער פון אלהים. ער איז געװען דער פאָרשטעהער פון אונאבהיינגיגקייט און רעװאָלוציאָן... אלהים איז געװען „אָרמזוד" דער גאָט פון ליכט, אשמדאי איז געװען „אחרימאַן" דער גאָט פון פינסטערניס. אלהים האָט געהאַט א געװאַלטיגען דע־פּאַרטמענט פון גוטע מעשים, גוטע קרעפטע, גוטע ערשיינונגען. אשמדאי האָט אָבער אויך געהאַט אַן אונגעהייערען דעפּאַרטמענט פון בייז, שלעכטעס, פון אונגליקען, צרות, קריינק און שלעק...

אָבער װאָס װייטער, האָט דער מענש דעם אשמדאי אַלץ קלענער און ניעדריגער געמאַכט... װי ביי דעם מענשען אליין זיינען שװאַך געװאָרען די געפיהלען פון פּראָטעסט און אונאבהענגיגקייט, װי עס איז ביי איהם אויסגעשלאָסען געװאָרען די ליעבע צו פרייהייט, איז אויך אשמדאי געװאָרען שװאַכער, ניעדריגער. דער מענש האָט איהם ענדליך געמאַכט פאַר א קאַריקאַטור, האָט איהם געצװאונגען צו װע־רען א הויז־טיר, צו גלייך מיט א קאַץ און א בהמה, האָט איהם אָבגעגע־בען א װאָהנונג אין קוימען אין אַלע חורבות װאו נור עס איז ניטאָ קיין מזוזה און קיין צלם, האָט איהם געגעבען קליינליכע ארבייט פון א געמיינעם, דומען, גרױזאַמען שקלאַף... און אנשטאַט די װיכטיגע ארבייט, װאָס ער האָט א מאָל געהאַט צו שטרייטען און קעמפּפען מיט אלהים, איז ער א גאַנצען טאָג און א גאַנצע נאַכט פערנומען מיט דעם, װאָס ער הויזירט מיט עין הרעות, שרעקט קינדער, ברענגט אָנשיקעניעס אויף װייבער, קלאַפּט חסידים אַלע שבת צו נאַכט און פיהרט אום ביי דער נאָז שיכור'ע פויערים.

אה! װי דער מענש האָט איהם צו קאַליעטשעט און פערקריי־פּעלט! אשמדאי דער טאַפּפערער, בראַװער גייסט, איז געװאָרען א פייגלינג, װעלכער װערט פערציטערט װען מען זאָגט נור „שמע ישראל" אָדער „האַספּאָדי פּאָמילוי!" אשמדאי, דער מעכטיגער גאָט, א העסליכע בריאה מיט הערנער, מיט אַן עק און מיט קאַפּיטעס פון אַן עזעל... די אָבבילדונג פון דעם מענשען'ס געדאַנק איז ער און פאַר װאָס דעם מענשען'ס געדאַנק בילדעט אָב ניט מעהר װי אַן

עזעל מיט הערנער און אן עק דאס איז אמשדאי'ס שולד... ער אליין
האט געבראכט די מפלה אויף זיך...

אה, ארעמער אשמדאי!

3.

אלהים האט חרטה.

וינחם ד' כי עשה את האדם בארץ ויתעצב אל לבו.

גאט האט חרטה געהאט, וואס ער האט בעשאפען דעם מענשען אויף דער ערד און זיין הארץ איז פול געווארען מיט טרויער.

דאס איז געווען אשמדאי'ס ארבייט. זיין פלאן איז געווען צו מאכען דער מענש זאל וועניגער דענקען און פערקעהרט, זיין אויפ־טועכץ איז עס געווען, דער מענש זאל וואס מעהרער וויסען. א סך וויסען און וועניג דענקען, עס איז א טייוועלשע ערפינדונג! דער מענש זאל דענקען און וויסען, דאן וועט ער זיין געגליכען צו גאט. דאס האט אשמדאי ניט געוואלט. דער מענש זאל אבער אין זיין שטרעבונג צו הערשען האבען אויך א מעכטיגען מיטעל אין וויסען, דאס איז גוט. דער מענש וועט וויסען און וועט ניט וועלען גלויבען. און אויף וואס גרינדעט זיך אלהים'ס פאפולאריטעט אין דער מענשהייט, אויב ניט אויפ'ן גלויבען? אשמדאי האט גוט געוואוסט, אז דאס וויסען וועט שלאגען ווי א שטעקען מיט איין עק איבערן אלהים און מיט'ן אנדער'ן איבער'ן דעמאניזמוס און דאך האט ער בעשלאסען: „מיר ניט און דיר ניט".

ער האט זיך אריינגע'גנב'עט אין מענשענס גן־עדן און האט אנ־געהויבען איינצורעדען דעם שטאלצען אדם:

נארעלע, רוק זיך צו צום עץ הדעת.

און דער מענש האט געגעסען, און זיינע אויגען האבען זיך גע־עפענט און ער האט דערזעהן אז ער איז נאקעט. א פייגענבלאט איז

געוועזן די ערשטע צבויעצסטווע מיט וואָס דער מענש האָט פּערדעקט זיין שאַנדע.

פערציטערט איז געוואָרען דער אַלטער אלהים, ווען ער האָט ערפאַהרען, אַז דאָס מענשעלע האָט פערזוכט פון די פרוכטען פון עץ הדעת!... ע!... מעהר פעהלט ניט, ער זאָל נאָך אַ כאַפּ טאָן, דער נאַשער, פון עץ החיים... און אלהים האָט ארויסגעטריבען דעם מענש פון גן עדן און האָט איהם פערשאָלטען:

בזעת אפיך תאכל לחם — מיט'ן שוויים פון דיין געזיכט זאָלסט דו קריגען דיין ברויט!... וואָס וועט דיר העלפען דיין שטרעבונג צו וויסען, ווען דו וועסט דארפען קריינקען און קריעה רייסען ביז דו וועסט קריגען דיין שטיקעל ברויט?

אַן אונענדליכע סדרה פון בזעת אפיך" האָט זיך אָנגעהויבען; אַ קאַמפּף פאר'ן לעבען האָט איין דעם מענשען פערשטיקט די פעהיגקייט פון וויסען. נור דער וואָס האָט געקענט הערשען האָט געקענט אויך געניסען פון עץ הדעת. די אַלע איבריגע זיינען געוואָרען פערהאָרעוועטע, אויסגעארבייטע שקלאַפען און די שטרעבונג צו וויסען און פאָרשען איז אין זיי איינגעשלאָפען געוואָרען.

אשמדאי אָבער האָט ניט געשלאָפען. איהם איז געלונגען אויף אַ לאַנגע צייט צו טויטען דעם מענשענס איינבילדונגס קראַפט און שוואַך צו מאַכען זיין פאַנטאַזיע דער מענש האָט זיך אָנגעהויבען פאָרצושטעלען זעהר מיאוס דעם גרויסען אלהים. די זונן איז געוואָרען אלהים. די לבנה, די שטערען, דער ווינד, אַ שטיק האָלץ, אַן אָקס, אַן עלעפאַנט איז געוואָרען אלהים. דער מענש האָט פערגעטערט שטיינער און ביינער און האָט זיי פאַר קרבנות געבראַכט און אשמדאי האָט געקוואָלען ווי אַ באָקסער און האָט געשריען „הידד!"...

ווען ער האָט אָבער דערזעהן, אַז מיט דער צייט ווערט דאָך פערשטאַרקט דער געדאַנק פון מאָנאָטעאיזמוס (איינ־געטהייט) און אַז אלהים קען דאָך בעזיעגען די וועלט, איז איהם איינגעפאַלען דער פּלאַן פון אַ ראָמאַן מיט דער אידישער מיידעל מרים... אַלס גוטער פריינד און ערגעבענער דיענער איז ער געקומען צום אַלטען אלהים און האָט איהם מיט שלאָגענדע בעווייזע איבערציינגט, אַז די גאָטהייט וועט טריאומפירען נור דאַן, ווען זי וועט „פערמענשעלט" ווערען.

און דאָ האָט ער איהם בעוויזען די שעהנע, רייצענדע מרים... און עס איז געשעהען...

אשמדאי האָט עררייכט זיין ציעל. די גאָטהייט איז ערניעדריגט געוואָרען מיט דעם, וואָס זי איז געוואָרען פערקערפּערט. דער געדאנק פון איין־גאָטהייט איז פערניכטעט געוואָרען דורך דער מאמע מיט'ן זוהן... דער עלעמענט פון מיסטיציזמוס האָט פון דער אנדערער זייט ארויסגערופען א שטראָם פון עגאָאיסטישען מאטעריאליזמוס... א צושפּאלטונג איז ארויסגערופען געוואָרען אין דער מענשהייט. איי־נע האָבען נור געגלויבט אין טאטען, אנדערע האָבען געגלויבט אין די טאטען דורכ'ן זוהן... טייכען בלוט זיינען פערגאָסען געוואָרען, שרעקליכע געמיינהייטען זיינען בעגאנגען געוואָרען אין דעם נאָמען פון אלהים. א ברודער איז אויפגעשטאנען אויף א ברודער, א מענש איז געגאנגען אויף א מענשען. שנאה, רציחה, מאָרד, פערפאָלגונגען, אונגערעכטיגקייט האָבען געהערשט אויף דער וועלט אינ'ם נאָמען פון דער גאָטהייט. און אשמדאי האָט געקריצט מיט די ציין פון פערגעניגען און האָט געמורמעלט:

„אלטער, דיר ניט, מיר ניט”!

4.

אוים מלך מלכי המלכים.

לא ידון רוחי באדם לעולם בשגם הוא בשר.

אייביג וועט מיין גייסט ניט קענען ריכטען דעם מענשען, אָב־גלייך ער איז ניט מעהר ווי בשר, דאָס האָט ענדליך אלהים אליין געמוזט מודה זיין. און ער האָט אָנגעהויבען צו דענקען וועגען דעם פּלאן: „אמחה את האדם”, ווי אַזוי ער זאָל פערניכטען און אויס־מעקען דעם אדם פון דער וועלט.

זעהר וועניג נחת האָט אלהים געהאט פון זיין בעשעפענים. וואָס

ער האָט געהייסען טאָן, האָט ער געטאָן פונקט פערקעהרט... קוים איז אדם ארויס פון גן עדן, האָט שוין קין ערמאָרדעט זיין אייגענעם ברודער. דער גראָבער יונג חם האָט געלאכט פון זיין שיכור'ן טאַטענס ערוה; לוט האָט זיך געפיהרט זעהר ניט שעהן, אין סדום און עמורה האָט זיך געטאָן צרות... אלהים אליין אין זיין אייגענע געטליכע געשיכטע דערצעהלט זעהר מיאוסע מעשות פון זיין אדם...

אלהים האָט געמיינט, אז ער וועט זיך אָבגעבען אויף א מאָ־נאָפּאָלע צו אברהם'ן וועט ער בעסער מאכען... א חלום!... יעקב שווינדעלט אויס די בכורה, עשו וויל אָפּנעהמען די ברכה מיט קולאַ־קעס... לייבליכע ברידער פערקויפען זייער שעהנעם ברודער יוסף פאר א שקלאף. זייערע קינדער ווילען פערקויפען זייער פרייהייט פאר א טאָפּ מיט פלייש מיט קנאָבעל און אנשטאָט אלהים מאכען זיי זיך א גאָלדענעם עגל... און אלטע געשיכטע!...

און דאן האָט זיך געצויגען אן אייביגער קאמפף צווישען אברהם'ס גאָט אלהים און אנדערע פליהערם געטער, צווישען הערשער און בע־הערשטע, צווישען די וואס האָבען גענאַשט פון עץ הדעת און צווישען די אונוויסענדע... אלהים'ס זוהן האָט געמאכט שלום צווישען די געטער — ער האָט געמאכט א פשרה צווישען די גויעשע גייסטער און דעם אידישען גייסט. ער האָט אָבער ניט געבראכט קיין שלום פאר דעם אדם... אייניגע האָבען געזעהן, אז גאָט איז אראָפּ פון הימעל אויף דער ערד האָבען זיי זיך ענטזאגט פון זייער מענשליכען לעבען אויף דער ערד, האָבען זיך אָנגעהויבען דראפּען אויפ'ן הימעל... אַנדערע פערקעהרט, האָבען דערזעהן, אז די גאָטהייט האָט געקענט אריינקריכען אין אן אדם, האָבען זיי אליין געוואָלט ווערען געטער... אלהים איז געווען אין א טרויעריגע לאגע.

עס איז ערשינען א נייער פיינד, א נייער געגנער פון אלהים, עס איז געשאפען געוואָרען נור אן אונערוואַרטעטער גאָט, וועלכער האָט זיך גערופען מיט'ן נאָמען „איך". א מאָל האָט נור דער אַלטער אלהים געהאט די פּריווילעגיע צו זאָגען: „אנכי" יעצט האָט אָנגע־פאנגען יעדער מענשעלע, יעדער אדם'על צו זאָגען „אנכי" איך!... „יא יעסטעם"!... די געטער אין הימעל האָבען געמאכט שלום און אנערקענט די מאָנארכיע פון דעם אויבער גאָט אלהים און האָבען זיך צענטראַליזירט. זיינען ערשיענען געטלעך, פעאָדאַלען, „איך'ן" וועלכע

האָבען געלעבט אין יעדען אדם און וועלכע האָבען מלחמה געהאַלטען איינער מיט'ן אַנדערן און האָבען געלעבט פון רציחה און גזלה... אין דער זעלבער צייט אָבער האָבען זיי צופּאַטשקעט דעם פּרינציפּ פון אלהים'ס מאָנאַרכיזמוס... און האָבען דעצענטראַליזירט זיין מאַכט, און אלהים האָט פון איצט אָן געדענקט נור אָן איין זאַך... אמחה את האדם.

ער האָט פערגעסען זיין אייביגען קריעג מיט אשמדאי'ן ער האָט פערקנייטשט זיין יחוס, זיין כבוד, זיין גרויסקייט און האָט גע־שיקט רופען דעם אַלטען טייוועל זיי האָבען געגעבען איינער דעם אַנ־דערען ארבייטען שלום עליכם און אלהים האָט געזאָגט: „אשמדאי! אין דער צייט פון געפאהר מוזען זיך די גרעסטע שונאים פעראיי־ניגען... אונזער קריעג אייגענטליך איז דאָך געווען ניט קיין פּרינ־ציפּיעלער, נור אַ פּערזענליכער נו, מיר פערגעסען פּערזענליכקייטען און פעראייניגען זיך צו בעקעמפּפען אונזער אַלגעמיינעם פיינד, דעם ניעדערטרעכטיגען מענשען. איך האָב דיר געזאָגט אַמאָל: „נעשה אדם". איצט זאָג איך: „אמחה את האָדם".

— זעהסט דו, אַלטער, איך האָב דיר נאָך בשעת מעשה בראשית געזאָגט, אַז דיין פּלאַן פון „נעשה אדם בצלמנו" געפעלט מיר ניט. דו האָסט זיך צופיעל גע'חכמ'עט, אַלטער, און דערפאַר האָסט דו איצט אַזאַ פּעקיל צרות... אָבער איצט איז שוין שפּעט חרטה צו האָבען... איך האָב אַ פּלאַן צו בעשטראָפען דעם מענשען... אלהים, דו דאַרפסט ווערען אויס אַריסטאָקראַט, אויס מאָנאַרך, אויס מלך מלכי המלכים.

אלהים האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט צאָרן פון זיין כסא הכבוד און האָט אויסגעשריען: גנב! אנשטאַט צו בעשטראָפען דעם מענ־שען, ווילסט דו מיט מיר פיהרען אַלטע חשבונות! קאַרג נאָך האָבען מיר ביידע געליטען פון דעם אונדאַנקבאַרען מענשען...

— אַלטער, האָט אשמדאי געענטפערט גאַנץ ערנסט, איך דענק איצט נור פון דעם ווי אַזוי דעם מענשען צו פערניכטען און אויסצו־ראָטען... וואָס האָסט דו פון דעם וואָס דו ביסט אויפ'ן פּאַפּיר. אנערקענט אַלס גרויסער מאָנאַרך? מע הערט דיך ווי דעם קאָטער. מע מאַכט פון אונז ביידען חוזק. און אונז גלויבען איצט נור דומע קערלע, אָדער שווינדלער וואָס בעשווינדלען מיט אונזער נאָמען די

אונוויסענדע! זיי דערצעהלען נסים ונפלאות פון אונזער מאַכט און האַלטען פאַר אונזביידע אַ פייג אין קעשענע. הער מיך אויס, איצט איז אין מאָדע דער פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיזמוס, נו מיר זיך דע־מאָקראַטיזירען — דאָס הייסט: נו מיר אָפּגעבען אונזער מאַכט און קראַפט דעם גאַנצען געשלעכט פון אדם'ן.

— וואָס רעדסט דו דאָס, אשמדאי? איך האָב זיך אַ מאָל גע־רעכענט פאַר אַ קלוגען יונג, היינט, זעה איך, אַז דו ביסט אויף דער עלטער געוואָרען אַ לוימענער גולם... וואָס הייסט! איך זאָל מיך ענטזאַגען?!

— אלהים, דו פערשטעהסט ניט מיין פּלאַן... איצט ווען מען פערבינדעט די גאָטהייט מיט אַ געוויסען פּלאַץ, אָדער מיט אַ געוויסע צייט, קענען זיי אונז אין דעם פּלאַץ און צייט זוכען, זיי קענען אונז דאָרטען „פערניינען"... מיר דאַרפען זיך צוגיסען אין דער גאַנצער מענשהייט, צוגעהן ווי זאַלץ אין דעם וואַסער פון „בני אדם" קיינער זאָל אונז ניט גלויבען און יעדער זאָל אונז טראָגען אין זיך. יעדער זאָל אנערקענען טאַקע נור זיין איינציגען „איך". אָבער די עלעמענטען פון דעם „איך" זאָלען אויך בעשטעהן פון דעם שטאָף פון וועלכען אלהים און אשמדאי בעשטעהט... דעם אייביגען קאַמפּף, וועלכען מיר ביידע האָבען געפיהרט אין דער גייסטיגער וועלט, וועלען מיר איצט פיהרען אין דעם מענשען גופא... דער אדם וועט שטרייטען מיט זיך אליין... ער וועט זיין פאַר זיך אליין אַ גאָט און אַ טייוועל... די קריעג וועלכע מיר ביידע וועלען פיהרען אין איהם וועט איהם פערניכטען... ער וועט זיין אַ בורא ווי אלהים און אַ צושטערער ווי אַ שד אָן אַ אויטאָריטעט ווי אלהים אַ בונטאָווטשיק ווי אשמדאי... זיינע געדאַנקען וועלען קיין מאָל ניט האַרמאָנירען מיט זיינע גע־פיהלען, זיינע שטרעבונגען וועלען ניט געבויט זיין אויף זיינע קרעפ־טען... קיין פער־געניגען וועט איהם ניט געבען קיין גליק... קיין גליק וועט איהם ניט געבען קיין פרייד און צופריעדענהייט. ער אליין וועט זיך נמאס און מאוס ווערען, די גאַנצע וועלט וועט ניט האָבען ביי איהם קיין חן, זיין אייגענער לעבען וועט ניט האָבען אין זיינע אויגען קיין ווערטה... ער וועט ווערען שוואַך, אָהן ענערגישע, ניט פעהיג צום לעבען... און וועט אָנהויבען פרעדיגען טויט און פער־ניכטונג... פאָלג מיך, אַלטער, און ווער אויס מלך מלכי המלכים!

אלהים האָט פערשטאַנען אשמדאי'ס פּלאן — יא, עס איז געקור־מען די צייט, ווען ער דאַרף פערלאָזען דעם טראָן אויף וועלכען ער איז געזעסען אזוי פיעל טויזענדער יאָהרען... עס איז אָבער ניטאָ קיין ברירה... ער האָט פערדעקט זיין געזיכט מיט'ן האנד און האָט געגעבען א שווערען, א ביטערען זיפץ...



גליקליך!

(פאַנטאַזיע.)

עס איז געשעהען !...

דאָס, וואָס די געלעהרטע אסטראָנאָמען האָבען פּראָפּעצייהעט האָט זיך געטראָפען. פּונקט אין דער מינוט וואָס זיי האָבען אויסגערע־כענט, איז דאָס געשעהען . . .

אַלע צייטונגען האָבען געשריבען פון דער שרעקליכער קאַטאַסט־ראָפע, וועלכע ערוואַרטעט אונז ; אַלע מענשען האָבען געוואוסט, אַז די וועלט וועט אפשר גיך אונטערגעהן, און דאָך האָט יעדער פערנומען זיך מיט זיינע געשעפטען, יעדער האָט געדענקט, נור דערפון, וואָס ער דאַרף באַלד, אין דער מינוט, און האָט ניט געוואָלט רעכענען וואָס שפּעטער וועט זיין.

דאָס געפיהל פון לעבען איז אַזוי שטאַרק, אין דעם מענשען, דאָס ביז דער לעצטער מינוט וויל ער ניט דענקען פון טויט ; די האָפ־נונג געהערט דעם מענשען גראָד ווי ברויט... דאָס לעבען אָהן האָפ־נונגען — דאָס איז אַ טייערער פידעל מיט צוריסענע סטרונעס.

עס איז געוועזן אַ שעהנער וואַרעמער טאָג. איינער פון טעג, ווען די זונן שיינט אין ניו יאָרק אַזוי קלאָהר און העלל, גראַדע ווי אין דער געטליכער איטאַליע, ווען איבער די טייכען מאָרגען זיך גרינגע בלויליכע וואָלקענדלעך, גלייך ווי איבער די הויכע בערג פון דער בעריהמטער טאַווירדאַ ; די ליכטיגע שטראַהלען פון דער זונן פער־דאָפּלען דעם געשמאַק פון לעבען און פערשטאַרקען דעם וואונש צו געניסען פון אַלעם וואָס די פּראַכטפאָלע נאַטור שיינקט אונז. דער גערויש אין ניו יאָרק איז געוועזן שטאַרקער ווי געוועהנליך. טויזענדער מענשען האָבען זיך געצויגען, ווי שוואַרצע וואָלקענס איבער די טראָ־טואַרען, קינדער זיינען אומגעלאָפען איבער די גאַסען מיט אַ פריילי

געשריי... יעדער האָט געלעבט, געשטרעבט צום לעבען און קיינער האָט ניט געדענקט און ניט געוואָלט דענקען פון׳ם טויט... פּלוצלונג איז די זונן פערשוואונדען געוואָרען אונטער א דונקעלען פּאָרהאַנג און אַרום איהר האָבען זיך בעוויזען רויטע, בלוטיגע בויגענס... אַ שוואַרצער שווערער טומאַן (נעבעל) האָט זיך אויפגעהויבען פון ים האָט בעדעקט די ערד. אַ שווערער ערשטיקענדער גערוך האָט זיך צו־שפּרייט אין אַלע זייטען. אויף איין אויגענבליק איז געוואָרען פינסטער ווי אין אַ קבר און שטיל ווי אין אַ וויסטע... אַן אימה ופּחד זיינען גע־פאַלען אויף יעדען מענש, אויף יעדער בעשעפּעניס... און דאַן האָט די ערד אָנגעהויבען ציטערן און פּלאַטערן... אַ גערויש גראַד, ווי טויזענד שרעקליכע דונערען מיט מיליאָנען קאַנאָנען... יעדער האָט דער־פיהלט אַז עס קעהרט זיך, אַז עס פאַלט, עס קומט אַן ענדע... און עס איז געוואָרען פינסטער און תוהו ובוהו...

יאָ! עס איז געשעהען, די קאָמעטע האָט פערטשעפּעט דעם ערד־קוגעל און אַלעס איז געגאַנגען צו־גרונד...

געדענקט איהר ווען איהר, אַלס קינד נאָך, האָט געלערענט דעם פּסוק: וחושך על פּני תהום, און אַ פינסטערנים איז געווען אי־בער׳ן אָבגרונד — געדענקט איהר וואָס פאַר אַ פאַנטאַסטישע בילד אייער פאַנטאַזיע האָט אייך געשילדערט? אָדער געדענקט איהר ווען אין דער יוגענד פלעגט זיך אייך טרוימען, אַז אונטער אייך האָט זיך געעפענט אַ שרעקליכער דונקעלער אָבגרונד און איהר פאַלט... איהר פליהט, איהר שוועבט?... דאָס האָב איך געפיהלט אין די ערשטע מינוטען נאָכדעם, ווי די ערד מיט דער קאָמעטע האָבען זיך צוזאַמענ־געשטויסען... איך האָב געהערט דעם שרעקליכען קראַך, האָב געפיהלט ווי די ערד האָט זיך שטאַרק צו־וויגט אונטער מיינע פיס, איך האָב געגעבען איין קרעכץ און דאַן האָט אַלעס אָנגעהויבען פליהען, שווע־בען... מיין אָטהעם האָט מיר פערכאַפּט און איך האָב געחלש׳ט.

איך ווייס ניט ווי פיעל צייט איך בין געווען אָהן געפיהלען, ווי לאַנג איך בין געפלויגען איבער די אונגעהייער גרויסע לופט־מדבריות, וועלכע ליגען צווישען איין וועלט און דער אַנדערער, וועלכע שיידען אָב איין שטערען פון׳ם צווייטען... איך געדענק נור ווען איך האָב ער־וואַכט האָב איך דערזעהן די אייגענע שעהנע בלויע הימלען איבער מיין קאָפּ, די אייגענע ליכטיגע זונן האָט מיר געשיקט איהרע ליכטיגע

שטראַהלען... מיין ערשטער געדאַנק איז געווען: מענש, דו לעבסט נאָך! און אַ גרויסע פרייד האָט ערפילט מיין האַרץ... איך לעב נאָך! איך בין געראַטעוועט! אַ! ווי גליקליך, ווי גליקליך איך בין!

איך האָב מיך אַרומגעקוקט אַרום און אַרום: וואו בין איך? געוויס איז געבליבען גערעכט דער געלעהרטער, וועלכער האָט געזאָגט אַז די ערד וועט ניט צוריסען ווערען אויף אַש, נור, וועט צופאַלען אויף טויזענד מייל... מיט איינע פון די טהיילען בין איך אַרויפגעפאַלען אויף אַ נאָהענטע פּלאַנעטע. איך האָב דאָס זיך ערקלעהרט, ווייל איך האָב געפיהלט, אַז די טעמפּעראַטור איז דאָ כמעט, ווי אויף דער ערד. אַרום מיר זיינען געווען די רואינען פון דעם בעריהמטען ניו־יאָרק... די גרעסטע, די שעהנסטע געביידען זיינען געווען צו־וואָרפען, צושטערט, טעלעגראַפען צוריסען, מאַשינען צובראָכען. אַלעס, מיט וואָס דער מענש פון 19טען יאָהר־הונדערט האָט געשטאָלצירט, איז געוואָרען פערניכטעט, אונגליקליך. אומזיסט האָב איך אַרום זיך גע־זוכט אַ מענשען אָדער אַ לעבעדיגע בעשעפענים... איך בין געווען אַרומגערינגעלט מיט בערג אַש, שטויב, שטיינער, ציגעל... אַליין! אַליין צווישען די חורבות פון דער אַלטער אָבגעלעבטער וועלט!... אָבער איז דען ניט בעסער צו לעבען אַליין, זיין פריי פון די מענשליכע פאָדערונגען און נאַרישע געזעצע, זיין אינדעפּענדענט, ניט האָבען איבער זיך קיין קריטיקער און קיין שופטים, ניט האָבען קיין נאַרישע פריינד און קיין קלוגע שונאים?

מיט ענערגיע און פרייד האָב איך אָנגעהויבען קלעטערען אי־בער די גרודעס. אַש, איבער די בערג שטיינער... אה! איך לעב! איך בין פריי! איך וועל זעלבסט זאָרגען פאַר זיך און וועל נור טאָן דאָס, וואָס מיר געפעלט און וואָס מיר פערשאַפט פערגניגען. די פערפלוכטע ווערטער: עגאָאיזם און אַלטרואיזם, וועלכע האָבען מיך פריהער אַזוי פיעל געפּלאַגט און אַזוי אָפט געשטערט מיין רוה, זיינען מיט דעם סוף פון דער קאָמעטע אַראָפּגעקעהרט געוואָרען פון מיין וועג אויף אייביג! איך לעב, איך בין פריי! איך בין פאָלקאָם גליקליך!...

שטעלט אייך פאָר מיין ערשטוינונג, מיין פערוואונדערונג, ווען איך האָב דערזעהן, צווישען די בערג פון שטיינער און ציגעל גאָר אַ גאַנצע געביידע... דורך אַ גליקליכען צופאַל איז געבליבען גאַנץ גראַד דאָס הויז פון יונייטעד סטייטס טרעזשורי. די טהירען זיינען גע־

ווען אָפּען, די קאַסען האָט מען ניט אויספּייעט פערשליסען... איך בין אונערוואַרטעט געוואָרען דער הערר און פערוואַלטער פון אונגעהייער גרויסע סומען גאָלד און זילבער... איך האָב קיין מאָל ניט ליעב געהאַט קיין געלד, איך האָב געוואוסט אַז דאָס איז נור אַ מעכטיגער מיטעל צו מאַכען דעם מענשען גליקליך... עס האָט מיך אָבער שטענדיג געקרענקט, דאָס דער מיטעל געפינט זיך ביי די אונווירדיגע און שלעכטע מענשען אין די הענד, און דאָס די, וועלכע פערדיענען גליקליך צו זיין, זיינען אונטערדריקט, אָרעם, ליידען הונגער און נויטה... אָה! יעצט איז די מאַכט אין מיין האַנד!... דעם גאַנצען טאָג בין איך געזעסען און האָב געצעהלט די גילדערנע, גלענצענדע פינף און צוואַנציג דאָלאַר־שטיק. דאָס גאָלד האָט געקלונגען ווי אַ געטליכע מוזיק און האָט געשיינט ווי די שטראַהלען פון דער זונן. איך בין געווען פריילעך, צופריעדען.... איך האָב פערגעסען די פערגאַנגענהייט, האָב ניט געדענקט פון דער צוקונפט... איך האָב ניט געפיהלט קיין הונגער, קיין דורשט... מיר האָט זיך געוואָלט זינגען... לאַכען... און ווען עס איז געוואָרען דונקעל און איך בין ארויסגעלאָפען אויף דער פרישער לופט, ווען איך האָב דערזעהן בליסצענדע שטערענדלעך, וועלכע האָבען מיר פריילִיך צוגעוואונקען פון בלויען הימעל, האָט זיך פון מיין האַרץ אויסגעריסען אַ פריילעך טריאומף־געשריי: הורראַ, איך בין גליקליך! גליקליך!.. איך לעב! איך בין פריי! איך בין רייך! איז דען דאָס ניט דאָס גליק פון מענשען?

איך בין געשלאָפען גאַנץ רוהיג די ערשטע נאַכט. און בין אויפגעשטאַנען פריש און געזונד. איך האָב זיך גוט געפיהלט און מיר האָט זיך אין גיכען שטאַרק פערוואָלט עסען... עסען? וואָס פאַר אַ נידעריגעס און אונזיניגעס בעדערפענים! איך האָב זיך גענומען ווידער צעהלען מיין גאָלד. איך האָב געוואָלט אָבנאַרען מיין מאָגען, איך האָב געוואָלט זיך פערטויבען מיט דעם קלאַנג פון דעם עדעלען מעטאַל... אומזאָנסט!... מיין גאַנצער קערפּער, אַלע מיינע געפיהלע האָבען געפאָדערט עסען... טויזענדער קולות האָבען אין מיר געשריען: עסען! עסען! דאָס גרויסע רייכטהום האָט ניט געקענט מיך זאַט מאַכען... איך בין ארויסגעלאָפען ווי אַ דולער, האָב געזוכט צווישען די חורבות, האָב געשריען: נעהמט צוואַנציג דאָלאַר פאַר איין מיטאָג!... נעהמט דרייסיג דאָלאַר פיר איין ביעפסטייק...

שטיל! קיינער ענטפערט ניט... די צווייטע נאַכט האָב איך פער־בראַכט זעהר שלעכט... דער קאָפּ האָט געברענט... די קרעפטע האָבען מיך פערלאָזען... אין שלאָף האָב איך געזעהן שרעקליכע טרוימען... קוים איז נור אויפגעגאַנגען די זונן, בין איך אויפגעשטאַנען זוכען עטוואָס עסען... מיין פרייהייט, מיין רייכקייט האָבען מיר ווענינ אינטערעסירט... עסען! איין שטיקעלע ברויט!... איך האָב אָבער געפּו־נען נור שטיינער און שטויב.... איך האָב זיך צוריק געקעהרט אין מיין שאַץ קאַמער, האָב געקוקט אויפ'ן גאָלד... אָבער עס האָט מיך שוין גאָר ניט געפרייט... אָהן מאַכט בין איך געפאַלען צו דער ערד. ביטערע טרערען האָבען זיך אָנגעהויבען צו גיסען פון מיינע אויגען, און מיט א שרעקליכען יאָמער האָב איך אָנגעהויבען שרייען: נעהמט מיין פרייהייט! נעהמט מיין גאַנץ גאָלד, נור גיט מיר איין שטיקעל ברויט! איין שטיקעל שוואַרצע האַרטע פערשימעלטע ברויט... ברויט! ברויט! דאָס איז דאָס ווירקליכע גליק פון מענשען...

עס איז מיר אָבער ניט בעשערט געווען צו שטאַרבען פון הונ־גער: אויפ'ן דריטען טאָג האָט זיך מיין גליק צו מיר ווידער אומגע־קעהרט... איך האָב געפונען א גאַנצע גראָסערי סטאָר. פיש, אַלער־ליי הערינג, געזאַלצענע פלייש, פערשיעדענע קאָלבאַסען, גערויכער־טע צונגען, ברויט, ביסקוויטען, קאָלאָראַדער וויין, גרויסע באָטלען מיט קאָניאַק און ברענדי... דעם ערשטען מאָל אין מיין לעבען האָב איך געפיהלט ווי טייער אי די שפּייז, וואָס געהערט דעם מענשען; דאָס ערשטע מאָל האָב איך פערשטאַנען, דאָס פאַר דעם קליגסטען מענשען, פאַר דעם גרעסטען פילאָזאָף, פאַר דעם רייכסטען מיליאָנער, פאַר דעם פראָסטען בירגער איז ניטאָ קיין גליק אָהן עסענוואַרג... איך האָב פערביסען מיט אַפּעטיט, מיינע קרעפטען האָבען זיך צו מיר אומגעקעהרט, די טרויעריגע געדאַנקען זיינען פערשוואונדען און יעצט נאָך האָב איך מיך גערעכענט פאָלקאָם גליקליך! פריי! רייך! בע־זאָרגט מיט שפּייז! קען דען א דענקענדער מענש אויך ביי אַזעלכע גלענצענדע אומשטענדען ניט פיהלען זיך גאַנץ גליקליך, גאַנץ צו־פריעדען?

יא! איך בין געווען גאַנץ צופריעדען; אַלע מאַטעריאַלען פון גראָסערי האָב איך איבער געטראָגען אין טרעזשורי פון יונייטעד סטייטס. איך בין געווען בעשעפטיגט, פערנומען, צופריעדען, גליקליך...

אין די מינוטען ווען איך בין געווען ניט בעשעפטיגט האָב איך גע־דענקט פּאָעטיזירט, געזונגען... האָב געטראַכט פון וויכטיגע זאַ־כען, האָב געקוקט אויף די שטערען, אויפ׳ן הימעל, אויף די וואונ־דערבאַרע זונן און בין געווען גליקליך און צופריעדען... יאָ! עס איז דאָ גליק אויף דער וועלט! יאָ! דער מענש קען זיין צופריעדען און גליקליך!...

עס איז אָבער אַוועק אַ קורצע צייט און איינינע געהיימע גע־דאַנקען האָבען אָנגעפאַנגען שטערען מיין רוה און פרייד. צו איינפאַך, צו מאָנאָטאָן האָט זיך מיר אויסגעצייגט מיין לעבען. צו וועניג איינ־דרוק האָט געקענט אויף מיר מאַכען דאָס אַלעס, וואָס איך האָב ארום מיר געזעהן. צו וועניג געדאַנקען און געפיהלען האָב איך געקענט שע־פּען פון זיך אַליין... איך האָב געפיהלט, אַז עס פעלען מיר קוועלען פון נייע איינדריקע, פון נייע געדאַנקען... איך האָב שוין אָנגעהויבען צווייפלען אויב איך וועל קענען גליקליך און צופריעדען זיין. ווען איך האָב אונערוואַרטעט אין איינע פון מיינע עקסקורסיאָנען איבער די רואינען פון ניו יאָרק געפונען אַכטאָר׳ם לייברערי. דיעזע רייכע ביבליאָטהעק איז געבליבען גאַנץ גערעטעט!... איך האָב דערזעהן שאַ־פעס פול מיט ביכער, וועלכע האָבען שטילערהייד געקוקט אויף מיר!... איך האָב דערזעהן פאַר זיך אַ גאַנצען ים מיט געדאַנקען... דאָ, צווי־שען די קיסרים פון חכמה, צווישען די גענעראַלען דער וואַרהייט, צווישען די פּרינצען פון פּאָעזי, דאָ וועל איך קענען פיהלען זיך אונ־צופריעדען? דאָ וועט מיר זיין אונמוטהיג? — אַזוי ווי אַ דורשטי־גער פאַלט צו צו אַ טייכעלע מיט קלאָרע וואַסער, בין איך צוגעפאַלען צו דעם קוואַל פון העכערע פערגניגען און גליק... איך בין גאַנצע טעג געזעסען און האָב געלעזען אַ בוך, נאָך אַ בוך... גאַנצע שעצער פון פילאָ־זאָפיע, גן עדן׳ס מיט פּאָעזי, וואונדערבאַרע פייערווערקען פון געטליכע געדאַנקען. אַ מבול פון דער חכמה׳ס שטראַהלען... וואָס פאַר אַ רייכטהום קען זיין גרעסער דערפון? וואָס פאַר אַ גליק קען זיין קלי־נער דערפון? וואָס קען נאָך פעלען דעם מענשען, ער זאָל בלייבען גאַנץ צופריעדען? צופריעדען אויף אימער, צופריעדען אויף אייביג? נור יעצט האָב איך דערפיהלט מיט אַלע פיברען פון מיין זעעלע, מיט מיין האַרץ און קאָפּ, דאָס איך בין אַזוי גליקליך, אַז גליקליכער קען שוין ניט זיין!

פון דער שאָץ קאַמער פון יונייטעד סטייט בין איך אַריבער אין דער שאָץ קאַמער פון דער גאַנצער מענשהייט... דאָס נייע, דאָס גייס־טיגע רייכטהום האָט מיך אויפגעהויבען ביז צו די הימלען, וואו עס רו־הען די געטער דער זויסענשאַפט און פּאָעזי. פיעל צייט האָב איך דאָ פערבראַכט. פיעל טעג זיינען פערלאָפען אונבעמערקט... אַך! אָבער אין איין פריה מאָרגען האָב איך ווידער דערפיהלט, אַז עס פעהלט מיר מיר עטוואָס, דאָס אויך דאָס גרעסטע גייסטיגע רייכטהום קען מיך ניט גאַנץ צופריעדען שטעלען, דאָס פערשיעדענע טרויעריגע געדאַנ־קען פערשטערען מיר מיין לעבען און רוה... וואָס פעלט מיר? איך בין רייך, איך בין פריי, איך בין בעזאָרגט מיט שפייז. איך געפין אין מיין ביבליאָטהעק אַלעס, וואָס קען ענטוויקלען די געדאַנקען און ער־הויבען די געפיהלען! וואָס דאַרף איך דען נאָך? א! איך ווייס, איך בין צו ווייט פון דער נאַטור! איך האָב ניט דאָס, מיט וואָס די נאַטור בעציערט דעם מענשענס לעבען, צערשטרייט זיינע מעלאַנכאָלישע גע־דאַנקען, גיט איהם צו נייע קרעפטען און ענערגיע... אַך! ווען איך זאָל קענען געפינען נור צוויי, דריי בוימער, וועלכע זאָלען מיך בעשיצען מיט זייערע גרינע צווייגען... ווען איך זאָל הערען ווי זייערע בלע־טעלעך וויספּערן איבער מיין קאָפּ, ווען לעבען מיר זאָל זיך געפינען איין לעבעדיגע בעשעפענים, איין קליינע שעפעלע, אָדער אַ קליין הינ־טעלע, אַ קעצעלע, ווי גרויס וואָלט געווען מיין פרייד און גליק! די אונגליקליכע איינוואָהנער פון ניו יאָרק האָבען אָבער זיך ערווייטערט פון דער נאַטור, און פון זיי איז מיר נור געבליבען בערג מיט שטיי־נער, ציגעל און אייזען... אָ! ווי שרעקליך האָבען זיך מיר יעצט אויס־געוויזען די שאָטענס, וועלכע פלעגען פאַלען ביי נאַכט פון די רואי־נען... ווי טויט האָט אויסגעוויזען דער גאַנצער פּלאַץ אַרום מיר... אָהן איין בלומעלע! אָהן איין גרעזעלע!

דער שיקזאַל, וועלכער האָט מיר מיין לעבען געשענקט, האָט אָבער ניט געוואָלט איך זאָל אונצופריעדען בלייבען און האָט מיך איין מאָל געבראַכט גראַד צו דעם פּלאַטץ וואו אמאָל איז געווען יוניאָן סקווער. דאָ לעבען דער איבערגעקעהרטער פּלאַטפאָרמע פון די צערשמעטערטע פאָלקס טריבונע האָב איך דערזעהן אַן אַלטען גרי־נעם בוים... עס איז נאָך ווענינ, צווישען די צווייגען האָב איך דער־הערט ווי עס שוויטשערט און זינגט איין איינציג אָרעם פויגעלע!...

הימעל! איך בין ניט אליין דא אויף דער וועלט! איך האב א קאמע־ראד! א פריינד!... ער איז אזוי עלענד ווי איך... דא! אונטער דעם בוים וועל איך לעבען צוזאמען מיט איהם, איך וועל הערען זיין טרויע־ריגעס ליעד... דאס איז שוין צופיעל... צו פיעל גליק!... און די טרע־רען, וועלכע האבען מיך שוין לאנג געשטיקט האבען זיך ארויסגעריסען און איך בין צוגעפאלען צום בוים און איך האב צום ערשטען מאל נאך דער קאטאסטראפע געוויינט מיט טרערען פון גליק און פרייד... גו־טע טרערען! זיסע טרערען! גליקליכע טרערען!...

יא! עס איז א שאנדע! איך וויים, עס איז לעבערליך, עס מאכט נידריג דעם מענשען, דעם קעניג פון אלע געשעפפע, דעם חכם און דענקער, דאך מוז איך אייך די וואהרהייט זאגען: ניט די פרייהייט, ניט דאס רייכטהום, ניט די קוואלען פון פאעזי און וויסענשאפט, ניט די נאטור, ניט דאס לעבען אליין האט מיך געקענט גליקליך און צופריע־דען מאכען... איך האב געוויינט, געקלאגט און געזוכט נור איינס... איך האב געזוכט מענשען! מענשען!... צו וואס דארף איך די פרייהייט, ווען זי ברענגט מיר ניט קיין נוץ! וואס איז מיין לעבען, ווען איך וויים ניט פאר וועמען איך לעב? צו וואס דענקען און זוכען די וואהרהייט, ווען עס זיינען ניטא די, וועלכע קענען שעצען די וואר־הייט!... דא! האב איך פערשטאנען ווי אונגליקליך עס זיינען די מענשען, וועלכע לעבען נור פיר זיך אליין, וועלכע קענען ניט שעצען די געזעלשאפט, וועלכע פעראייניגען זיך ניט מיט די מענשען, ווייל זיי פערשטעהען ניט ווי גרוים עס איז דער גליק און פרייד פון פער־איינינונג... איך האב זיך דערמאנט, ווי גוט עס איז געווען, ווען איך האב ארום זיך געזעהן מענשען, וועלכע האבען געקענט זיין מיינע פריינד, מיינע בעשיטצער, מיינע ברידער; וואס פאר א געטליכע מוזיק האט געקלונגען אין מיינע אויערן, ווען איך האב געהערט דעם פרייליכען געשריי און געזאנג פון קינדער... און יעצט בין איך אליין!

אָהן מענשען, אָהן ברידער! וואָס איז אַ לעבען אָהן פריינדשאַפט, אָהן ליעבע, אָהן ציעלען?

איך בין געפאַלען מיט מיין אונגליקליכע קאָפּ צו אַ שטיין און אַ ביטערער יאָמער האָט זיך ארויסגעריסען פון מיין קראַנקעם הארץ! אָ! מענשען! אָ! ברידער, וואו זייט איהר?...

דער ערשטער אַנשטוים.

(עטיוד.)

.1

האָט איהר אַ מאָל געזעהן די שעהנע גאַס „וועסט ענד עוועניו" אין ניו יאָרק? אַ רייהע פּרעכטיגע פּאַלאַסטען ציהט זיך ווייט „אַפּטאון". בלומען-גערטנער, גרינע פעלדעלעך, גרויסע פּאַלמען און זעלטענע בוימער דעקאָרירען דיזע מערקווירדיגע געביידען, וועלכע הויבען שטאָלץ זייערע קעפּ צום הימעל און שפּיגלען זיך אָב אין די קלאָרע וואַסערן פון האָדסאָן ריווער. עס איז די שענסטע גאַס אין ניו יאָרק.

אין איינעם פון דיזע פּאַלאַסטען האָט פערנומען אַ פלעט אַ רייכער און בעוואוסטער מאַהלער מיט זיין פרוי און איינציגען זוהן, אַ אינגעל פון פיערצעהן יאָהר. איהר קענט איך פאָרשטעלען, וויפיעל טייערע בילדער, וויפיעל זעלטענע סטאַטוען, וויפיעל מערקווירדיגע מעבעל עס איז געווען אין די הויכע, געררוימע, גרויסע צימערן פון דער וואָהנונג, וואו עס האָט געלעבט אַזאַ קליינע פאַמיליע. דריי מענשען האָבען פערנומען פיעל מעהר פּלאַץ אין אַ פּאַלאַסט פון צעהן פאַמיליען אין אַן איינגען טענעמענט הויז. דער מאַהלער האָט געהאַט נור צוויי זאַכען, וועלכע זיינען איהם געווען טייער ווי זיין אייגענעם לעבען, זיין מאַהלער קונסט און זיין איינציגעם קינד. אויסער די ריינע פּאָעטישע קונסט און אויסער זיין פאַמיליען לעבען האָט גאָר נישט עקזיסטירט פאַר איהם אין דער וועלט. די ווערטער: קאַמפּף פאַר'ן לעבען, אָרמוטה און נויט האָבען געקלונגען אין זיינע אויערען, אַזוי ווי טענער פון אַ צובראָכענעם אָרגעל... זיי מאַכען אַן אונגאַנגענעהמען גערויש אויף איין אויגענבליק און פערשווינדען אין דער לופטען.

זיין זוהן איז געוואַקסען אין וואוילטאָג און פערגניגען, קיין זאַך איז איהם ניט ענטזאַגט געוואָרען, זיין קלענסטער פערלאַנג איז געוועזען ערפילט. ער איז געוועזען שטאַרק, שעהן, בליהענד, — ער איז געוועזען אַ גליקליך קינד... אויף דערזעלבער רייכער „וועסט־ענד עוועניו", אין דעם זעלבען פּרעכטיגען פּאַלאַסט איז געוועזען נאָך אַ אינגעל. ער איז אויך געוועזען נור פיערצעהן יאָהר אַלט, ער האָט אויך פערלאַנגט צו האָבען קינדישע פרייהייט און פערגניגען, ער איז אָבער ניט גע־בוירען מיט אַזאַ מזל... זיין פאָטער איז פּערזענליך בעקאַנט מיט דעם, וואָס איז אַ שווערער קאַמפּף פאַר'ן לעבען, וואָס איז ביטערע נויט און אַרמוטה, און דאָס קינד האָט געדאַרפט פריה פערליערען די פרייהייט און געהן דיענען און פערדיענען. ער איז געוועזען בלאַס, מאָגער און זעהר ניט שעהן. זיין פליכט איז געוועזען גאַנץ פריה צו קומען אין אַ סאָלדאַטסקי אוניפאָרם, אַ גאַנצען טאָג שטעהן אין האָל לע־בען די גלענצענדע שפּיעגלען, מאַרמעלנע קאָלאָנען און הויכע פּאַלמען, — שטעהן ביז אימיצער פון די „גליקליכע" וועט קומען ער זאָל זיך איילען צו עפענען די טהיר און מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעלע אויף די ליפּען העפליך ענטפערען אויף יעדע פראַגע, וואָס די „הער־רען" וועלען געריהען צו פרעגען.

קינדער טראָגען אין זייער הארצען מעהר פריינדליכע געפיהלען און דענקען וועניגער פון די קאָנטראַסטען וועלכע עקסעסטירען אין לעבען. דער יונגער שווייצאַר ביי דער טהיר האָט זעהר וועניג געטראַכט פון דעם אונטערשיעד צווישען איהם און דעם מאַהלער'ס זוהן, ער האָט נור געזעהען, אַז ער איז אויך נאָך אַ קינד אַ שטיפער און אַ פריילינער יונג. מיט פרייד און אמת'ע געפיהלען פון אַ גוטען חבר פלעגט ער בעגעגנען דעם קליינעם פריץ'ל, מיט פערגניגען פלעגט ער צוזעהן פון דער ווייטען, ווי אַזוי זיין יונגער פריינד זעצט זיך אויף זיין קליין ווייסען פערדעלע, אָדער ווי ער פליהט אום איבער'ן אספאַלט אויף זיין טייערען בייסיקעל... ער פלעגט מיט פערגעניגען פאָלגען דעם רייכען קאַמעראַד און טאָן אַלעס, וואָס ער האָט איהם גע־הייסען. זיינע רייכע קאָסטיומען, זיינע רייכע שפּילצייגע, דאָס געלד וואָס דער רייכער „פריינד" האָט שטענדיג געהאַט ביי זיך אויף נאַ־שערייען האָבען פון אָנפאַנג ניט ערוועקט אין איהם קיין קנאה און קיין שנאה — ער האָט ליעב געהאַט דעם קליינעם דעספּאָט און טי־

ראן. ווייניג — ער איז געווען פערליעבט אין איהם.

דער פערצויגענער מיוחס איז ווירקליך געווען א דעספאט און א טיראן — ער איז געוואקסען אן עגאאיסט. מיט זיין גאוה, מיט זיינע קאפריזען, מיט זיינע שלעכטע און גראבע ווערטער, האט ער גיך ערוועקט גאר אנדערע געפיהלען, אין דעם הארצען פון זיין יונגען, געהארזאמען און איבערגעגעבענעם חבר... דער יונגער שווייצאר האט בעמערקט, דאס דער רייכער מיוחס דולדעט איהם, נור ווען ער דארף איהם... דארף ער איהם ניט — דערקענט ער איהם גאר ניט. ער האט בעמערקט, דאס פאר זיין פריינדשאפט צאהלט מען איהם מיט פעראכטונג, — דאס בעטען בעט מען איהם קיין מאל ניט — מען בעפעהלט נור, מען הייסט. און געגען זיין ווילען, האבען זיך אין זיין הארץ ערוועקט און ביסלעכווייז אויסגעוואקסען גאר אנדערע אונבעקאנטע געפיהלען... דער רויטער פנים מיט די גראבע ליפען פון דעם יונגען הערר האבען אויפגעהערט צו געפעלען און האבען אנגעהויבען אויסצואווייזען זיך פאר איהם גאר אנדערש; די פערדלעך, מיט די בייסיקלעך מיט די ווילדע שטיק האבען שוין ניט געפרייט מעהר דעם יונגען „שווייצאר", זיינע רייכע קאסטיומען און לאקירטע שיך פלעגען צווינגען דעם „שווייצאר" צו בעטראכטען זיין אייגענעם קאסטיום אין דעם גרויסען שפיגעל אונטער איהם... לאנגזאם האבען געפיהלען פון קנאה — שנאה, פערגיפטעט דאס יונגע הארץ — ער האט אנגעהויבען צו האסען דעם פערצויגענעם מיוחס.

2.

די טרייהייט און איבערגעבענהייט פון דעם „שווייצאר" האט דער יונגער עגאאיסט גענומען, ווי זאכען וועלכע קומען איהם. אבער זיין פעראכטונג און זיין קאלטען בליק האט ער אנגענומען אלס א שרעקליכע אונרעכט און בעליידיגונג — ער האט אנגעהויבען צו פערפאלגען דעם אונגעהארכזאמען „שקלאפע", צווישען זיי האט זיך אנגעהויבען א שטילער און פערבארגענער קאמפף.

— בינד מיר צו די רימענס פון מיינע „סקייטס" זאגט שטאלץ דער מיוחס, הויבט אויף זיין קאפ נאך העכער און ציהט אויס זיין פוס.

ער וואָרט דער „שקלאַפּע" זאָל פאַלען אויף די קניע צו זיינע פיס און זאָל פלינק ערפילען, וואָס מע הייסט איהם.

— דאָס איז ניט מיין געשעפט, ענטפערט דער „שווייצאַר" און קעהרט זיך דאַן בייז אָב...

— עפענען מיר די טהיר גיכער, שרייט בייז דער מיוחס אן אנ־דער מאָל. די טהיר עפען.

— דו קענסט אליין אויך עפענען — ביסט ניט קראַנק, ענט־פערט דער „שווייצאַר", פערגעסענדיג אַז דאָס איז זיין „הייליגע" פליכט...ביידע פיינדע שטעהען איינער געגען דעם אַנדערען און דאָס יונגע בלוט צינדט זיך אָן בייביידען און צוברענט זיך אין אַ שרעקליכען האס... זיי שטעהען ווי צוויי קעמפּפער און בעטראַכטען איינער דעם צווייטען... אָבער אין דער מינוט פונקט קומט דער סור־פּערינטענדענט פון הויז. דער יונגער פּריץ בעקלאָגט זיך און מע בעפעהלט דעם „שווייצאַר" באַלד צו עפענען די טהיר. ער עפענט די טהיר מיט פערביסענע ליפּען און אין זיינע אויגען גיט אַבליץ אַ פייער'ל, פון וועלכען דעם יונגען פּריץ ווערט קאַלט. אין עטליכע מינוט ארום האָט זיך דער יונגער פּריץ אומגעקעהרט צוריק, ער האָט ניט געקענט פערגעסען, דאָס דער „שקלאַפּע" האָט געוואגט אויף איהם אַזאַ קוק צו טאָן, און האָט געוואָלט זיך שטילען דאָס האַרץ. ער איז נור אַראָב פון די טרעפּ — האָט זיך אָבער באַלד אומגעקעהרט און האָט געהייסען עפענען די טהיר. דער יונגער „שווייצאַר" האָט גע־שוויגען. זיין ברוסט האָט זיך געוויעגט פון אויפרעגונג, זיין האַרץ האָט האַסטיג געקלאַפּט, זיינען ליפּען זיינען געוועזן בלאַס...

— עפען די טהיר! האָט אַ געשריי געטאָן אויסער זיך דער יונגער „הערר" און האָט דעם „דיענער" געגעבען אַ שטאַרקען ציה פאַר'ן ארבעל.

— ריהר מיך ניט אָן, אָנגעשטאָפּטער צופריעדענער שווין! האָט געענטפערט דער „שווייצאַר" און האָט אויפ'ן אַמעריקאַנער אופ'ן אָנגעשפּיגען דעם פּריץ אין געזיכט. דער יונגער פּריץ האָט אויפגעהויבען זיין קרעפטיגע האַנד און האָט דערלאַנגט אַ שטאַרקען קלאַפּ זיין געגנער איבערן קאָפּ, פון וועלכען ער איז געפאַלען צו דער ערד מיט'ן קאָפּ צו אַ מאַרמאָרנע קאָלאָנע...

3.

צוויי טעג זיינען פערבייגעגאנגען און דער „שווייצאר" האט ניט געקענט בערוהיגען זיך און איינשטילען זיין הארץ... ביי נאכט האט ער ניט געקענט שלאפען, — ביי טאג האט ער פון קיין זאך ניט געקענט דענקען, ער האט נור געטראכט פון איין זאך, ווי צו נעהמען נקמה פאר זיין בעליידיגונג... ווי ער פלעגט נור דערמאנען זיך אן דעם יונגען „פריץ" פלעגען איהם אנהויבען ציטערען די הענד און פיס, דער קאפ פלעגט שווינדלען, דאס בלוט פלעגט אין איהם פערקילט ווערען... דער פיינד זיינער איז יעדען טאג עטליכע מאל געגאנגען פערביי איהם, ער האט אבער אליין געעפענט די טהיר... ער האט זאגאר איין מאל אנפאנגען צו רעדען צום „שווייצאר" גלייך ווי עס וואלט גאר ניט געשעהן — דער „שווייצאר" האט אבער ניט געענטפערט און האט פערדעקט זיין געזיכט... אויפ'ן דריטען טאג, ווען דער יונגער פריץ איז געלאפען זארגלאז מיט א פרייליך ליעדעלע פערביי דעם שווייצאר און האט א געשריי געטאן: עפען מיר די טהיר! האט ער ווידער באגעגענט דעם שווייצאר'ס אויגען, אין וועלכע עס האט געברענט א פירכטערליכער פייעריל... דער יונגער שווייצאר האט געהארכזאם געעפענט די טהיר, האט פלינק ארויסגעשלעפט פון דער טאשע א פעדער־מעסעריל, האט אין אויגענבליק געעפענט דעם גרעס־טען קלינגעל און ווען דער יונגער העדר האט אויפגעהויבען זיין פוס אויף די ערשטע טרעפ האט ער פלוצלינג דערפיהלט, ווי עטוואס קאלטעס האט איהם א שטאך געטאן אונטערן ריפ. מיט א יאמערלי־כען געשריי איז ער געפאלען צו דער ערד און האט זיך בעגאסען מיט בלוט.

אין דער זעלבער נאכט איז דער מאהלער געזעסען לעבען זיין פערוואונדעטען זוהנס בעט און האט געדענקט דערפון וואס האט פאסירט. ער האט ניט געלאזט דעם יונגען „שווייצאר" ארעסטירען, ער האט צום ערשטען מאל דערפיהלט, דאס ניט נור זיין זוהן, „יענער" איז אויך א קינד; ניט נור ער, דעם שווייצארס פאטער איז אויך א

פאָטער, ניט נור זיין פאַמיליע, עס איז דאָ נאָך פאַמיליען, וועלכע ווי־לען לעבען, דארפען לעבען, האָבען דאָס רעכט צו לעבען און קענען ניט... דאָס קינד, וועלכעס האָט אַזוי לאַנג איהם געעפענט די טהיר, האָט ערוועקט אין זיין ברוסט געפיהלען פון רחמנות נור דאַן, ווען זיין אייגען געליעבט קינד האָט געקראָגען אַ קלאַפּ מיט אַ מעסער. דער ערשטער אנשטויס האָט געמאַכט אַ ווירקונג... דער רייכער קינסטלער איז געצוואונגען געוואָרען צו פערלאָזען די וועלט פון „ריינע" קונסט מיט פּאָעזי און צו דענקען פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אין לעבען...

דריי שרעקליכע יאָהר.

בעשריבען פונ׳ם פּעראורטהיילטען אליין.

מיט דריי יאָהר צוריק בין איך געוועזן א יונגער מאַן, פול מיט גוטע האָפנונגען, מיט ענערגיע, קראַפט און שטרעבונגען, און יעצט בין איך אַן אַלטער, אַלטער גרייז. יא! איך בין גרוי און אַלטע געוואָרען — עס זיינען געוועזן שרעקליכע דריי יאָהר...

וואָס איז דאָס געוועזן — מאָרד אָדער זעלבסטמאָרד? דער טויט האָט פערשלאָסען זיינע ליפּען, ער האָט אוועק געטראָגען אין קבר די פּירכטערליכע געהיימנים. די וואָס ווילען געפינען ניט זוכענדיג, דעם שולדיגען, האָבען באַלד געפונען אין זייערע מוחות, א גלענצענדע סברה: האָב איך איהם ניט ערמאָרדעט? מיין ווייב איז יונג און שעהן, ער איז געוועזן מיין פריינד און מיין קאַמעראַד — ווער אַנדערש האָט איהם געטויטעט, אויב ניט איך?... אייפערזוכט, אייפערזוכט איז די אורזאַכע!...

איך בין אַן ארעסטאַנט. א שווערע בעשולדיגונג ליגט ווי א לאַסט אויף מיין קאָפּ. איך בין א מערדער!... לאַנגזאַם ציהען זיך די טעג, די שלאָפלאָזע נעכט ציהען זיך נאָך לאַנזאַמער... דאָס האַרץ איז צו־וואונדעט פון שרעק און יסורים.... שרעקליכע געדאַנקען מיט גוטע האָפנונגען יאָגען איינע די אַנדערע פון מיין צודולטען קאָפּ... פּאָר וואָס בין איך ניט שטאַרק גענוג, איך זאָל קענען צורייסען מיינע קייטען, אומוואַרפען די גאַנצע געביידע פון אויסגעטראַכטע בעווייזע? איך ברעך אין פערצווייפלונג מיינע הענד, איך וויין מיט צאָרן און האַס... און די אייזערנע גראַטעס ריהרען זיך ניט פון מיין אייגענע דונקעלע צעלע און מיינע ווענטער זיינען גלייכגילטיג און קאַלט ווי די שטיינער פון מיין געפענגנים ווענט...

זאָל איך אייך דערצעהלען, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין

געריכט, ווען טויזענדער אויגען האָבען געקוקט אויף מיר, ווי אויף א מערדער, ווען יעדע מינוט האָט מען אין מיר בעלעדיגט מיינע מענש־ליכע געפיהלען, געצאַפּט מיין בלוט, ווען מיין אַלטע אונגליקליכע מוטער האָט געוויינט לעבען מיר מיט ביטערע טרערען און האָט גע־קוקט אַזוי בעטענדיג אויף מיינע ריכטער? זאָל איך אייך דערצעהלען, וויפיעל עווינקייט איך האָב איבערגעלעבט, ווען די „דזשורי" האָט אין אַנאַנדער צימער געלעגט אויף די וואָגשאָלען פון זייער פערשטאַנד מיין לעבען און מיין טויט? ווי אַזוי איך בין פערשטאַרבען געוואָרען און מיין האַרץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּען ווען די דזשורי איז ענד־ליך ערשיענען, וואָס איך האָב דערפיהלט, ווען איך האָב דערהערט דאָס וואָרט: „גילטי!" גילטי... וואָס נאָכדעם איז געווען ווייס איך ניט. איך געדענק נור דאָס מיין אַלטע מוטער האָט מיך אומ־ארמט מיט איהרע ציטערנדיגע שוואכע הענד, האָט מיך צוגעדריקט צו איהר ליעבענדע האַרץ און האָט בעגאָסען מיין געזיכט מיט גרויסע טרערען... און דאַן האָבען געקלונגען שווערע שליסלען, גרויסע טריט האָבען זיך געהערט... די טויערען פון שוואַרצען אַבגרונד האָבען זיך געעפענט און מיך איינגעשלונגען...

מיין אַלטע מוטער האָט אומזיסט געבעטען, געוויינט, מען זאָל מיך בעגנאַדיגען. מיין אַדוואָקאַט האָט זיך אומזיסט בעמיהעט צו שרייבען פּאַפּיערן מיט אַפּעלאַציאָנען — איך האָב געמוזט שטאַרבען אויפ'ן גאַלגען. אין א פינסטערע דונקעלע נאַכט האָבען מיינע וועכ־טער אריינגעפיהרט צו מיר אַן אַלטען פּאַסטאָר אין שוואַרצע קליידער. זיין בליק, פול מיט טרויער און מיטלייד, האָט מיר אַלעס ערקלעהרט — מאָרגען וועל איך שוין ניט לעבען מעהר... מען קלאַפּט אין הויף פון געפענגניס — דאָס בויט מען מיר א תליה. פרעמדע געדונגענע הענט וועלען ארונטער נעהמען מיין געשענדעטען קערפּער און וועלען מיך פערשפּאַרען אין אַן אייביגען פריזאָן... מיין אַלטע מוטער וועט ניט קענען קומען זאָגען מיר איהר לעצטען זיי געזונד.

א פירכטערליכע, א שרעקליכע נאַכט! דער טויט איז געווען אַזוי נאָהענט און איך האָב געדענקט פון לעבען, פון פרייד, פון גליק. דער וויכטיגער מאָמענט ווערט נעהענטער צו מיר מיט יעדען קלאַפּ פונ'ם זייגער און איך קען ניט דענקען פון וויכטיגעס... איך קען ניט דענקען פון דער געגענוואַרט... עראינערונגען קומען רייהען ווייז...

איך זעה זיך אַלס גליקליך זאָרגלאָז קינד, איך לויף אום, שטיף מיט קאמעראדען, לאַך! איך האָב צוואַנציג יאָהר ניט געזעהן דעם גרינעם טהאל ביים טייך מיט די אַלטע בוימער, וואו איך האָב געשפּיעלט אין מיין יוגענד און יעצט זעה איך עס פאר מיינע אויגען.

עס הויבט אָן צו טאָגען... לאַנגזאם און טרויעריג קלינגט דער געפענגניס גלאָק... אין הער טריט... מען געהט צו מיר... מען געהט נאָך מיר. מען טוט מיך אָן אין שוואַרצע קליידער... די לעצטע מינוטען קומען. די הענד ציטערען ביי די, וואָס פיהרען מיך דורכ'ן איינגען האָלל צו דער תליה, וועלכע שטעהט אין הויף. אונזערע שטי־לע לאַנגזאמע טריט הילכען זיך אָב אין פוסטען האָלל, גלייך ווי נאָך אונז וואָלט נאָכגעגאַנגען א טרויעריגער מארש. איך הער אימיצער זאָגט מיר פון א טהיר:

„גוד באַי! מיר שיידען זיך אויף אייביג".

איך בין געגאַנגען רוהיג ביז יעצט, ניט דערפאר, ווייל דער שרעק־ליכער, געוואַלטזאמער טויט אויפ'ן גאַלגען האָט מיך ניט געשראָקען — ניין!... איך בין געווען רוהיג, ווייל אין די לעצטע מינוטען פון מיין לעבען האָב איך ניט געקענט דענקען פונ'ם טויט. יעדע קליי־ניגקייט האָט געוועקט מיין אויפמערקזאמקייט... די שטימע פון דעם פּאַסטאָר האָט מיר דערמאָנט אָן א ליעדעלע, וועלכע איך האָב לאַנג געהערט פון א בלינדען „נעגער". מיין האַלז־טוך האָט מיר דערמאָנט דעם טאָג פון מיין האָכצייט, ווען איך האָב זיך אָנגעטאָן צו דער חופּה. אָבער ווען איך האָב דערהערט די ווערטער: „גוד באַי" האָט מיר פּלוצלונג א שאַרפער ווייטאָג דורכגעבויערט מיין הארץ. מיין מוח האָט זיך געעפענט, די מחיצה האָט זיך אוועקגעצויגען פון מיינע אויגען און איך האָב דערזעהן דעם טויט, דערפיהלט, בעגריפען, פערשטאַנען, וואָס מיר שטעהט פאָר צו ליידען... גוד באַי! גוד באַי? וועה, ווי שרעקליך דאָס איז! די פיס האַקען זיך אונטער. די ערד וואַנקט אונ־טער מיר.

איך געדענק, ווי עס איז פּלוצלונג געוואָרען א גרויסער גערויש, אימיצער האָט געקלאַפּט אין טויער פון געפענגניס, געקלונגען שטאַרק אין גלאָק און געשריען:

„שטעהט, שטעהט!"... — נאָכדעם איז אריינגעלאָפען מיין אדוואָקאַט מיט א פּאַפּיער אין האנד... דער בעריכט האָט בעוויליגט

אָבצוליינעז מיין שטראָף און נאָך א מאָל מיך צו פּראָצעסירען. אימי־צער דריקט מיר די האַנד, אַנדערע גראַטולירען מיך מיט פריידּ, און איך פאַל צו דער ערד צוזאַמענגעבראָכען און וויין... מיין ברוסט אין אַנגעלאָדען צופיעל מיט שווערע אונגעוועהנליכע געפיהלען, ווידער האָבען אויפגעבליהעט אין מיין ברוסט גוטע האָפנונגען, מיט אונגע־דולד האָב איך ערוואַרטעט דעם טאָג ווען איך וועל צום צווייטען מאָל ערשיינען פאַר'ן גערכט... איך בין געווען איבערצייגט, דאָס איצט וועל איך פריי געשפּראָכען ווערען און איך האָב געטרוימט פון גליק, פון לעבען... אַלס רוהיגער מענש בין איך געקומען אין גערכטס זאַל און אַלס פערצווייפעלטען, פערלאָרענעם און האָפנונגסלאָזען האָט מען מיך געבראַכט צוריק אין געפענגניס, — צום צווייטען מאָל האָט מען מיך צום טויט פעראורטהיילט און מיר איז שוין אויסערן טויט גאָר נישט געבליבען צו ערוואַרטען... און איך האָב ערוואַר־טעט דעם טויט.

דער געדאַנק פון טויט איז זיך אַזוי מיט מיר צוזאַמענגעוואַק־סען, דאָס איך האָב זיך, נאָך איידער מען האָט מיך געהאַנגען, גערע־כענט שוין פאַר א טויטען, — נאָך פאַר מיין טויט איז די גאַנצע וועלט פאַר מיר אָבגעשטאָרבען. אַלעס וואָס האָט זיך געטאָן פון יענער זייט געפענגניס, אַלעס וואָס האָט געלעבט, געקעמפּפט פאַר'ן לעבען, גע־שטרעבט צום גליק, אַלעס פון וואָס איך האָב אליין אַמאָל געדענקט, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, — אַלעס איז פערזונקען געוואָרען ווי אין א דונקעלען נעבעל... איין וואונש, איין פערלאַנג האָב איך גע־האַט — די לעצטע מינוט זאָל שוין קומען און דער שווערער חלום זאָל זיך ענדיגען...

ווען איך פלעג צוגעהן גאַנץ פריה צום פענסטער פון מיין געפענג־ניס און פלעג דערזעהן ווי די זונן שטעהט אויף צו בעלייכטען די גאַנצע וועלט; ווען איך פלעג הערען ווייט ערגעץ פרעהליכע שטימען און א זיס ליעד; ווען איך פלעג ערבליקען אַלטע צווייגעדיגע בוימער, וועלכע האָבען געהוזשעט און גערוישט פון יענע זייט וואַנד — האָב איך געדענקט, דאָס עס שטעלט זיך מיר נור פאָר אַזוי אין חלום און דאָס אין דער ווירקליכקייט איז ניטאָ קיין שעהנע נאַטור, ניטאָ קיין פריילִיכע שטימען, ניטאָ קיין זיסע ליעדער, ניטאָ קיין לעבען... עס איז נור דאָ א טרוים... א טרוים, וועלכער וועט זיך גיך ענדיגען,

און דאן וועט קומען דער לאנגער, אונגעשטערטער רוהיגער שלאף...
איך בין איצט געלעגען א טויטער לעבען מיין קבר און מיינע הענ־
קערס האבען נור געדארפט קומען, ארייןוואַרפען מיך אין גרוב און
פערשיטען מיט ערד.

די לעצטע נאכט איז ענדליך געקומען. דער פאסטאָר מיט זיין
מיטלייד, מיט זיינע תפילות, מיט זיינע גוטע ווערטער — ווייזט מיר
אוים דום און אונערטרעגליך... די אלע גוטע ווערטער און טרייס־
טונגען — פאלש און איבריג, די אלע צערעמאָניעס און פאַרבעריי־
טונגען — דעם טייוועלס ערפינדונגען צו פערלענגערן דעם מענשענס
צרות. גיכער! גיכער! זאָל שוין זיין אַן ענדע. דער געדאנק, אפשר
קומט ווידער מיין אדוואָקאט מיט א פאפיר האָט מיך געשראָקען.

שלעכטער מענש! ער איז ווידער געקומען צו לויפען מיט אַן
אונבעשרייבליכער פרייד, ווי א פערווירטער, ווי א ווילדער שרייט ער:
„פריי! פריי!" דער קאָורט „אָוו פאַרדאָנס ענד עראָרס" האָט מיר
איצט געשענקט מיין פרייהייט. איצט? ! ווען איך בין אין דריי יאָהר
אזוי אַלט און שוואך געוואָרען, ווען איך האָב מיך צוגעוואָהנט צום
געדאנק פון טויט און ערוויטערט זיך אזוי פונ'ם לעבען, ווען איך בין
פון אלע פערגעסען און פערפרעמדעט געוואָרען, ווען איך האָב קיין
איין לעבעדיגע זעעלע ניט פון יענער זייט געפענגניס, וועלכע זאָל זיך
דערפרייען מיט מיין פרייהייט; שענקען מיר דאָס לעבען, ווען אין מיר
זיינען געטויטעט געוואָרען אלע שטרעבונגען צום לעבען, ווען אין
מיר איז אָבגעשטאָרבען דער אינטערעס צו אַלעס, וואָס א מענש קען
שעצען און מיט וואָס ער קען זיך פרעהען... צו שפעט!... ווען דאָס
לעבען איז מיר געווען טייער, האָט מען עס ביי מיר גערייבט און ווען
דאָס לעבען איז מיר א שווערער לאסט, דאן גיט מען עס מיר צוריק.
שלעכטער „גוטער" מענש, נאך וואָס טוסט דו מיר אזא ביטערע
טובה?... קוקט, זיי פרעהען זיך אַלע און איך פערדעק מיין געזיכט
און וויין נאך אמאָל. ניט קיין גוטע טרערען איז דאָס, וועלכע קומען פון
איבערראשונג און ברענגען א פערגרינגערונג, — עס איז ביטערע
טרערען פון פערצווייפלונג, די פרעמדע וועלט שרעקט מיך, איך האָב
מורא פאר'ן לעבען. וואָס האָט איהר געוואָלט פון מיר מיט אייער גע־
רעכטיגקייט? זיינען דען די ווילדע, וועלכע האָבען ניט קיין געפענג־
ניסען צו פלאגען א מענשען דריי יאָהר מיט'ן געדאנק פון טויט, איי־

דער דער טויט קומט, ניט בעסער און גערעכטער פון אייך? א וויל-
דער, ווען ער נעהמט נקמה, טויטעט ער באַלד אויפ׳ן פּלאַץ, און איהר
האָט מיך , זיינט דריי יאָהר יעדען טאָג געמאַטערט און געמאַטערט״.

דער פייער־מענש.

(א קאפיטעל פון א ראמאן.)

מיט עטליכע טאג איז צו מיר געקומען א אידישער יונגער מאן פון פעטערסאן מיט א וויכטיגער בקשה. ער אליין איז אן ארבייטער. ער האט אבער א ברודער אין שווייצאריע, אן אלטער עמיגיראנט, וועלכער איז א מאל געווען בעוואוסט אלס א זעהר טהעטיגער רע־וואלוציאנער־נאראדניק. ער האט מיר אנגערופען זעהר א בעקאנטען נאמען. דיעזער ברודער זיינער, וועלכער איז אנטלאפען פון סיביר, לעבט שוין זייט יאהרען לאנג אין שווייצאריע. ער איז איצט א קראנקער, אלטער און ארעמער מענש. ער האט צוגעשיקט אהערצו זיין ברודער א מאנוסקריפט, א קאפיטעל פון זיין לעבענס־געשיכטע, געשריבען אין אידיש, אין א האלב ביאגראפישע, האלב בעלעטריסטישע פארם, און ער בעט, מען זאל עס דא דרוקען אויב עס וועט געפעלען, וועט ער צושיקען נאך קאפיטלעך. און אויסער דעם האט ער נאך בדעה צו שרייבען א אידישע דראמע אויך. (נו, יא, נו!) איהר קענט אייך פארשטעלען, וואס פאר א אידישען כתב דער אלטער אידישער נא־ראדניק האט געהאט! איך האב עס איבערגעשריבען און שיק עס דרו־קען. די ערצעהלונג רופט זיך ביי איהם „דער פייער מענש״, א קאפי־טעל פון א ראמאן.

.1

איך בין געווען אלט 23 יאהר.

איך בין געווען דאן א רוסישער נאראדניק. איך האב געהאט איין אידעאל — דאס גליק פון דער גאנצער מענשהייט. איך האב גע־האט איין שטרעבונג — קויפען מיט מיין אייגענעם בלוט, מיט מיין יונגען לעבען די פרייהייט פון רוסישען פאלק. מיין צוקונפט, מיין קא־

ריערע, מיינע פעהיגקייטען צום לערנען, מיין שטודיום אין אוני־ווערזיטעט, זיינען געווען קליינינקייטען פאַר וועלכע עס איז געווען אַ שאַנדע און אַ געמיינהייט צו קימערען זיך. מיין אייגען פאָלק, מיינע אידישע ברידער, האָבען דאַן פאַר מיר עקזיסטירט נור אין דער טהעאָ־ריע. אין דער ווירקליכקייט האָב איך זיי ניט געקענט. מען זאָל מיר דאַמאָלס געווען זאָגען, אַז איך וועל אַ מאָל לערנען אידיש שרייבען און וועל שטאָלצירען דערמיט וואָס איך קען רעדען צו מיין פאָלק אויף זייער אָרימער שפּראַך, וואָלט איך דאָס דאַן גערעכענט פאַר אַ אַ גרויסע בעלעדיגונג. מיין פאָלק איז געווען דאָס רוסישע פאָלק. מיין שפּראַך איז געווען די רוסישע שפּראַך. פאַר דיעזען שרעקליכען טעות האָבען מיר שפּעטער בעצאָהלט מיט בלוט און טרעהרען.

איך בין געווען דאַן 23 יאָהר אַלט.

איך בין געווען יונג, געזונד, שטאַרק, זאָרגלאָז. איך האָב ניט גע־וואוסט, וואָס הייסט מורא האָבען. אַזוי ווי זיעגפריעד איז געגאַנגען צו דער בעצויבערטער, שלאָפענדער ברונהילדע דורך פייער און שווע־בעל, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין געפיהל פון מורא, אַזוי בין איך געגאַנגען בעפרייען דאָס שלאָפענדע רוסישע פאָלק, ניט ווייל איך האָב זיך גערעכענט פאַר אַ העלד, אָדער ווייל איך האָב געוואָלט ווערען אַ העלד... איך האָב פאַר קיין זאַך אין דער וועלט קיין מורא ניט גע־האַט. פון דער קלענסטער אורזאכע פלעג איך זיך אָנצינדען ווי אַ פייער. איהר האָט געמעגט ארויסשטעלען געגען מיר אַ שאַרפען מעסער, אָדער די שטאָהלענדע מויל פון אַ רעוואָלווער, — איך בין געגאַנגען אויף אייך! איך בין געווען אַ פייערדיגער יונג. זינגען אין כאָר בין איך געווען דער גרעסטער בריה; בעגעהן אַ ווילדע שטיפעריי, וועלכע איז פערבונדען זאָגאָר מיט סכנות נפשות — דער ערשטער בעלן. דער־צעהלען אַ געשיכטע, פון וועלכע אַלע, זאָגאָר זעהר ערנסטע און פער־טרויערטע מענשען זאָלען זיך קאָטשען פון געלעכטער, זיצען פינף נעכט כסדר ביי דעם בעט פון אַ געפעהרליכען קראַנקען, אָבנאָרען זעהר מיאוס אַ פּאָליציי־בעאַמטען, אָנטאָן אַ היטעל מיט אַ קאָקאַרדע און פיהרען איבער דערפער אַ געמאַכטען „קייזערליכען" אוקאַז, שלאָ־גען זיך מיט דריי אָפיצירען מיט אַ מאָל, אריינוואַרפען זיך אין דער געפעהרליכסטער דראַקע, געבען פייערדיגע קלעפּ און קריגען קלעפּ — אַלעס איז געווען ביי מיר אַ שפּיעלכעל.

איך בין געווען אַלט 23 יאָהר.

א גאנצע „קאפּעלע" פון לאנגע, שוואַרצע געדיכטע האָר האָט בעדעקט מיין שטאָלצען קאָפּ. צו מיין יונגען פּנים האָט זיך צוגע־טשעפּעט א שוואַרצע בערדיל, ווי א לאַפּאַטקע און אויגען האָב איך געהאַט — קען איך אייך אליין ניט ערקלערן, וואָס איז דאָס געווען פאַר אויגען! געוועהנליכע אויגען, דאַכט זיך, אַז אָבער אין זיי א קוק טאָן, האָט עס געגעבען א בריה. שפּעטער, ווען עס איז אריין אין דער מאָדע היפּנאָטיזם, פלעג איך מיט די אויגען, אָהן שום בע־וועגונגען מיט'ן האַנד, פערהיפּנאָטיזירען דעם געזונדסטען מאַן; פאַר פרויען איז מיין בליק אָפט געווען אַזוי געפעהרליך ווי דער אָט־העם פון א טייוועל. פערליעבען זיך פלעג איך זיך זעהר שנעל. דער־זעהן ערגעץ א שעהנע פרוי, געגאַנגען צוליעב איהר 20 קוואַרטאַלען צו פוס, אָדער געפאָהרען פינף סטאַנציעס ווייטער, ווי איך האָב גע־דאַרפט. איך בין ניט געווען אויסגעלאַסען און האָב ציניש ניט בע־האַנדעלט קיין פרוי, — איך פלעג זיך צו זיי פערהאַלטען מיט די עהרליכע רייִנע געפיהלע פון א פּאָעט און מיט דער בעגייסטערונג פון אַן ארטיסט.

איך בין געווען אַלט 23 יאָהר.

איך בין געקומען קיין כאַרקאָוו מיט א וויכטיגע פּאָליטישע מיסיאָן. עס איז געווען אָנפאַנג מאַי. א וואַרעמער פאַרנאַכט. מיר זיינען געווען אויף דעם שפּאַציר־פּלאַץ לעבען אוניווערזיטעט, וועל־כער איז געווען בעקאַנט אונטערן נאָמען „אוניווערסיטעטסקאַיאַ גאָר־קאַ" (דאָס בערגיל ביים אוניווערזיטעט). עטליכע יונגע לייט, מייס־טענס סטודענטען, זיינען געזעסען אויף א באַנק. איך בין געשטאַנען און האָב עפּיס קאָמישעס דערצעהלט. אַלע האָבען געלאַכט. פּלוצלונג זיינען מיינע קאַמעראַדען אַנשוויגען געוואָרען און האָבען א קוק גע־טאָן אויף מיר. איך האָב זיך פלינק אומגעקעהרט. פאַרביי אונז איז געגאַנגען א הויכע יונגע בלאָנדינקע אין זעהר א שעהנעם אָריגינעלען קלייד. נאָך איהר איז מיט פוילע טריט נאָכגעגאַנגען א גרויסער נוי־פאָנדלענדער הונד, א סך העכער פון א קאַלב. אין איהר גאַנג, אין איהרע בעוועגונגען איז געווען אַזוי פיעל גראַציע און חן, אַז מיר זיינען אַלע צוגעשמידט געוואָרען צו אונזערע פּלעצער. זי האָט הפּנים גע־הערט, וואָס איך האָב דערצעהלט, ווארום זי האָט אויף מיר א קוק

געטאָן מיט אַ פּרייליכען שמייכעלע און איז פערביי געגאַנגען. זי איז צוגעגאַנגען ביז טריפּיטיזיקאָוו׳ס פּאַסאַזש און האָט זיך אומגע־קעהרט, לאַנגזאַם און רוהיג. אויף איהרע ליפּען האָט שוין יעצט גע־שפּיעלט אַ סאַרקאַסטישער שמייכעלע. אין מיינע אויגען האָט זיך פּלוצלונג אָנגעצונדען דעם רוח׳ס פייער, און איך האָב אויף איהר אַ וואָרף געטאָן אַ בליק, אין וועלכען עס האָט געברענט אַ שטראָם מיט עלעקטרישען פייער. איך האָב בעמערקט, אַז זי איז פּלוצלונג רויט געוואָרען און האָט זיך אָבגעקעהרט. זי איז ווידער לאַנגזאַם פערביי־געגאַנגען, מיינע יונגע פריינדע האָבען אָנגעהויבען צו וויצלען זיך. איינינע האָבען געזאָגט, זי וועט זיך שוין ניט אומקעהרען מעהר. אַנדערע, פּערקעהרט, זיינען געוועזען זיכער, אַז זי וועט קומען נאָך אַ מאָל אָנקוקען דעם „ברענענדען איד״, ווי זיי פּלעגען מיך רופען. עטליכע מינוטען זיינען אַוועק. איך זעה, זי געהט ווידער. זי האָט אַלץ געקוקט אויף מיר שפּאַטיש, מיט גאוה און אין דער זעלבער צייט איז געווען אין איהר בליק עטוואָס, וואָס האָט אַזוי ווי גערופען און איינגעלאַדען. איך האָב געזעהן, זי איז צוגעגאַנגען ביז דער ענדע אַלעע, האָט צום לעצטען מאָל אַ קוק געטאָן אין דער ריכטונג, וואו איך בין געזעסען, און איז ארויס פון בולוואר.

עס איז שוין געוואָרען נאַכט. די גאַנצע שטאָדט איז פערגאָסען געוואָרען מיט ליכט. דער שטויב פון די גאַסען האָט זיך געצויגען צו די ברענענדע לאָמפּען און האָט איינגעוויקעלט די שטאָדט ווי מיט אַ טומאַן. מיר זיינען אַלע געבליבען זיצען שטיל. מיך האָט געצויגען אַהין, וואו דער שעהנער רופענדער געשטאַלט איז פערשוואונדען גע־וואָרען אונטער דעם מאַנטעל פון דער מיסטישער נאַכט...

איך בין געווען אַלט 23 יאָהר.

אַ פּאָר מינוטען זיינען אַוועק. איך בין אויפגעשטאַנען און האָב געזאָגט מיינע קאַמעראַדען, אַז איך האָב וויכטיגע ארבייט צו טאָן. מיט אַן איראָנישען טאָן האָבען זיי מיך דערמאָנט, איך זאָל צוליעב די וויכטיגע ארבייט ניט פערגעסען, אַז מיר האָבען היינט ווירקליך אַ וויכטיגע געהיימע פערזאַמלונג. איך האָב אָנגערוקט אויף מיינע לאַנגע געגרייזעלטע האָאָר מיין ברייטע שליאַפּע און האָב זיך געלאָזט געהן. איך האָב געהערט ווי מיינע קאַמעראַדען לאַכען פון מיר, און האָב אָנגעהויבען צו שפּרייזען מיט גיכע, איילענדע טריט. איך האָב זי

זעהר גיך אָנגעיאָגט. זי האָט אזוי ווי דערפיהלט, אַז איך פאָלג איהר נאָך. זי האָט זיך אומגעקעהרט און איך האָב ווידער בעגעגענט איהר שפּאָטישען, סארקאסטישען שמייכעלע.

אָבער איהרע ווייכע סאַמעטענע אויגען האָבען געגלעט און האָבען גערופען. איך בין נאָכגעגאַנגען. עטליכע מאָל האָט דער הונד מיך בעטראַכט מיט זעהר אונפריינדליכע אויגען. איך בין נאָכגעגאַנגען. ווען זי האָט געדאַרפט פערקעהרען אין אַן אַנדער גאַס, האָט זי זיך אומגעקעהרט. די ליפּען האָבען גיפטיג געלאַכט פון מיר, די אויגען אָבער האָבען גערופען — איך בין נאָכגעגאַנגען. איך האָב געזעהן, אַז דאָס איז אַ וואַזשנע אַריסטאָקראַטישע דאַמע. איהר פּנים איז געווען נאָבעל און אינטעליגענט, איהר בענעהמען זיך העכסט אַנשטענדיג — איך האָב ניט געקלערט פון קיין זאַך. איך בין נאָכגעגאַנגען.

איך בין געווען אַלט 23 יאָהר.

ענדליך איז צוגעגאַנגען צו אַ גרויסע, שעהנע הויז. זי איז ארויף אויף הויכע מאַרמאָרנע טרעפּ ביז'ן טהיר. און איידער זי האָט אַ קלונג געטאָן האָט זי ווידער אויף מיר אַ קוק געטאָן. זי האָט יעצט גאַנץ אָפען געלאַכט, אָבער איהרע אויגען האָבען אזוי ווי איינגעלאַדען. איך האָב אָנגעהויבען צו געהן נאָך איהר אויף די טרעפּ. זי האָט פלינק אַ קלונג געטאָן. אַ הויכער שווייצאַר מיט צוויי גרויסע באַקענבאַרדען האָט געעפענט די טהיר. איך האָב דערזעהן אַ וועסטיבול פערגאָסען מיט ליכט... גרויסע בראָנזענע פיגורען, טייערע קאַוויאָרען אויף די טרעפּ. צום ערשטען איז אריינגעלאָפען דער הונד מיט אַ פריילינע בילעריי. זי האָט מיר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד, ווי מען זאָל זאָגען: „ביטע זעהר", און איז אריינגעגאַנגען. איך נאָך איהר. מיט לייכטע גראַציעזע טריט איז זי ארויפגעלאָפען אויפ'ן צווייטען עטאַזש. דער הונד האָט אָנגעהויבען צו שטיפען און שפּרינגען נאָך איהר ווי אַ ווילדע קאַלב. אויבען האָט זי מיר ווידער אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנד. איך בין אויך געגאַנגען ארויף איבער די ווייכע טרעפּ. דער שווייצער האָט געקוקט אויף מיר זעהר פערוואונדערט. איך אליין האָב זיך אויך אָנגעהויבען צו וואונדערען. אונבעוואוסטע ערוואַרטונגען, נייגירדע, די פרעמדע, אונבעקאַנטע אומגעבונג — דאָס אַלעס האָט מיך זעהר אינטריגירט, אָבער קיין מורא האָב איך ניט געפיהלט. אויבען, אויף אַ שעהנע פּלאַטפאָרם, וועלכע האָט געהאַט גרויסע

טייערע שפּיגלען פון אַלע זייטען און איז געווען אַרומגעשטעלט מיט פּאַלמען און אַנדערע פלאַנצונגען, — בין איך געבליבען שטעהן. זי איז ערגעץ אין אַ טהיר פערשוואונדען געוואָרען און איך האָב ניט געוואוסט וואָהין צו געהן און וואָס צו טאָן. איך האָב אַ קוק געטאָן אין שפּיעגעל און מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז מיין פּנים ווייזט אויס אַ ביסעל נאַרריש. זעהר גיך האָב איך דערהערט איהר קלינגענדע זילבערנע שטימע און דאַן דאָס געלעכטער פון אַ מאַן, וועלכער האָט געלאַכט מיט אַ צובראָכענעם הייזעריגען באַריטאָן. די טהיר האָט זיך געעפענט און זי איז ערשיענען מיט אַ מאַן געאַרעמט. אַ מאַן פון אַ יאָהר פינף און פיערציג אין אַ גרינעם סאַמעטענעם האַלאַט, מיט גרינע טופליעס, מיט אַ גרינעם אָבגעלעבטען פּנים, מיט אַ גרויסען גלאַנצענדען פּליך, מיט שיטערע געלע באַקענבאַרדען. ער האָט זיך געהאַלטען זעהר מאַיעסטעטיש, ווי עפּעס אַ גרויסער פּריץ. דער הונד, וועלכער האָט זיי געפאָלגט, האָט אַ שפּרונג געטאָן צו מיר, האָט אַ שמעק געטאָן דעם פּרעמדען, אונגעבעטענעם גאַסט און האָט אויסגע־שטעלט אויף מיר זיינע פערוואונדערטע אויגען, גענאַדע ווי דער הערר זיינער.

— דאָס איז דער יונגער מענש, וועלכער איז אַזוי פריינדליך און אַזוי העפליך געווען, מיך אַ היים צו בעגלייטען האָט זי מיך פאָר־געשטעלט מיט אַ גראַציעזע און שטיפענדע בעוועגונג פון איהר האַנד. דער מאַן האָט אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער אין וועלכען אַנשטאָט אַ פּתח האָט זיך אַלץ געהערט אַ קמץ: „חאָ־חאָ־חאָ!"

— איך דאַנק אייך זעהר, וואָס איהר האָט מיין פרוי געבראַכט אַהיים — האָט ער געזאָגט מיט גרויס שטאָלצקייט. מיך פרייעט, פאָרצושטעלען זיך: איך בין פּראָקוראָר קאַראַוואַיעוו!

פּראָקוראָר קאַראַוואַיעוו! דער בלינדער שיקזאַל האָט מיך גע־בראַכט צו קאַראַוואַיעוו'ן, וועלכען איך האָב ניט געקענט, אָבער פון וועלכען איך האָב געהערט אַזוי פיעל שלעכטעס, וועלכען מען האָט אין אונזערע קרייזען אַזוי פערהאַסט און פעראַכטעט און וועלכער וועט מיך אַ מאָל אפשר אויף פערשיקען קיין סיביר ווי פיעלע פון מיינע קאַמעראַדען! אַזאַ צוזאַמענטרעפעניש האָט מיר אָנגעהויבען צו געפע־לען און איך האָב אויף איהם אַ קוק געטאָן מיט אַ פריילּיכען, אַרויס־רופענדען, טראָציגען בליק. ער האָט מיר, ווי אַ שפּיאָן טיעף אַ קוק

געטאָן אין די אויגען און מיין רוהיגער אידישער פּנים האָט איהם בייז געמאַכט. „איהר זייט אַ איד?" האָט ער מיך געפרעגט מיט אַ זיסע און געמאַכטע העפליכקייט. זיינע ווייסע פעטע הענד האָבען געציטערט פון אויפרעגונג.

— איך בין אַ מענש! האָב איך געענטפערט שטאָלץ.

— אַ מענש! — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט כעס, — און דאָך קען אַ עהרליכע פרוי אליין ניט ארויסגעהן!

דער הונד האָט פּלוצלונג נערוועז אַ גענעץ געטאָן, האָט אַ קוק געטאָן מיט אַ פראַגע אויסדרוק אויף זיין פריץ און האָט אויף מיר געגעבען אַ בייזען ביל.

— יעווגעני — האָט זי אַ געשריי געטאָן, — וואָס האָב איך דיך געבעטען.

— איך בעלעדיג ניט דעם יונגען הערר, — האָט ער געזאָגט שוין ווידער מיט אַ פריינדליכען טאָן, — עס איז געווען זעהר פיין פון איהם צו בעגלייטען מיין פרוי אהיים. איוואַן! האָט ער אויסגעשריען גראָב און בעפעהלענד צום שווייצאַר — דערלאַנג דעם יונגען הערר זיין הוט און זיין אויבער־ראָק!...

איך האָב מיין הוט געהאַלטען אין האַנד און קיין אויבער־ראָק האָב איך ניט געהאַט. איך האָב פערשטאַנען, אַז דער וויזיט, הייסט עס, האָט זיך געענדיגט. דער פּראָקוראָר האָט גיפטיג געלאַכט. דער שווייצאַר פון אונטען האָט געקוקט אויף מיר פול מיט צאָרן. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איהר. זי האָט געלאַכט מיט אַ פאַלשען געמאַכ־טען געלעכטער און איהרע גרויסע אויגען האָבען געקוקט אויף מיר גוט און בעטענד. זי גערעדע זאָל זיך פיהלען שולדיג. איך האָב ארויפ־גערוקט מיין ברייטע שליאַפּע אויפ'ן קאָפּ, האָב ניט געזאָגט קיין גוטע נאַכט, קיין איין וואָרט, האָב אונגערן אַנגעטראָטען דעם הונד אויפ'ן פוס, האָט אַ קוק געטאָן בייז אויפ'ן שווייצאַר, בין אראָב פון די טרעפּ אונמיסטען זעהר לאַנגזאַם, אַ שטאַרקען קלאַפּ געטאָן מיט דער שווע־רער טהיר און אַרויס אויף דער פרישער לופט. איך בין געווען שרעק־ליך בייז און צורודערט און האָב מיט בייזע טריט אונערבאַרמליך גע־קלאַפּט איבערן הילכיגען טראָטואַר. עס איז געווען אַ שעהנע מאַי־נאַכט. ליכטיגע שטערען זיינען געווען צוזייט און צושפּרייט איבער די טיעפע בלויע הימלען. אַ פרישׁ ווינטעלע האָט געשפּיעלט מיט

מיינע לאַנגע שוואַרצע האָאַר און האָט צאַרט געגלעט מיינע פלאַמענדע באַקען. אויפ'ן בולוואַר האָב איך זיך ענדליך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק אונטער אַ בליהענדע אַקאַציע. איך האָב גוטמוטהיג אַ טראַכט געטאָן וועגען דעם, וואָס ערשט איז פאָרגעקומען און האָב זיך צולאַכט מיט אַ הילכיגען, פרייליכען געלעכטער. אַ פויגעלע וועלכע האָט געדרע־מעלט צווישען די צווייגען האָט זיך דערשראָקען און איז מיט אַ גע־שריי אַריבערגעפלויגען אויף אַן אַנדער בוים. אַ פערליעבטע פּאָארעל, וועלכע איז געזעסען אויף אַ באַנק אַקעגען, האָט געקוקט אויף מיר מיט ערשטוינען ווי אויף אַ משוגענעם — איך האָב געלאַכט געשמאַק און שטאַרק, ווי מען קען לאַכען מיט צוויי געזונטע יונגע לונגען. צו־זאַמען מיט מיר האָבען די שטערן אין הימעל אָנגעהויבען צו פינקלען און בעוועגען זיך, און דער ווינטעל האָט אָנגעהויבען צו לויפען איבער די בוימער.

איך בין געוועזען אַלט 23 יאָהר.

דאָס פרייליכע און הילכיגע שאַלען פון קירכען־גלעקער האָט מיך אויפגעוועקט פון מיין טיעפען שלאָף. עס איז געוועזען אַ ליעבער מאַי־טאָג פול מיט שטראַהלענדע ליכט און זינגענדע טענער.

מיר האָבען נעכטען געהאַט אַ זעהר וויכטיגע געהיימע פערזאַמ־לונג, וועלכע האָט זיך פערצויגען כמעט ביז טאָג. מיר האָבען בעהאַנ־דעלט אַ גרויסע פראַגע: אין זיד־רוסלאַנד האָט אָנגעהויבען דאָן צו וואַקסען אַ נייע, מעהר אָדער ווענינער, ראַדיקאַלע סעקטע, וועלכע האָט זיך גערופען „שטונדא". די סעקטע האָט געבויט איהרע פּאָלי־טישע און סאָציאַלע אַנשויאונגען נור אויפ'ן עוואַנגעליום. זאָלען מיר געהן צו זיי אין די דערפער און דורך דעם עוואַנגעליום פּרעדיגען זיי סאָציאַליסטישע פּרינציפּען, אָדער זאָלען מיר געהן צו זיי אָפען מיט סאָציאַליסטישע פּרינציפּען און פּרעדיגען געגען עוואַנגעליום, ווי גע־גען אַלע אַלטע דאָקטרינען? די דעבאַטען זיינען געוועזען הייסע, ערנסטע און איך האָב פערגעסען דעם פּראָקוראָר מיט דער פּראָקוראָרשע; מיר זיינען אַלע געוועזען זעהר הויך און זעהר ווייט פון דער אָרימער ווירק־ליכקייט מיט אַלע איהרע קליינליכע ערשיינונגען. איך האָב זיך גע־היצט מעהר פון אַלע. מיך האָט נור אינטערעסירט די גאולה פון'ם רוסישען פאָלק. מיינע אַלע געדאַנקען, מיין זעעלע, מיין לעבען האָבען געהערט איהם, מיין טייערען ליידענדען ברודער — דעם רוסישען

לאנד־ארבייטער, וועלכער בעגיסט די מוטער ערד מיט זיינע טרערען. קיין אנדער פאלק, קיינע אנדערע ברידער, קיינע אנדערע טרערען און ליידען האבען פאר מיר ניט עקזיסטירט.

איך בין אלט געוועזן 23 יאהר.

צוהיצטע און אויפגערעגטע זיינען מיר אלע געגאנגען אהיים. דאס אבער האט מיר ניט געשטערט, געהענדיג, א ביסעל א שטיק צו טאן — איבערשרעקען א פערשלאפענעם גאראדאוואי (פאליציסט), צוזאמענשטויסען זיך כלומרשט אונגערן מיט א שכור׳ן אפיצער און צורייצען א הונד ביי דעם הויכען טויער פון א קופעטשעסקי, אין שלו־מער פערזונקענעם הויז. עס האט שוין אנגעהויבען טאגען די בלויע הימ־לען זיינען אוועק ווייט פון דער שלאפענדער ערד, און דער מזרח האט אנגעהויבען צו ווערען בלאס. דער גרויסער מארגענשטערען האט אונז פריידליך געוואונקען און געשיינט אלס סימבאל פון דער קומענדער בעפרייאונג. מיר זיינען אלע געגאנגען אהיים בעגייסטערטע פון דעם הייליגען פייער פון ליעבע און ערהאבענע שטרעבונגען. ווי א שטיין האב איך זיך אווארף געטאן אויף מיין געלעגער און בין אין איין אויגענבליק איינגעשלאפען מיט א רוהיגען, זארגלאזען, שטארקען שלאף.

איך בין געוועזן אלט 23 יאהר.

ווי אבער איך האב זיך אין דער פריה אויפגעכאפט, האב איך זיך באלד דערמאנט אויף די מערכענהאפטע געשיכטע מיט דער פער־טייפעלטער פראקוראר׳שע און דעם שטאלצען, אבגעלעבטען פראקו־ראר, וועלכער איז געשטאנען פאר מיינע אויגען ווי אן אלטער גאט יופיטער אין א גרינעם חלאט. וואס איז דאס געוועזן? איך וואלט מיר קיין מאל ניט ערלויבט צו פערפאלגען א פרוי. דירעקט אדער אינדי־רעקט האט זי מיך אליין ארויסגערופען אויף אזא שריט. נאך וואס האט זי דאס געטאן? איך האב געדארפט שפיעלען די ראלע פון א נארר, אום דורך מיר זאל די שעהנע, פערפיהרערישע מכשפה קענען איבערצייגען איהר טרייהייט צום הערר געמאהל. און פאר וואס האט ער מיך אזוי געמיין בעהאנדעלט? געלאזט שטעהן אין קארידאר, ניט איינגעלאדען אין הויז, געקוקט אויף מיר פון אויבען אראב, ווי אויף א ניעדריגע בעשעפעניש, און משלח געוועזן אהן אלע צערעמא־ניעס! איז דאס ניט דערפאר, ווייל ער האט דערקענט, אז איך בין

אַ איד? וואָס? ! ווייל איך בין אַ איד, האָט ער געמיינט, אַז יעדע בעליידיגונג, יעדער גראָדהייט געגען מיר וועט בלייבען אונבע־שטראָפט! אין מיר האָט זיך אָנגעצונדן אַ העליש פייער. איך וועל איהם שוין שרייבען אַ בריעף און מאַכען פון איהם אַ תל. אַ געמיינער ליבעראַל, אַ קאַריעריסט ער וועט מיך ערניעדריגען? ניין! שרייבען איהם וועל איך ניט. איך וועל איהם בעסער ארויסרופען אויף אַ דועל. יאַ, אויף אַ דועל! איך האָב געשפּאַנט איבער מיין קליין צימערל אויף דער קלאַטשקאָווסקי גאַס מיט גרויסע טריט און האָב געביסען מיין אייגענע בערדיל. מיין יונגעס בלוט האָט געזאָדען אין מיר, אין מיין יונגע ברוסט האָט געשטורמט אַ וואול־קאַן.

איך בין געווען אַלט 23 יאָהר.

אַ דועל טויג ניט. איך וועל איהם ערנסט רופען אויף אַ דועל, ער אָבער וועט זיך אויסלאַכען פון מיר און וועט שיקען צו מיר זיינע פּאָליציייסקע מחבלים. די בעסטע זאַך איז — אָבוואַרטען איהם ביים אָבער־געריכט (אָקרוזשנאָי סוד), רעדען מיט איהם און, אויב ער וועט מיר ניט געבען קיין בעפריעדיגונג, פּשוט אריינפאָהרען מיט אַ פּאָאָר פּעטש אין זיינע פּערוויאַנעטע באַקען מיט די צוויי שיטערע ביוראָקראַטישע באַקענבאַרדען. איך וועל איהם צייגען וואָס פאַר אַ מין איד איך בין, און אין דערזעלבער צייט וועל איך איהם כאָטש אַ ביסעל בעצאָהלען פאַר מיינע קאַמעראַדען, וועלכע ער האָט אונגליקליך גע־מאַכט. אָבער אייגענטליך וואָס דאַרף איך שטעהן ווי אַ נאַרר און וואַרטען אויף איהם אויף דער גאַס? איז ניט גלייכער און בעקוועמער צו מאַכען איהם די ערקלעהרונג טאַקע ביי איהם אין דער היים, אויף דעם זעלבען פּלאַץ, וואו מיין ערנידריגונג איז פאָרגעקומען, און טאַקי אין דער נעגענוואַרט פון זיין מאַדאַם, וועלכע האָט מיך נעכטען אָב־זיכטליך געבראַכט אין אַזאַ דומע פערלעגענהייט? איך לויף ארויס אויף דער גאַס, נעהם אַ דראָזשקע און פאָהר. פאַר יעדען צופאַל האָב איך אין מיין בוזעם־קעשענע אַן אַלטען ענגלישען רעוואָלווער, אַ „בולדאָג". איך היים דעם קוטשער טרייבען דאָס פערד. איך האָב קיין צייט ניט. איך ברען פון אונגעדולד און צאָרן...

איך בין אַלט 23 יאָהר.

איך האָב געגעבען אַ ציה אונגעוועהנליך שטאַרק דעם גלעקעל,

און באלד האָט מיר געענטפערט פון אינוועניג: אַס נערוועזע און יאָמערליכע בילען פון דעם בעקאַנטען הונד. דער שווייצאַר האָט איילענדיג און ערשראָקען אויפגעעפענט די טיר און האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר ערשטוינטע, איבערראַשטע אויגען.

— וואָס איז, וואָס דאַרפט איהר דאָ? — האָט ער מיך געפרעגט גראָב און פרעך, פערשטעלענדיג מיט זיין קערפּער דעם אריינגאַנג.

— איך דאַרף דעם פּראָקוראָר! — האָב איך געענטפערט בייז.

— דער הערר פּראָקוראָר נעהמט ניט אויף. ביי זיך אין דער היים אַזעלכע געסט.

— דאָס האַרט מיך זעהר ווייניג. איך וויל זעהן דעם פּראָקוראָר!

— און אויסער דעם, זיי זיינען ניטאָ יעצט אין דער היים.

— דו לייגסט! האָב איך אויסגעשריען מיט צאָרן, און האָב איהם אַ שטויס געטאָן אָן אַ זייט. די טהיר האָט זיך מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ צוגעמאַכט, און איך בין שוין ווידער געווען אין דער שעהנער וועסטיבול מיט די גרויסע בראָנזענע פיגורען און טייערע קאָוריאָרען.

— וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? האָט געשריען דער שווייצאַר, ניט מיט זיין קול. דער גרויסער ניופאַנדלענדער הונד האָט איהם באַלד אָנגעהויבען אַקאָמפּאַנירען אויף זיין באַססען־שטימע.

— איך וויל זעהן דעם פּראָקוראָר! — האָב איך געפּאָרדערט ענערגיש.

— וואָס איז דאָרטען? — האָב איך דערהערט איהר שטימע. זי איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע פון צווייטען עטאַזש אין אַן איינפאַכע בלויע קלייד. איהר טאַליע איז געווען אומגעפאַסט מיט אַ שוואַרצען סאַמעטענעם גאַרטעל, איהרע זיידענע בלאָנדע האָאָר זיינען ניט געווען אין אַזאַ ביוראָקראַטישע אָרדנונג ווי נעכטען, — דאָס אַלעס אָבער האָט אויסגעדריקט נאָך שטאַרקער איהר נאַטירליכע שעהנקייט. אָה! דאָס זייט איהר? האָט זי אויסגעשריען האַלב ערשראָקען און האַלב דערפרייט.

— יאַ, דאָס בין איך! — האָב איך געענטפערט זעהר ניט

העפליך. איך וויל זעהן דעם פּראָקוראָר!

— דער פּראָקוראָר איז ניטאָ אין דער היים!

זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויבען און האָט אָראָבגעקוקט אויף מיר.

— עס איז ניט וואהר. — האָב איך געזאָגט גראָב.

—וואָס? !—האָט זי אַ געשריי געטאָן בייז. דער הונד האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיר מיט אַ בייזער בילעריי.

— אָרעסט! שטיל בלייבען! טובאָ! — האָט זי בעפעהלענד געזאָגט צום הונד. און דאַן האָט זי פּלוצלונג געביטען איהר טאָן, און האָט מיט אַ שמייכעל בעמערקט:

— וואָס־זשע, מיין הערר, איהר מיינט, אַז איך בעהאַלט דעם פּראָקוראָר?

איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

דער שווייצאַר האָט מיך געשטאָכען מיט זיינע צאָרניגע בליקען און האָט יעדען אויגענבליק געוועגדעט זיין קאָפּ צו איהר, גראָדע ווי ער וואָלט געפרעגט: זאָל איך איהם ארויסוואַרפען? זאָל איך רופען פּאָליציי? זאָל איך איהם דער'הרג'ענען?

— קומט ארויף אַהער און דערצעהלט מיר וועגען וואָס האַנדעלט זיך דאָ, — האָט זי געזאָגט זעהר העפליך און פריינדליך.

— ניין! איך דאַרף רעדען פּערזענליך מיט'ן פּראָקוראָר.

אַזוי ווי אַ מיידעלע פון צוועלף יאָהר איז זי אַראָבגעלאָפען פון די טרעפּ, האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַ שפּאָטישען בליק, האָט אויפגעעפענט ווייַ מאַסיווע האַלבע טהירען, און האָט געזאָגט: דער פּראָקוראָר וועט קומען אַהער פיער אַ זייגער. ווילט איהר וואַרטען אויף איהם? ביטע.

מיר זיינען ביידע אריינגעגאַנגען אין אַ גרויסען ליכטיגען ווייסען זאַל. ביי די וועגד זיינען געשטאַנען ווייסע בעגילדעטע שטוהלען. גרויסע טייערע שפּיעגלען אין ווייסע בעגילדעטע ראהמען, אַ ווייסער פּאַרקעט בעדעקט מיט טייערע סאַמעטענע קאַווייאָרען. איך האָב נאָך אַזאַ לוקסוס קיין מאָל אין מיין לעבען ניט געזעהן. זי האָט מיך געבעטען זיצען און אַליין האָט זי זיך אַנדירערגעזעצט אויף אַ קליינע ניעדריגע טאַבורעטע.

— איך האָף, איהר זייט ניט געקומען ארויסרופען דעם פּראָקו־

ראַר אויף אַ דועל, — האָט זי געזאָגט האַלב אין שפּאַס, האַלב ערנסט. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איהר אַ פערוואונדערטער.

— יא, יא, אויף אַזאַ חברה־מאַן, ווי איהר, קען מען אַלעס גלויבען... איהר זייט אַ פייער־מענש, וועלכען קיין זאַך קען ניט אָבשטעלען. איך האָב געפיהלט, אַז איהר זייט נעכטען פון דאנען אַוועק אַ בעלעדיגטער, אָבער דער פּראָקוראָר איז ניט שולדיג. איך בין די שולדיגע. איך קען זיך אַליין ניט אָבגעבען קיין רעכנונג ווי דאָס האָט פּאַסירט. עס ווייזט אויס, אַז די לעבהאַפטע יוגענד, זייער נאַטירליכער, געזונדער געלעכטער, זייער קוראַזש און דרייסטיגקייט מאַכען אַ צו שטאַרקען איינדרוק אויף די, וואָס פיהרען אַ אומעטיגען, מאָנאָטאָנען, ציערליך־מאַניעליכען לעבען... זי האָט אַ זיפץ געטאָן און שטיל בעמערקט:

— איך בין אויך אַמאָל געווען אַ זאָרגלאָזע שטיפעריןן.

— אַזוי? אייך איז אומעטיג דאָ? — האָב איך בעמערקט גיפטיג און סאַרקאַסטיש. — נו, יא, איך וויס, איהר פיהרט דאָ אַ זינלאָזען, מאָנאָטאָנען לעבען, און דאָך בלייבט איהר דאָ, אין געפענגניס, אין דער גאָלדענער שטייג, ווייל איהר האָט פערקויפט אייער גוף מיט אייער נשמה אַ זעעלענלאָזען, שטיינערנעם מענשען, וועלכער בויט זיין קאַריערע אויף בלוט פון מאַרטירער, וועלכער געהט אום ווי אַ מלאך המות און רייסט ארויס פון די קעמפּפענדע רייהען די נאָבעלסטע און טאַפּפערסטע קעמפּפער!

— איהר דאַרפט אַזוי ניט רעדען אין מיין געגענוואַרט פון דעם פּראָקוראָר. זי האָט עס אָבער געזאָגט אין אַזאַ טאָן, אַז איך האָב ניט געקענט פערשטעהן, צו מיינט זי דאָס ערנסט אָדער ניט.

— איהר האָט אויך קיין רעכט ניט צו זאָגען, אַז איך האָב זיך פערקויפט. איך בין אונאַבהענגיג. איך האָב זעהר אַ גרויסע אימעניע אין טשערניגאָווער גובערניע. איך בין רייך.

— נו, יא, איהר זייט רייך, האָב איך אויסגעשריען מיט בעגייסטערונג. איהר זייט פערזונקען אין רייכקייט און אין לוקסוס, איהר טרעט דאָ אויף סאַמעט און אויף זייד, איהר ריהרט זיך ניט אָן אָהן האַנדשוה אפילו אָן אייער רעגענשירם, איהר עסט דאָס בעסטע און טרינקט דאָס טייערסטע, איהר שפּיעלט אויף טייערע פּיאַנאָס, פּוצט זיך אין קאָסטבאַרע ציערונג. ווערהענד אייערע אונגליקליכע

ברידער בעגיסען זיך מיט שוויים און בלוט, שטאַרבען פון הונגער און נויט, בעוויינען מיט ביטערע טרערען זייער שווערען שיקזאַל!

איך האָב געַרעדט לאַנג און היים. איך האָב זי געַרופען תשובה טאָן, בעצאָהלען דעם בעראויבטען ברודער זיין חוב, האָב זי געבעטען אַרומקוקען זיך אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך דאָ צייט. וואָרום זאָל זי איהר יונג לעבען פערשווענדען אָהן גליק, אָהן פרייד, אָהן אַ צוועק, ווען עס זיינען דאָ אַזוי פיעל גרויסע, הייליגע אויפגאַבען צו ערפילען!

איך האָב געַרעדט לאַנג, איך האָב געַרעדט אין׳ם נאָמען פון גרויסע אידעאַלען, אין׳ם נאָמען פון די, וועלכע איך האָב געַרעכענט פאַר מיינע ברידער. ענדליך האָב איך געענדיגט, און איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איהר. זי איז געזעסען בעוועגונגסלאָז, איהרע הענד צונויפגעלעגט אויף איהרע קניע. לעבען איהר איז געלעגען אויסגעצויגען איהר גרויסער, שעהנער הונד. אַ געטליכע גרופּע! אָבער איהרע אויגען האָבען געקוקט ווייט, און מען האָט געקענט מיינען, אַז איהרע געדאַנקען שוועבען ערגעץ ווייט, ווייט פון דאַנען.

— איהר הערט מיך נישט? — האָב איך געפרעגט מיט פערדרוס.

אין דעם גרויסען קאַלטען זאַל איז געווען שטיל. ווייט ערגעץ אויף אַ טיש האָט געקלאַפּט ריטמיש אַ טיש־זייגער. דער גרויסער „אָרעסט” האָט צוגעמאַכט די אויגען און האָט געדרעמעלט. איך בין צוגעגאַנגען נעהענטער און האָב שטיל געפרעגט: איהר הערט מיך נישט?

נאָך אַ זעהר לאַנגע און שווערע פּויזע, האָט זי גאַנץ שטיל און טרויעריג געענטפערט:

— יא, טהייערער, איך הער... זי האָט אויפגעהויבען איהר שעהנעם קאָפּ און אונזערע בליקען האָבען זיך בעגעגענט. אין מיינע אויגען האָט זיך פּלוצלונג אָנגעצונדען אַ גאַנצער אָקעאַן פון ליידענשאַפטליכען פייער... און...

אָה! איך בין געווען אַלט 23 יאָהר.

נינא קאַראיעווא און שפּעטער געווען בעקאַנט אין גאַנץ רוס־

לאנד אלס איינע פון די טעטיגסטע נאראָדניצעס אין טשערניגאָווער גובערניע. אין איהר אימעניע איז געווען א צענטר פון דער בעוועגונג. אהר דאָרף איז געווען א שולע פאר'ן פאָלק, מיט פאָרטרעגע, מיט פאָפולערע ביכלעך. מיט פראָפּאגאנדיסטישע אונטערהאלטונגען. פון איהר קאסע איז ניט איין הונדערטער געגאנגען פאר דער זאך פון דעם פאָלקס בעפרייאונג. איך אָבער? ... אמת, איך האָב געליעבט דיעזע מערקווירדיגע פרוי, וו מען קען נור ליעבען ווען מען איז אלט 23 יאָהר. אָבער איך האָב ניט געוואגט צו נעהמען, וואס דער רייכער שיקזאל האָט מיר געשענקט. איך האָב גערעכענט פאר א פערברעכען צו דענקען פון מיין פערזענליכען גליק. איך האָב זיך ענטזאגט פון ליעבע און פרייד, אום צו זיין א פרייער קעמפפער. אום צו זיין בערייט יעדען אויגענבליק צו אָפּפערן מיט זיך. איך האָב פערבראכט מיינע יאָהרען אין וואנדערן, בין געווען נע־ונד, האָב געליטען נויט און מאנגעל, האָב פערלוירען מיין יוגענד, מיין ענערגיע, מיינע קרעפטען אין טורמעס און אָסטראָגען — און דאס אלעס, אום צו בלייבען אויף דער עלטער, א פערקריפּעלטער, א צובראָכענער, א פרעמדער, א עלענ־דער, א קראנקער, פון אלעמען פערלאָזען און פערגעסענער. אלס א דאנקבארקייט האָבען די, וועלכע איך האָב געאָפּפערט מיינע בעסטע יאָהרען, געראויבט און געמאָרדעט מיינע אידישע ברידער און געשענדעט מיינע אידישע שוועסטער...

אויף דער עלטער האָט דער אלטער רוסישער נאראָדניק געדארפט זיך לערנען רעדען אידיש, דענקען אידיש, פיהלען אידיש...

אוי! וואס מיר האָבען ערוואַרטעט און פון וואס מיר האָבען געטרוימט, ווען מיר זיינען געווען 23 יאָהר אלט!...

* * *

דיעזען קאפּיטאל פון זיין לעבענס־געשיכטע, האָט צוגעשיקט דער אלטער נאראָדניק צו זיין ברודער קיין פעטערסאָן. ווי איך האָב שוין בעמערקט, עס טראָגט א האלב ביאָגראפישע, האלב בעלעטריס־טישע פאָרם. איך האָב עס געפונען פאר נויטיג איבערצושרייבען און שיקען דרוקען, ווייל עס דערמאָנט פיעלע פון אונז די פערגאנגענהייט. עס דערצעהלט פון דער שעהנער, זיסער, פערלאָרענער צייט, ווען מיר זיינען אלט געווען 23 יאָהר.

———(—0—)———

ECCE HOMO!

(דאָס איז דער מענש!)

(צוזאַמען מיט דיזע ערצעהלונג האָבען מיר געקראָגען פון יעקב גאָרדין פאָלגענדען בריעף: „פריינד רעדאַקטאָר! דאָס וואָס איך גיב איבער דאָ האָט מיר דערצעהלט מיין יונ־גער פריינד אַלבערט דאָררים. איך וואָלט אַזאַ ערצעהלונג ניט געדרוקט, אום פּשוט ניט צו דערלאָזען, אַז די רוסישע און רוסיש־אידישע קראַנקהאַפטע ריכטונג פון ליטעראַטור זאָל קענען געפינען אַ מקום מנוחה אויך דאָ ביי אונז. דו אָבער ביזט דאָך אַ גוטער און וועסט עס מסתמא דרוקען? טו, ווי דו פערשטעהסט. *)

נאַכט! אין צימער איז ריין, ציכטיג און שטיל. איבער'ן טיש ברענט אַ גאַז־רעהר אונטער אַ בלויען אַבאַזשור, און איבער'ן גאַנצען צימער איז צוגאָסען אַ דונקעל־בלויער שיין און אַן אַנגענעהמע, פער'חלום'טע רוהיגקייט. ער זיצט אויף אַ הויכען מאָררים־שטוהל און רויכערט פערטראַכט. זי זיצט אַנטקעגען אויף אַ שאָקעל־שטוהל און וויעגט זיך אין אַ לאַנגזאַמען ריטם אָט בויגט זיך צו צו איהם זעהר נאָהענט איהר יונגער שלאַנקער קערפּער, און אָט פערשווינדעט ער אין דער בלויער דונקעלהייט. איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען זאָלען ניט זיין אַזוי רוהיג און גלייכגילטיג, וואָלט מען געקענט גלויבען, אַז די דאָזיגע בעוועגונגען פון איהר קערפּער זיינען אַ קאָקעטישע

---

*) דער רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „צוקונפט" אין וועלכען די סקיצצע איז צוערסט ערשיענען.

שפּיעל, וועלכע בעדייטעט: אַט בין איך, דאַכט זיך נאָהענט צו דיר און אַט בין איך ווייט!

דעם גאַנצען אָבענד האָט זי געדעכט, ער האָט אַ מייסטען גע־קוקט אויף איהר און געשוויגען. זי האָט נאָך אַמאָל דערצעהלט, ווי גוט און ליעבענד איהר מאַן, איהר „ניקי”, איז; ווי שווער איהר איז צו בלייבען יעדען אָבענד אליין אין דער היים, און דער אָרימער „ניקי” דאַרף זיך שלעפּען ווייט מיט זיין וויאָלאָנטשעל אין א טהעאַטער אויף בראָדוויי. אמת, ער פערדיענט זעהר שעהן, אָבער ער האָט א שוואַכע ברוסט. און זיי זיינען דאָ אין אַמעריקאַ אַזוי עלענד. זיי זאָלען וואָהנען אין אַ אידישע געגענד, וואָלט זי אפשר געהאַט בעקאַנטע. אָבער זיין שוואַכע ברוסט צווינגט זי צו וואָהנען אין אַ געגענד פון פרישע לופט צווישען פרעמדע, גלייכגילטיגע קריסטען. יעדע מינוט האָט זי געפרעגט וויפיעל איז דער זייגער, אום צו וויסען גענוי וויפיעל עס איז נאָך געבליבען צו וואַרטען אויף „ניקי’ן”. און נאָכדעם, אָבוואָהל עס איז נאָך געווען זעהר פריה, האָט זי פאַר ניקי’ן צוגעגרייט אַ לייכטען סאַפּער: נאָכדעם האָט זי ווידער דערצעהלט פון ניקי’ס ליעבע און איבערגעבענהייט. איז זיין זאָרג פאַר איהר ניט גרויס, אַז ער האָט אליין איינגעבעטען זיין איינציגען גוטען פריינד, ער זאָל יעדען אָבענד קומען אהער און פערברענגען די צייט ביז ער וועט קומען? ער וויל ניט, זיין נאַרריש ווייבעלע זאָל פיהלען לאַנגווייליג. גוטער, טייערער ניקי! אַך, ווען דער ווינטער זאָל גיכער פאַרבייגעהן! אויף די זומער־מאָנאַטען איז ניקי אַנגאַזשירט צו שפּיעלען אין אַ גרויסען האָטעל אין אַ שעהנע קאָנטרי, ערגעץ אויף די בערג. דאָרט וועט זיך ניקי אויסרוהען און וועט ווערען געזונד. אָרעמער ניקי!

ער הערט דיזעלבע געשיכטע יעדען אָבענד, און עס אינטערע־סירט איהם זעהר ווייניג, וואָס זיין פריינד ניקי וועט טאָן זומער, וואָס זיין פריינד ניקי פיהלט און טוט. זיין אמת’ע, אויפריכטיגע פריינדשאַפט, זיינע פערפליכטונגען, זיינע פאָרשטעלונגען פון דעם וואָס מען מעג און מעג ניט, — דאָס אַלעס האָט אָבגעטראָטען אין הינטערגרונד און איז פערשוואונדען אין דער בלויער דונקעלהייט פון דיעזען פערצויבערטען צימער, און פון דיעזער זעלבער בלויער דונקעלהייט שווימען ארויס יעדען אויגענבליק אין רייצענדע רעגעל־מעסיגע בעוועגונגען די וואונדערבאַר־שעהנע און טייפליש פערפיה־

רערישע פאָרמען פון א יונגע בליהענדע פרוי.

ער איז אויפגעשטאנען, איז זיך עטליכע מאָל דורכגעגאנגען איבער'ן צימער און האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען איהר. זי האָט זיך אויפגעהערט צו וויעגען, האָט מיט אן אונשולדיג־קאָקעטישער בעווע־גונג געבראכט איהרע קליידער אין אָרדנונג און רוהיג, מיט א שמייכעלע געפרעגט: וואָס איז?

— וואָס איז?.... גאָר ניט... איך... האָב אייך געוואָלט פרעגען: ווי אַלט זייט איהר?

— זעהר קיין אַלטע בין איך נאָך ניט... כא! כא! איהר ווייסט דען ניט, אז איך בין פינף און צוואנציג יאָהר אַלט?

— פינף און צוואנציג יאָהר? און ווי לאנג זייט איהר פערהייראַט?

— שוין זיעבען יאָהר.... איהר ווייסט דען ניט? ניקי האָט דען אייך ניט געזאָגט?

— יא, איך ווייס עס. פינף און צוואנציג יאָהר אַלט... שוין זיעבען יאָהר פערהייראַט, און נאָך אַלץ אזוי נאאיוו, אזוי אונערפאַהרען, אזוי קינדיש...

— וואָס מיינט איהר דערמיט?

— גאָר ניט.... איך מיין אזוי אין אַלגעמיין, אַלס פרוי...

זי האָט געקוקט אויף איהם מיט פערוואונדערטע אויגען. ער איז זך ווידער דורכגעגאנגען א פּאָאָר מאָל איבער'ן שטוב, איז צוגעגאנגען צו איהר נאָך נעהענטער און האָט מיט א געמאַכטע גלייכגילטיגקייט געזאָגט: לידא, איהר ווייסט... איהר לייקענט אָב א געוויסע טהעאָריע, אין וועלכער קיינער האָט ניט געצווייפעלט.

— וואָס איז דאָס פאר א טהעאָריע? האָט זי רוהיג געפרעגט.

— די טהעאָריע איז, אז א יונגע געזונדע פרוי, וועלכע לעבט אָב אזא צייט און האָט ניט קיין קינדער, מוז איהר מאַן אונטריי ווערען. דער נאַטירליכער אינסטינקט פון א מוטער איז שטאַרקער פון די אַלע קינסטלערישע מאָראַלע מיינונגען...

זי האָט זיך פערשעהמט, האָט פערביסען איהר אונטערסטע ליפּעל און האָט זיך אָבגעקעהרט. האָבען דאָס זיינע ווערטער אָנגעצונדען אזא פלאַם פייער אויף איהר יונגען געזיכט? אָדער זיין פרעכער, לייַדענשאַפטליכער בליק? ער איז געשטאַנען אזוי נאָהענט נעבען איהר,

אַז זי האָט געהערט ווי שווער ער אָטהעמט און האָט געפיהלט זיין שטאַרקע אויפרעגונג. געגען איהר ווילען איז זיין אונרוהיגקייט אי־בערגעגאַנגען אויף צו איהר. מיט אַ פלינקע בעוועגונג האָט זי אַרויס־גערוקט פון הינטער זיך דעם שטול און איז אויפגעשטאַנען. אין דעם אויגענבליק אָבער האָבען זי פּלוצלונג אַרומגענומען צוויי שטאַרקע אָרעמס און זי האָט דערפיהלט די פרעכע בעריהרונג פון זיין קערפּער. איין אויגענבליק איז זי געבליבען בעטויבט און אונבעוועגליך, ווי אַ שוואַך פייגעלע בלייבט אין אַ שטאַרקען נעץ, איידער זי קומט צו זיך און הויבט אָן צו שלאָגען מיט די פליגלעך... די יונגע פרוי האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיינע הענד, האָט איהם מיט צאָרן אָבגעשטוי־סען פון זיך און האָט מיט ענטריסטונג אויסגעשריען: וואָס טוט איהר דאָס?... איך וויל ניט איהר זאָלט געהן אַהער!.. איהר דאַרפט מעהר אונזער שוועל ניט אַריבערטרעטען! אָרעמער ניקי!

ניקי׳ס פריינד האָט אויפגעהערט צו געהן צו זיי. ניקי האָט זיך זעהר געוואונדערט און האָט דעריבער געבראָכען דעם קאָפּ. זי אָבער האָט ניט געוואָלט דערצעהלען ניקי׳ן די אמת׳ע אורזאכע. ערשטענס, האָט זי ניט געוואָלט ערגערן אַ קראַנקען מענשען און, צווייטענס, זי האָט געוואָלט האַלטען דאָס געהיימניס פאַר זיך אַליין. אויף ניקי׳ס פריינד איז זי טאַקע געוועזען זעהר בייז, אָבער דענקען וועגען דעם וואָס איז געשעהען איז איהר געוועזען אַנגענעהם. אַזאַ שטאַרקער, שעהנער מאַן וואָלט געלעגען ווי אַ שקלאַף ביי איהרע פיס, ווען זי וואָלט ניט געוועזען אַזאַ עהרליכע, אַזאַ טריי־איבערגעבענע פרוי! און אָפט, ווען זי פלעגט ביינאַכט בלייבען אַליין, פלעגט זי געגען איהר ווילען אַ טראַכט טאָן: טאַקע פאַר וואָס איך בין ניט קיין מוטער? און דאַן פלעגט זי אַרויסרופען אין איהר זכרון אַלע איינצעלהייטען פון יענעם אבענד און פלעגט פיהלען זיין שטאַרקע אומאַרמונג, זיין הייסען אָטהעם, די בעריהרונג פון זיין קערפּער.

זעהר גיך אָבער זיינען דיעזע נאַרישע געדאַנקען און עראינערונגען פערשוואונדען און פערגעסען געוואָרען — ניקי איז זעהר געפעהרליך קראַנק געוואָרען. ער איז ביינאַכט געפאָהרען פון טהעאַטער אַ פער־שוויצטער און אין אַ וואַגאָן פונ׳ם „עלעווייטער” האָט איהם געכאַפּט אַ קאַלטער צוג־ווינד — ער האָט געקראָגען לונג־ענטצינדונג. וואָכען לאַנג האָט ער געקעמפּפט מיט זיין שווערע קראַנקהייט. די אָרעמע,

יונגע פרוי האָט געוואַכט איבער איהם מיט דעם הייליגען רחמנות פון אַן ענגעל־בעשיצער, מיט די איבערגעבענהייט פון אַ פרוי, מיט די טרייהייט, געדולד און צערטליכקייט פון אַ מוטער, מיט די ליעבע און זעלבסטאויפאָפּפערונג פון אַ געליעבטע... זי איז געוואָרען בלאַס, מאָגער און שוואַך, אָבער האָט פון זיך אליין ניט געוואָלט דענקען. זיינע ווייטע בעקאַנטע האָבען זיי עטליכע מאָל בעזוכט און דאַן איז זי געבליבען אליין מיט איהר קראַנקען, אָרימען ניקי'ן. ווען דאָס ביסעל געלד איז אַוועק, די וויאָלאָנטשעל איז שוין געווען פער־משכונ'ט און די אָרימע עלענדע יונגע פרוי האָט געדראָהט מאַנגעל און נויט, דאַן איז ניקי'ס אַלטער פריינד געקומען. אַלס אַ פערברע־כער, אַלס אַ שולדיגער האָט ער אריבערגעטרעטען די שוועל... מיט אַ שווער געמיטה האָט ער זיך ענטשולדיגט און מיט ביטערע, אויפ־ריכטיגע טרערען האָט ער בעטראַכט דעם אָרימען, בעוואוסטלאָזען ניק'ן. זי האָט איהם בעגעגענט מיט פריינדשאַפט און דאַנקבאַרקייט. זי האָט קיין זאַך ניט געדענקט. קיין זאַך ניט געוואוסט, — פאַר איהר איז געשטאַנען אַ מענש, וואָס האָט ליעב איהר אָרימען ניקי'ן, אַ מענש, וואָס איז געקומען העלפען רעטען איהם פון טויט... ער איז איז ניט אַוועק פונ'ם קראַנקען, ער האָט געהאָלפען וואַרימען וואַסער, לעגען קאַלטע קאָמפּרעסען, בייטען וועש, בעטען די בעט פאַר'ן קראַנ־קען. מיט אמת'ע מיטלייד און רחמנות האָט ער דעם קראַנקען בע־דיענט, געטראָגען אויף די הענד, געלאָפען נאָך אייז, אין אַפּטייק, צום דאָקטאָר; האָט מיט אַ יד רחבה, ווי אַן אמת'ער פריינד, געגעבען געלד אויף אַלעס, וואָס מען האָט געדאַרפט, און ווען דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז עס איז ווייניג האָפנונג געבליבען, האָט ער פערזעצט זיין גאָלדענעם זייגער, און האָט געבראַכט צום קראַנקען אַ פּראָפע־סאָר.

די שווערע שלאָפלאָזע נעכט פון דער יונגער פרוי, איהרע טרערען און געבעט, איהר אונערמיעדליכע אויפמערקזאַמקייט און ליעבע האָבען ניט געהאָלפען, דער אָרעמער ניקי איז געשטאָרבען. איהר פערצווייפ־לונג, איהר יאָמער־געשריי, איהר וויינען און קלאָגען זיינען געווען אַזוי אונענדליך שטאַרק, און איהר שמערץ איז געווען אַזוי טיעף, אַז עס איז געווען שווער צו גלויבען, אַז זי וועט עס איבערלעבען. ניקי'ס פריינד האָט געקוקט אויף איהר מיט אַ צובראָכען הארץ און פון זיינע

אויגען האָבען זיך געגאָסען גרויסע שמערצליכע טרערען. און ווען די אידען פון חברה קדישא זיינען געקומען דעם בר־מנן פערטיג צו מאַכען, איז איהר וואהנזיניגער קלאָגען געוואָרען אזוי דריקענד שווער, אז דער שטאַרקער פריינד האָט ענדליך אויך אָנגעהויבען צו יאָמערן אויפ'ן קול. מיט געוואַלט האָט ער זי ענדליך אָבגעריסען פונ'ם טויטען קער־פער און זי אריינגעפיהרט אין איהר צימער. „האָט רחמנות אויף זיך, האָט רחמנות אויף אייערע יונגע יאָהרען", האָט ער געבעטען און טרע־רען האָבען איהם געשטיקט. מיט ריינע געדאנקען, מיט צערטליכער ליעבע פון א ברודער האָט ער גערעדט צו איהר, געטרויסט, געבעטען, ביז זי האָט זיך אביסעל בערוהיגט. און ווען די רעאַקציאָן איז געקומען, און זי איז איינגעשלאָפען מיט א שווערען שלאָף, איז ער אויף די שפּיץ פינגער ארויס פון איהר צימער. וויפיעל זי האָט געשלאָפען האָט זי ניט געוואוסט, נור ווען זי האָט זיך אויפגעכאפּט, האָט זי דערזעהן, ווי ניקי'ס טרייער פריינד האָט שטיל געעפענט די טהיר. אין צימער איז געווען דונקעל. ווי זי האָט איהם דערזעהן, האָט זי ווידער אָנגעהויבען צו וויינען. מיט א בעפעהלענדע שטימע פון אן על־טערען ברודער האָט ער איהר בעפוילען צו בערוהיגען זיך. ער האָט צוגעמאכט די טהיר, האָט זי מיט צערטליכקייט אנידערגעלעגט צוריק אויפ'ן געלעגער ווי א קינד, האָט אראָבגעצויגען די שיך פון איהרע מיעדע פיס און האָט זיך נעבען איהר אנידערגעזעצט. זי האָט שטיל געוויינט, און ער האָט געגלעט איהרע ווייכע זיידענע האָאָר.

— איהר, מאַזיע, זייט אויך פיעל אויסגעשטאַנען די לעצטע טעג, האָט זי געזאָגט מיט א טיעפען געפיהל פון פריינדשאפט און דאנקבארקייט. זי האָט ווידער אָנגעהויבען צו וויינען הויך.

ער האָט זיך צוגעבויגען צו איהר און האָט שטיל געזאָגט: „פאר מיר, לידא, דאַרפט איהר ניט זאָרגען. נור איהר וויינט ניט... אייערע טרערען צוברעכען מיר דאָס הארץ". ער האָט גערעדט מיט א ווארעמע אויפריכטיגקייט, און מיט זיינע ליפען האָט ער אָנגעהויבען אָבצור־טרוקענען די טרערען פון איהרע בלאסע באַקען. אין צימער איז גע־וואָרען שטיל, און נאָך דונקעלער. זי איז געלעגען מיט אָפענע אויגען און האָט געטראַכט, ווי גליקליך זי איז, וואָס זי האָט דאָ כאָטש איין פריינד אין דיעזער גרויסער, פרעמדער וועלט...

— איך איז אזוי שווער צו אטהעמען... נאָך וואָס דאַרפט

איהר איצט דעם קאָרסעט? האָט ער געזאָגט שוין מיט אַ פּערענדער־טע שטימע. אין דעם אויגענבליק איז ער שוין געוואָרען אַן אַנדע־רער.

— וואָס הארט מיך? מיר איז אַלעם איינס, — האָט זי גע־ענטפערט מיט דערזעלבער אַפּאַטיע און נאאיווע גלייכגילטיגקייט. פּלוצלונג האָט זי דערפיהלט די פרעכע בעריהרונג פון זיין קערפּער, ווי אַמאָל, און אַ שוידער איז אַריבער איבער אַלע איהרע גליעדער. אַ געשריי פון שרעק און פערצווייפלונג האָט זיך ארויסגעריסען פון איהר יונג־ברוסט: „וואָס ווילט איהר טאָן? ער איז דאָרט!”... אַ גע־היימע שטילקייט האָט אָנגעפילט דאָס צימער, און אַ ליידענשאַפט־ליכער וויספּער איז פערשוואונדען געוואָרען אין דער דונקעלהייט. נאָך אַמאָל האָט זיך דערהערט איהר שטימע, שוין זעהר שוואַך, ווייי־נענד און בעטענד: „ניין! ניין! איך בעט אייך!” און דאַן איז ווידער אַלעם געוואָרען שטיל. די פעררעטהערישע, אונבעגרייפליכע, פיעל געווינשטע און נאָך מעהר געפלוכטע געטין אַפּראָדיטאַ האָט אַראָבגע־שוועבט פון איהרע מיסטישע רעגיאָנען, און האָט אַלעם איינגעוויקעלט אין איהר פייערדיגען מאַנטעל פון ליידענשאַפט און לוסט...

און „ניקי” איז אין דעם צווייטען צימער געלעגען אויף דער ערד איינגעוויקעלט אין אַ שווארצען מאַנטעל. נעבען איהם געזעסען אַן אַלטער איד מיט אַ פערשמאָלצענעם תהלים אין האנד און האָט גע־דרעמעלט. צוקאָפּענס האָט ביי איהם געברענט אַ סעטרינעווע ליכט, וועלכע האָט שוואַך בעלויכטען נור דעם קליינעם קרייז אַרום זיין קאָפּ... דאָס גאַנצע צימער איז געווען פערזונקען אין אַ שטילע דונ־קעלהייט.

פערקעהרטע טראַגעדיען.

דער מלאך המות האָט די לעצטע צייט אָנגעהויבען זעהר אָפט קלאַפּען אין די „הויכע פענסטער". שרעקליכע טראַגעדיען ווערען אָבגעשפּיעלט אין די קרייזען פון די „גליקליכע" און אויסערוועהלטע פּאַריזער. אָבער די טראַגעדיען אין פערגלייך מיט די טראַגעדיען, וועל־כע ווערען אָבגעשפּיעלט צווישען די אָרעמע קלאַסען, דאַרפען בעצייי־כענט ווערען מיט דעם צונאָמען „פערקעהרטע". דעם אַרבייטער טרייבט צו פערצווייפלונג און זעלבסטמאָרד נויט, מאַנגעל און הונגער, די גליקליכע טרייבט צו זעלבסטמאָרד איבערזעטיגקייט, איבערמעסיג־קייט און די ליבטינקייט מיט וועלכע זיי קענען קריגען אַלעס, וואָס זיי פערלאַנגען און וועלכע מאַכט זייער לע־בען מאָנאָטאָן און לאַנגווייליג. דעם אַרבייטער שרעקט דאָס, וואָס ער האָט ניט קיין אַרבייט. די אויסערוועהלטע שרעקען זיך אויף טויט ווען זיי זעהען, אַז עס קומט זיי פּאָר צו אַרבייטען. אַזעלכע פּער־קעהרטע טראַגעדיען שפּיעלען זיך אָפּ אין פּאַריז כמעט יעדען טאָג און זיי רופען ארויס אין „די הויכע פענסטער" אַ גרויסע מהומה. גראַפען, באַראָנען, גרויסאַרטיגע דאַמען, הויך־וועלטיגע קאָקעטקעס, געפּוצטע ליידיג־גייערס אומזיסטיגע טהע־טרינקערס מאַכען אַן ענדע פון זייער לעבען אַקוראַט ווי די, וועלכע ליגען אונטער דעם יאָך פון אַרמוטה און אונגליק.

ניט לאַנג האָט גאַנץ פּאַריז געקאָכט פון דעם זעלבסטמאָרד פון דעם בעריהמטען גראַף קאָיעטלאַיאָן. מיט עטליכע טעג צוריק האָבען פיער יונגע רייכע דאַמען בעשלאָסען אָהן אַ פּאַרוואָס, צו שטאַרבען מעלאָדראַמאַטיש. זיי האָבען זיך אָנגעטאָן אין די שעהנסטע קליידער, האָבען גענומען אַ צימער אין אַ רייכען האָטעל, האָבען געגעסען, געטרונקען, געזונגען ליעדער, מיט זידענדען שאַמפּאַניער האָבען זיי אריינגעגאָסען אין זיך אַ שטאַרקען און גיכ־ווירקענדען גיפט און זיי־נען אַלע פיער געשטאָרבען אין שעהנע סצענישע פּאָזען.

מאַדאַם הוּאַ דע גראַנקאורט האָט געפיהרט זעהר אַ זאָרגלאָזען לעבען. זי האָט געטראָגען טייערע קליידער, געגעבען בעלער, געטאַנצט... ווי זי האָט אָבער ערפאהרען דאָס די גרעסטע טהייל פון איהר פערמע־גען איז פערשווענדעט און זי וועט ניט קענען פיהרען אַ „טאַנצענ־דיגען" לעבען, האָט זי פערגיפטעט זיך און איהר איינציגע קינד, זעהר אַ שעהנע מיידעלע... זאָל בעסער מיין קינד שטאַרבען איצט, אַזוי האָט די מוטער געשריבען, איידער זי וועט דאַרפען אליין אַרביי־טען און פערדיענען מיטלען צום לעבען.

איינע אַ געוויסע לוסעטע דע באַרעזוש איז געווען בעריהמט אין גאַנץ פּאַריז מיט איהרע טייערע קאָסטיומען, שאַצבאַרע ציהרונג, זעלטענע פערד, שעהנע קאַרעטען.. זי האָט געלעבט אַ גוטען טאָג ביז זי האָט געקענט קריגען אַלעס, וואָס איהר אויג האָט פערלאַנגט. זי איז געווען שעהן, קלוג, געבילדעט און האָט פערשטאַנען ווי אַזוי צו אַמוזירען די, וועלכע לעבען נור דערויף צו קריגען געלד, מיט וועל־כע זיי זאָלען קענען צאָהלען פאַר „גרויס־וועלטיגע" פערגעניגענס... ווי אָבער די שעהנע לוסעטע האָט דערזעהן, אַז זי קריגט שוין ניט אַזעלכע גרויסע סוממען, ווי זי איז געווען געוואָהנט, האָט זי זיך פערגיפטעט... דעם ערשטען מאָל האָט זי זיך פערגיפטעט מיט מאָרפיום. מע האָט זי גערעטעט. דעם צווייטען מאָל האָט זי גענומען אַ שטאַרקערען גיפט און איז אַוועק אַהין, וואו מע דאַרף ניט צאָהלען פאַר היט, פאַר שפּיצען, פאַר זיידענס, פאַר יוּאוועלען...

באַלד נאָך איהר האָט געפאָלגט אויך אַ גרויסאַרטיגע דאַמע פון דיעזען סאָרט, אַ געוויסע לעאַנטינע דע קאורסי... דיעזע האָט גע־האַט געלד און האָט „געשפּיעלט אויף דער בערזע", אום לייכט, אָהן האָרעוואַניע און אָהן דאַגות רייך צו ווערען. אויף דער בערזע, ווי גע־וועהנליך, האָט מען איהר געלד פערשווינדעלט און זי האָט זיך אריינ־געשאָסען אַ קויל אין קאָפּ אריין.

אַזעלכע טראַגעדיען שפּיעלען זיך אָפּ איצט זעהר אָפט אין די „הויכע פענסטער", ניט נור אין פּאַריז — אין אַלע גרויסע שטעט. דאָס לעבען, וואָס האָט ניט אין זיך דעם זינן און דעם צוועק פון לעבען, פיהרט אליין צום טויט.

———(—0—)———

קין דער ברודער מערדער.

נור צוויי ברידער זיינען געווען אויף דער וועלט — קין און הבל, די קינדער פון איין פאטער און מוטער. שעהן און פריי איז געווען די גרויסע וועלט און דאך האבען צוויי ברידער ניט געפונען גע־נוג פלאץ צוזאמען צו לעבען אויף דער ערד. קין האט ערמארדעט זיין איינציגען מיטמענש, זיין לייבליכען ברודער און מיט בלוט איז בעגאסען געווארען די מוטער־ערד.

און ווען א שטימע פון הימעל האט ערשאלט: „קין, וואו איז דיין ברודער?" האט דער מערדער געזוכט מיט ליגען צו פערלייקענען זיין פערברעכען און האט געענטפערט: „איך וויים ניט, בין איך דען מיין ברודערס וועכטער — השומר אחי אנכי? און די שטימע פון הימעל האט ווידער ערשאלט, און קין האט דערהערט די ביטערע ווערטער: „וואס האסט דו געטאן, אונגליקליכער? דאס בלוט פון דיין ברודער יאמערט דאך צו מיר פון דער ערד!"

דער מערדער איז געווארען פערשעמט, פון קיין ליגען האט ער מעהר ניט געוואגט צו דענקען, און ער האט מודה געווען זיין זינד און האט געזאגט: „אה! עס איז וואהר מיין זינד איז גרויס, אונערטרעג־ליך..." און מיט א שטעמפעל פון א ברודער מערדער האט געוואנ־דערט קין זיין לעבענלאנג אויף דער ערד און ער איז גע נע ונד ביז'ן טויט. ער האט געשוויגען, ער האט ניט געוואגט מעהר צו פרעגען: השומר אחי אנכי?

פיעלע, פיעלע טעג זיינען אוועק פון דער צייט, זינד די שעהנע ביבלישע לעגענדע איז געדיכטעט געווארען און יעדען טאג ווערט די מוטער־ערד בעגאסען מיט ברודער־בלוט און יעדען טאג הערען מיר דעם פרעכען ליגען פון די מערדער: איך וויים ניט, וואו מיין ברו־דער איז, השומר אחי אנכי? און יעדען טאג קלאגט און יאמערט דאס

פערגאָסענע בלוט צו די הימלען... אָבער די גוטע אַלטע צייטען זיינען פערביי און קיינער קומט ניט און זאָגט ניט, פערשעמט און דערשראָקען: „אָה, עס איז וואהר, מיין זינד איז גרויס, אונערטרעי־ליך", — ניין! אונפערשעמט, מיט'ן שרעקליכען שטעמפעל פון ברה־דער־מערדעריי און זיין קופערנעם שטערען לעבט יעצט קין פּונאנק און פריי אויף דער וועלט! ער וואנדעלט ניט אום נע ונד, פער־קעהרט, ער הערשט און געוועלטיגט און טרעט פרעך מיט זיין פוס די מוטער־ערד, וועלכע איז בעגאָסען מיט'ן בלוט פון זיין אייגענעם ברודער. אומזיסט שרייט יעצט הבל'ס בלוט צו די הימלען. קין בלייבט ביי זיינע ליגען און ער לאכט גלייכגילטיג און פרעך: „חא! חא! חאָ! וואָס הארט מיך? יעדער איז פעראנטוואָרטליך פאַר זיך אליין. השומר אחי אנכי?

מיט גוטע געדאנקען, ריינע געפיהלען און ערהאבענע אידעאַ־לען קומט אָפט צו אונז אונזער ברודער, אונזער מיטמענש, אונזער פריינד. ער איז בעגייסטערט מיט זיינע גרויסע אויפגאבען, ענציקט מיט'ן גליק צו זיין נוצליך און צו לייסטען גוטעס פאַר זיין ברודער; זיינע אידעאַלען דאָס איז זיין בלוט, די געדאנקען, דער מארך פון די ביינער, זיינע שטרעבונגען, דאָס זיינען די בעוועגונגען פון זיין הארץ, זיינע ברידערליכע אבזיכטען דאָס איז זיין לעבען. וואָס טוען מיר, זיינע גרויזאמע ברידער? מיר פערניכטען זיינע אידעאַלען, טויד־טען זיינע גוטע שטרעבונגען, ערמאָרדען זיינע עדעלע געפיהלען, מיר רויבען זיין גייסטיגעס לעבען, צושמעטערען גרויזאַם זיין נאָבעלעס הארץ, טרעטען מיט די פיס דעם מארך פון זיין קאָפּ, פערגיסען גלייכ־גילטיג זיין בלוט אויף דער ערד און שטעלען אונזערע פיס אויפ'ן ערמאָרדעטען. אומזיסט דונערט און שטורעמט צו אונז די הימלישע שטימע פון גערעכטיגקייט; „קין, וואו איז דיין ברודער?" מיר לאכען פרעך און בערוהיגען זיך מיט ליגען. דאָס בלוט פון אונזער אונגליקלי־כען נאָבעלען ברודער קלאָגט צו די הימלען און מיר געהען אום גלייכ־גילטיג מיט'ן שטעמפעל פון קין אויפ'ן שטערן. מיר ווערען ניט אנ־שוויגען — ניין! מיר ענטפערן מיט עזות: וואו מיין ברודער איז? חא, חא, חא! איך ווייס ניט, השומר אחי אנכי?

אזוי ווי שעהנע, צארטע בלומען צווישען דערנער, ערשיינען אמאָל צווישען אונז, ריינע, נאאיווע, אונשולדיגע מענשען. זייער

ליעבע צו אונז איז ריין ווי קריסטאַל פון די בערג, זייערע געפיהלען זיינען וואהר ווי די וואַרהייט אליין. זיי פערשטעהען ניט קיין פאַלש־קייט, ווייסען ניט פון קיין פערשטעלונג, האסען יעדע אונ־אויפריכטיג־קייט, זיי דענקען אַזוי ווי זיי פיהלען און זאָגען דאָס, וואָס זיי דענ־קען. זיי ברענגען אונז מיט פרייד צו א קרבן די אמת'ע ליעבע. צו־טרוי און איבערגעבענהייט. און מיר? מיר צוטרעטען מיט די פיס דיעזע צאַרטע בלומען, מיר פערגיפטען מיט ציניזמוס און געמיינ־הייט זייער רייכע געפיהלען, מיר בעשמוצען זייער אונשולד, פער־שפּאָטען זייער טרייהייט און צוטרוי. ווען זיי זאָגען אונז די וואַרהייט, פערוואַרפען מיר זיי מיט שטיינער. מיר ערמאָרדען זיי ווייל זיי האַר־מאָנירען ניט מיט אונז. מיר פערגיסען זייער אונשולדיג בלוט, ווייל מיר פערטראָגען ניט אַלעס וואָס איז העכער און בעסער פון אונז. וואָהין איהר ווענדעט אייער אויג איז מיט זייער בלוט בעגאָסען און פערפלעקט די מוטער־ערד! צו די הימלען שדייט און קלאָגט זייער אונשולדיג בלוט און יעדער פון אונז האַלט די הענד אין די פאַקעטס און לאַכט קאַלטבלוטיג: „וואָס ווייסען מיר, ווער עס האָט דיעזע נאַ־איווע נאַררען ערמאָרדעט? חאַ! חאַ! חאַ! פאַר דער גאַנצער וועלט זאָרגען? השומר אחי אנכי?

ברויט בעט הבל ביי זיין ברודען קין און ער גיט איהם א שטיין. ער פאַרדערט גערעכטיגקייט און קין רויבט דאָס לעצטע וואָס ער האָט. ער פרעגט ביי זיין ברודער אַן עצה וואָס צו טאָן און קין פיהרט איהם אין פינסטערען וואַלד. ער דערצעהלט איהם פון מיטלייד און ברודער־ליעבע און קין צאַהלט איהם מיט פעראַטה און מאָרד. מיט'ן שטעמפּעל פון ברודער־מערדעריי לעבט קין א גוטען טאָג אויף דער וועלט און הבל, נעביך, וואַנדערט אום נע ונד. — מיט טרערען, מיט שוויים און מיט בלוט בעגיסט אונזער ברודער די ערד און די מער־דער בערוהיגען די הימלען מיט ליגען און בעטרוג. קלאָגען און זיפ־צען שטייגען ביז די וואָלקענס, דער קלאַנג פון קייטען הילכט איבער דער גאַנצער וועלט, מאָרד־טהאַטען ווערען אויסגעפיהרט אָפען און פריי, מיט בלוט איז אָנגעטרונקען די ערד פונ'ם לאַנד־ארבייטער, מיט בלוט זיינען בעגאָסען אַלע מאַשינען און רעדער, מיט בלוט זיינען בע־שפּריצט די אייזענבאַהנען און וועגען, מיט בלוט זיינען אויסגע־פאַרבט אַלע געביידעס און מאָנומענטען, אויף יעדען שריט און טריט

זעהען מיר פלעקען בלוט, וואָהין מע קעהרט זיך און מע ווענדט זיך הילכט אין די אויערן דער ביטערער געשריי און געוויין, דער יאָמער און קלאָג פון דעם ברודער'ס בלוט, און קין פרעסט און זויפט, ווינקט מיט פרעכהייט און ציניזמוס צו די הימלען און לאכט: חאַ, חאַ, חאַ! נון, וואָס בין איך שולדיג? השומר אחי אנכי?

דער הימעל שווייגט און די ערד אליין הויבט אָן צו פרעגען; „קין, וואו איז דיין ברודער?" איבער ימים און טייכען, איבער בערג און טהאָלען ערשאַלט אַ מעכטיגע שטימע: „קין, וואו איז דיין ברודער?" דורך די אייזערנע גראַטעס פון אסטראָגען, דורך די שטיי־נערנע ווענט פון קאזעמאַטען דרינגט דורך אַ פראַגע: „קין, וואו איז דיין ברודער?" דורך מאַרמעלנע ווענט פון פּאַלאַסטען און די גראַניטע קאָלאָנען פון שלעסער טראָגט זיך אַ בת קול: „קין, וואו איז דיין ברודער?" דורך דער געהיימנים און בעטרוג, דורך די ליגען און פאַלשקייט, דורך עלענד און נויט, דורך די זיפצען און טרערען קלינגט די מעכטיגע שטימע: „קין, וואו איז דיין ברודער?" דורך די פינסטערנים און עלענד, דורך די שווארצע טהאַטען און פערצווייפלונג שלאָגען זיך דורך שטראַהלען פון ליכט און וואַרהייט און פיעלע פּאַנ־גען אָן צו פרעגען: קין, וואו איז דיין ברודער? די צייט קומט ווען מע וועט ניט וואַגען מיט פרעכהייט צו ענטפערן: חאַ! חאַ! חאַ! השומר אחי אנכי! די צייט קומט, ווען אַלע, מוזען ענטפערן פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע!... און אויף דער פראַגע: וואו איז דיין ברו־דער? וועט יעדער ענטפערן: איך וויים, וואו מיין ברודער איז, וואַ־רום דער וועכטער פון מיין ברודער בין איך און דער וועכטער פון מיר איז מיין ברודער. שומר אחי אנכי!...

דער זומער איז אוועק.

(ניט פּראָזע און ניט פּאָעזי).

דער זומער איז אוועק. די הייסע, ליידענשאַפטליכע ליעבע פון דער ליכטיגער זונן איז אָבגעקיהלט געוואָרען — זי דערווייטערט זיך פון אונז. די שעהנע טעג זיינען פערביי, עס קומען דונקעלע, וואָלקענדיגע, אונמוטהיגע טעג און לאַנגע קאַלטע נעכט. דער לייכטער, שטיפענדער ווינטעלע האָט זיך פערבאָרגען, זיין פּלאַץ האָט פערנו־מען א מעלאַנכאָלישער קאַלטער ווינד מיט זיין אונענדליכע און מאָ־נאָטאָנע טרויער ליעד, דער זומער איז אוועק.

דער זומער איז אוועק. בלויע הימלען האָבען זיך פערצויגען מיט א שווארצען מאַנטעל פון אַן אבל. געלע פערוועלקטע בלעטער רוישען אונטער די פיס. די ביימער אין די פּארקען האָבען אראָבגעוואָרפען פון זיך די יום־טוב׳דיגע קליידער פון גרינעם סאַמעט און ווייזען אויס אזוי אָרעם און עלענד, די שעהנע פּאָעטישע נעכט זיינען פערשוואונ־דען. עס זיצען שוין ניט פערליעבטע פּאָרלעך אויף די ביינק אינ׳ם שאָטען, עס הילכט ניט דאָס ליעד פון דעם נאַכטיגאַל. א קאַלטער, בייזער ווינד שטורעמט און רוישט, רייסט נאַקעטע צווייגען, לעגט לאַנגע דינע קנייטשען אויף די פערקילטע וואַסערען. דער זומער איז אוועק.

די פּאָעזי פונ׳ם זומער איז אוועק, עס קומט די פּראָזאַ פונ׳ם ווינטער. די שעהנע, ליכטיגע טעג זיינען פערגאַנגען, עס קומען די שרעקליכע ימים נוראים. טרו! טרו! איהר הערט? דער דלות בלאָזט שופר. עס ווערט ונתנה־תוקפ׳דיג אויפ׳ן הארצען. די קינדערלעך דאַר־פען האָבען גאַנצע שיכלעך, ווארעמע קליידעלעך. מע דערמאַנט זיך פון הייצונג און א קאַלטער שוידער געהט איבער אלע ביינער. דער ווינטערדיגער פּאַלטאָ איז פער׳משכונ׳ט אין פּאָן שאָפּ, פון די וואַ־

רעמע קאָלדרעס איז שוין לאַנג קיין זכר ניט געבליבען. „שיר השירים" האָט געזונגען דער זומער, דער ווינטער זינגט: „איכה ישבה בדד" דער זומער איז אוועק.

אוועק דער שעהנער זומער. באַלד וועלען קומען די דונקעלע, נע־בעלדיגע טעג, מיט די אונענדליכע רעגענס... א גאַנצען טאָג וועט קלאַפּען דער רעגען אין פענסטער, די קעלט וועט אומלויפען אין די בעד רומס, דער דלות וועט שפּאַציערען איבער'ן פראָנט רום, דער „קבצן" וועט זיך וויעגען אין דעם דורכגעריבענעם ראָקענטשער און פון דער טירעל פון מענטעל פּים וועט פּייפען דער ווינד. א נייע מוזיק פאַנגט זיך אָן אין שטוב — א גאַנצען טאָג הערט זיך, מע הוסט, מע אטהעמט שווער פון א פערקילטע ברוסט, מע זיפצט. דער זומער איז אוועק.

דער זומער איז אוועק. עס קומען די לאַנגע ווינטער נעכט, דער „מענש" וועט האָבען גענוג צייט צו רעדען פון אנדערע און צו דענ־קען... זעהר וועניג פון זיך אליין. עס וועט זיין גענוג צייט איבערצו־צעהלען אלע פרעמדע חטאים און צו בערעכענען די זינד פון אלע בע־קאַנטע... דער געדאַנק וועט שוין האָבען ארבייט צו שפּילען אין „66", צו מאַכען א פינאַקעל פּאַרטי מיט א „פּישי פּוישען"... איהר הערט? דער ווינד רייסט דעם לאָדען, קלאַפּט און יאָמערט. דער ווינטער קומט, דער דלות רוקט זיך צו נעהענטער, די וועלט ווערט העסליכער, די געדאַנקען ווערען טרויעריגער. דער זומער איז אוועק.

די שרעקליכע נאַכט.

.1

ר׳ יעקב בר״ב יצחק אברהמזאָהן קען ניט אַנשלאָפען ווערען. זיין מיסעס שלאָפט לעבען איהם ווי א געהרג׳עטע, איהר מויל איז ווייט אָפען און דער נאָז פייפט א שטורעמדיגע מעלאָדי, אין נעבסטען צימער „קיקען״ די קינדער אָפט מיט די פיס און אטהעמען רוהיג און רעגעלמעסיג אויפ׳ן אַנדערען פלאָר סקריפּעט א בעט און אימיצער בורטשעט פון שלאָף — מר. אברהמזאָהן, קען ניט אַנשלאָפען ווערען.

די גאַנצע נאַכבאַרשאַפט רעכענט ר׳ יעקב אברהמזאָהן פיר א רייכען מענשען, ער האָט אַן אייגען הויז, טראָגט א רינג מיט דימאַנטען, אין זיין שמוציגע פערשוואַרצטע ווייסע אויבערהעמד שטעקט א שפּילקע מיט א דיאַמאַנט, גרויס ווי אַן ארבעס. ער איז פּרעזידענט אין א שוהל, א טראָסטי און דער לאָדזש „אנשי לפיכך לא אחדל אביון״, וועלכע געהערט צום גרויסען בעריהמטען אָרדען „בני סנפיר וקשקשת״... האָט א רונדען בייכעל, רעדט מיט א טרומפּעטער באַס שטימע און האָט א מיסעס, וועלכע וועגט 270 פונט. מיט איין וואָרט: מען האַלט איהם פאַר א נגיד, מען גיט איהם כבוד און מען איז איהם מקנא — און ער, נעבעך, שלאָפט ניט.

ער שלאָפט ניט, ווייל זיינע געשעפטען געהען שלעכט. קיין געלד איז ניטאָ, אויף די רייסעס גליקט ניט, דאָס הויז איז „פערמאָרטגיידזשט״, חובות איבערן קאָפּ און די צייטען זיינען שווער. אמאָל האָט מען געקענט אריינכאַפּען, אריינהעצקען, אָנבלאָפען, אָבשערען א גרינעם, אָנפייפען א גלויביגען אַמעריקאַנער — יעצט איז אַלעס ווי אָבגעשניטען. א כאָלעריע זאָל אויף זיי קומען! יעדער וויל שווינדלען און קיינער וויל ניט בעשווינדעלט זיין!

דער זייגער שלאָגט צוויי. פערשיעדענע פּלענער און נאַררישע

גערדאַנקען קריכען אין קאָפּ אריין, טרויעריגע אבזיכטען קוקען צו מיסטער אברהמזאָהן רייהען־ווייז, ער קעהרט זיך אויף אַלע זייטען, קרעכטשעט, זיפצעט, דער קאָפּ ווערט ווי פערדולד, ער זינקט...

2.

שש!... פאַרזיכטיג, לאַנגזאם גנב'עט ער זיך אראָפּ פון בעט... ער הערט מיט זיינע אויערן יעדער קלאַפּ פון זיין הארץ... א פוס האָט זיך א גליטש געטאָן און פערטשעפּעט א בענקעל, ער בלייבט שטעהן א טויט דערשראָקענער און הערט זיך צו, זיין גאנצער קערפּער ציטערט ווי אין א קדחת... שטיל! אַלע שלאָפען...

די טהיר פון האָל האָט א סקריפּע געטאָן. ער געהט אויף די שפּיץ פינגער מיט די טרעפּ אראָפּ... אין זיינע הענד א פלאַש מיט קעראָסין, עטליכע פּייפּערס, א באָקס מיט פּאַרלאָר מעטשעס... די פיס האקען זיך אונטער, דער אטהעמט פערכאַפּט. ענדליך, דאָס איז די טהיר פון בייסמענט. פינסטער!...

אי! ווער האָט עס א גלאַנץ געטאָן מיט די אויגען? ווער האָט עס א שפּרונג געגעבען, אזא קלאַפּ?... דעם הויז־קיפּערס קאַץ?... פוס! שש!... א מעטש טרעשצעט... א קליין פייערל גיט א פלאַם... ער געהט ווייטער... פּאַפּיער ברענט... באַלד וועט א פלאַקער טאָן דער קעראָסין..

שטיל! אַלע שלאָפען רוהיג ווייט, אונטען קנאַקט עטוואָס און רוישט... א וואָלקען מיט רויך ציהט זיך לאַנגזאם איבערן האָל. וואָס איז דאָס? מען קלינגט שטאַרק אין אַלע גלעקלעך... מען קלאַפּט אין טהיר... פייער! פייער! שרייען פערצווייפעלטע מענשען... פיעל מענשען לויפען, מען פאַלט, מען קלאָגט... פייער־לייטע קו־מען, דער ליאַרעם־גלאָק קלינגט!... פייער! פייער!

עס האָט ערשט אָנגעהויבען צו טאָגען, עס איז נאָך פינסטערליך און אויף דער שטראָסע לעבען זיין הויז שטעהט אזא מענגע מיט נייגיעריגע מענשען... ווי טרויעריג זיין הויז זעהט אויס! אַן אמת'ע הורבה: די פענסטער אויסגעשלאָגען, די טהירען פערברענט, די ווענט איינגעפאַלען.

— דאָס איז דער לענדלאָרד, זאָגט איינער צום צווייטען...

אונגליקליכער! זיינער א באַי פון דרייצעהן יאָהר איז פערברענט געוואָרען... ערשט געענדיגט גרעמער סקוהל... און אַן אַלטע איי־דענע טאפּ־פלאָאר איז דערשטיקט געוואָרען...

און דערצו נאָך איז זיין ווייב פון זינען אראָב... מען האָט זי ערשט גענומען אויף אַן אמבולאַנס...

ר' יעקב בר"ב יצחק אברהמזאָהן שטעהט ווי דערשראָקענער און הערט וואָס מען רעדט. אך! עס איז וואהר. זיין קינד, זיין באַי, זיין געשיקטער, פעהיגער באַי לעבט ניט מעהר... זיין פרוי איז אין בעלוויו האָספּיטאַל, פיער פּאָליסלייט האָבען זי קוים געקענט נעדמען: זי איז אומגעלאָפען ווּ א פערווירטע און געשריען: פייער! פייער!...

און די אַלטע רבקה פון טאפּ פלאָאר איז אויך טויט. דריי נפשות! און וואָס? די אינשורענס קאָמפּאַני גיט דען באלד געלד? מען וועט אָנפאנגען אונטערזוכען, פרעגען, נאָכקוקען... אַלץ קען ענטדעקט ווע־רען און נאָכדעם געריכט, פּריזאָן!

— דאָ קומט די פּאָליציי! שרייט איינער. מיסטער אברהמזאָהן וויל זיין קאַלטבלוטיג. ער וויל זיך ניט שרעקען, און דאָך הויבען אָן ציטערען זיינע הענד און פיס, ער פיהלט, ווי ער ווערט בלאַס, א קאַל־טער שוויים בעדעקט זיין געזיכט... ער וויל זאָגען, אז ער פיהלט איבעל און קען ניט... פיער דיקע פּאָליסלייטע מאַרשירען אַרוים אין טאַקט, נאָך זיי געהט אליין דער קעפּטען. ער קוקט אויף איהם בייז... זיי ווייסען שוין אַלעס, זיי געהען נאָך איהם...

— וועה איז מיר! וועה איז מיר! גיט ער ענדליך א געשריי ניט מיט זיין קול... און... כאַפּט זיך אויף פון זיין שווערען שלאָף... ער קוקט אַרום זיך ערשטוינט און פערוואונדערט.

— וואָס איז, משוגענער? גאָט איז מיט דיר! זאָגט זיין אידע־נע און קעהרט זיך אום צו איָהם מיט אַלע איהרע 270 פונט...

— א פינסטערע נאַכט! א שרעקליכע נאַכט!... מורמלען זיי־נע בלאַסע ליפּען און זיינע אויערען הערען, ווי זיין געליעבטער באַי טוט אַן די שיך אין נעכסטען צימער און פייפט הויך: „אָנלי וואַן גוירל"....

———(—0—)———

די וואָהרע ליעבע.

(עטיוד)

.1

ער האָט זי געליעבט, זי האָט איהם געליעבט. עס איז אזא גע־וועהנליכע זאך, עס איז די געטליכע ליעבע! מע זעהט עס ניט זעהר אָפט, אָבער הערען — הערט מען דאָס אויף יעדען שריט און טריט.

מע זעהט ניט די ליעבע, ניט דערפאר ווייל די ליעבענדע שע־מען זיך ארויסצוטראָגען אויף דער גאס זייער ליעבע. היינט שעמען זיך ניט מענשען צו „אדווערטייזען" די הייליגסטע געפיהלע... אָבער דאָס, וואָס איז ניטאָ קען ניט ארויסציינגען, דערפאר הערט מען אָבער ווי מען רעדט ווערטער. ער זאָגט: „איך ליעב דיך פון טיעפען האר־צען" און געהט זוכען פערגעניגען אויף דער בויערי. זי זאָגט „דו ביסט מיין נשמה" און ווינקט מיט'ן אויג אויף אנאנדער זייט, רעדען און פיהלען זיינען צוויי בעזונדערע זאכען.

און דאָך „זי" די זי פון אונזער ערצעהלונג האָט געליעבט, גע־רעדט וואָס געפיהלט און געפיהלט, וואָס גערעדט.

— האָסט דו עטוואָס געלט? פרעגט ער. זי ארבייט אין א שאָפ א גאנצע וואָך און שבת גיט זי איהם אָב איהר גאנצען פערדיענסט, מיט פרייד, מיט פערגניגען אָפפערט זי איהם איהר ארבייט, איהר טרייהייט, איהר ליעבע, איהר גאנצעס לעבען, ער נעהמט איהרע שווע־רע קרבנות, ווי א זאך, וואָס קומט איהם. ער צאָהלט איהר פאר איהר ליעבע מיט טענות, מיט גראָבהייטען, מיט אייפערזוכט. זיין שקלאַפין איז זי. לאָכט זי, קריינקט עס איהם, זי טאָר זיך ניט פרייען, זי דארף איהם נור דיענען. וויינט זי איז ער אונצופריעדען, זי דארף איהם אמו־זירען. רעדט זי ניט מיט קיינעם, איז ער בייז, זי דארף זיין מיט אייניגע בעקאנטע פריינדליך. מאכט זי שפאָס מיט זיינע פריינד ווערט ער משוגע פון אייפערזוכט. נור מיט איהם דארף זי רעדען, מיט איהם מא־

כען שפאסען, איהם דיענען, איהם זיך אפפערען. ער איז פאר איהר דאס גאנצע לעבען . . .

ער איז איהר הערשער, איהר דעספאט, איהר טיראן און זי איז זיין שקלאפין, זיין דיענסט, זיין אייגענטהום.

וואס שטארקער איהר ליעבע איז, דאס גרעסער איז זיין גראב־הייט, וואס גרעסער איהר איבערגעבענהייט, דאס מיאוס׳ער איז זיין אייפערזוכט...

.2

דער מאנאט אפריל איז געקומען. די נאטור האט זיך ערוואכט פון איהר לאנגען שלאף, די בוימער בעדעקען זיך מיט גרינע בלעטלעך... אלעס בליהעט ארום זיי און איהרע ריינע געפיהלע בליהען אויף נאך שטארקער אין איהר גוטען הארצען . . . און ער? ער קויפט פאר איהר געלד א רעוואלווער, ווארפט זי צו דער ערד ווי א ווילדער און פרעגט זי: „ווענען האסט דו ליעב?” ער גלויבט ניט איהר גוטען בליק, גלויבט ניט איהרע גוטע ווערטער. ער דענקט ניט, ער פיהלט ניט. דאס געוועהר איז אין זיין האנד און ער ציעלט איהר גלייך אין הארצען . . . .

די אונגליקליכע פאלט א פערוואונדעטע, דערשראקענע. מענשען רינגלען זיי ארום, דער פאליציסט שטעהט מיט׳ן קלאב, און אויף איהרע ליפען שפילט א גוטער שמייכעלע, זי האט ניט קיין טענות — זי ליעבט... — וואס איז דארט אזוי? שעפטשען איהרע בלאסע ליפען... עס טרעפט זיך דען ניט אז א רעוואלווער שיסט אוים אונגערן?... וואס ביסט דו שולדיג? זי רופט איהם צו מיט איהר שוואכע שטימע, אומארעמט איהם מיט איהרע ציטערענדע הענד, דריקט איהם צו איהר הארצען, קוסט די האנד, וועלכע האט זי פערוואונדעט, וויעדערהאלט צום טויזענדען מאל: „איך ליעב דיך” און טרערען פליסען שטיל פון איהרע אויגען. „גלויבסט דו מיר ניט”?... פרעגט זי שטיל.

ער שטעהט א געריהרטער, א דערשראקענער, אן איבערראשטער. ער הערט וואס זי רעדט. פיהלט וואס זי זאגט, פאנגט אן צו פערשטעהן וואס זי פיהלט — און ער גלויבט!... ער וויל גלויבען, אבער עס איז שוין צו שפעט...

צווישען צווי שפּיגלען.

שטיל. איינס שלאָגט דער זייגער. רוהיג איז געוואָרען אין גרויסען טענעמענט הויז, זעלטען גיט אַ קלאַפּ די טהיר פון האָל און עס הערען זיך האַלב לויטע אַזוי ווי פערשלאָפענע גלעקלעך פון דער שפּעטיגע „קאר״, ווייט ערגעץ לויפט דורך אַ׳ן עקספּרעס מיט אַ גערויש איבער די שטיינער פון דער גאַס און עס ווערט ווידער שטיל.

זי זיצט אַליין פאַר איהר און הינטער איהר שטעהען צווי שפּיגלען, אין מיטען אַ קליין טישעלע מיט צווי וועקסענע ליכט. דאָס האַרץ ציטערט, דאָס בלוט לויפט שנעל איבער די אָדערען, אין קאָפּ קלאַפּט עס ווי מיט אַ קליין האַמערל: טיק! טיק! טיק! טיק! טם! וואָס איז דאָס? זי האָט אַ זיפץ געטאָן? אין בייסמענט האָט אַ׳ן ערשראָקענעס קינד אַ וויין געטאָן פון שלאָף און די מוטער זאָגט שטיל: „גאָט איז מיט דיר!״ איבער׳ן טראָטואר קלאַפּען הילכיגע טריט און אימיצער פּייפט „עני רוני״ און אַלעס ווערט ווידער פערשטאָרבען...

אַ שאָטען לעגט זיך אויף׳ן וואַנד... די ליכט ברענען דונקעלער, עפּעס האָט זיך אַזוי ווי אַ ריהר געטאָן אין שפּיעגעל, אַ שוידער געהט איהר איבער׳ן גאַנצען קערפּער, דאָס האַרץ וויל זיך ארויסרייסען, קומט דאָס שוין די שרעקליכע מינוט? וועט „ער״ באַלד ערשיינען? וועט זי איהם דערזעהן?

געוויס וועט ער ערשיינען! ער מוז קומען, דען זי האָט געטאָן אַלעס, ווי די אַלטע מיסעס האָט איהר געלערענט: „שבת צו נאַכט, נאָך צוועלף אוהר, צווישען צווי שפּיעגלען, צווי וועקסענע ליכט... זיטצען אַזוי לאַנג און קוקען ביז ער וועט ארויסטרעטען... קומט ער אין ווייסען, איז עס אַ צייכען, אַז ער איז לאַנג געשטאָרבען. קומט ער אין שוואַרצען — לעבט ער, דער שלעכטער מענש. וויל מען ער זאָל זיך אומקעהרען — זאָגט מען: משה, איך רוף דיר אהיים! וויל מען

ער זאָל שטאַרבען באַלד דאָרט וואו ער איז — פאַרלעשט מען א ליכט". יא, זי גערענקט גוט. זי גלויבט און ערוואַרטעט איהם. זי ווייס, אז די אויפגעקלערטע לאַכען פון אזעלכע זאַכען, אָבער זי לאַכט ניט. א פרוי, וועלכע האָט אויסגעווייגט אַלע איהרע טרערען, וועלכע האָט פערלאָרען אַלע איהרע האָפנונגען, וועלכע האָט שוין פערספּענדעט אַלע איהרע קרעפטען — אַזאַ פרוי לאַכט שוין ניט פון קיין זאַך אין דער וועלט.

יא, זי גערענקט אז נאָך גאָר ניט לאַנג איז זי געווען יונג, געזונד, יעצט איז זי קראַנק, פאַר דער צייט פאַרעלטערט. ער האָט זי אוועק געוואָרפען מיט צוויי קינדער... נויט! הונגער! בזיונות! זי האָט איהם געזוכט, גערופען, געוויינט גאַנצע נעכט און געוואַרט... געדרוקט אין אידישע צייטונגען, ווער ווייס פון א הויכען יונגען מאַן משה אן אַפּרייטער... ער איז ניט געקומען...

ענדליך אָבער וועט זי איהם זעהן, ער וועט זיך באַווייזען אין שפּיגעל, ער וועט קומען צו איהר — אָבער גאַטעניו! גאַטעניו! ניט אין ווייסען! ניט אין ווייסען!

אָבער שש! ווער אטהעמט עס אזוי שווער? אזוי ווי א גרינג ווינטעלע שוועבט איבער'ן צימער. די פייערלעך פון די ליכט האָבען אָנגעהויבען צו ווינקען. זי מיינט אז דאָס גלאָז פון די שפּיגלען רוקט זיך אָב פון איהר און זי זעהט אזוי וויט... וויט... וואָס איז דאָס? צוויי פייערלעך טרעטען ארוים פון דער דונקעלער ווייטקייט... זיי בעוועגען זיך, זיי שווימען, זיי קומען נעהענטער! דער אטהעם האַקט זיך איבער פון שרעק, דאָס הארץ האָט מורא זיך צו ריהרען, די אויגען בלייבען שטעהן אונבעוועגליך, אַלע גליעדער ווערען פערקיהלט... נעהענטער, נעהענטער שווימען די פייערלעך, זי הערט א שטילען זיפץ... אוי וועה! זי זעהט א ווייסען שאָטען... האָט זי געהערט דעם זיפץ, וואָס האָט זיך ארויסגעריסען פון איהר אייגענע ברוסט? האָט זי געזעהען איהר אייגענע ווייסע קלייד? ניין! זי צווייפעלט ניט: דאָס איז געווען ער... משה! אין ווייסען... ער האָט א זיפץ געטאָן, איז פערשוואונדען געוואָרען... געשטאָרבען! געשטאָרבען דער, וועמען זי האָט ערוואַרטעט צו זעהן... פערלאָרען! פערלאָרען אויף אייביג: אומזיסט וועט זי רופען: קעהר זיך אום צו מיר!... ער וועט שוין ניט קומען.

* * *

שטיל. דער זייגער שלאָגט דריי. אַללעס שלאָפט אין גרויסען טענעמענט הויז. זי שלאָפט ניט. מיט שטילע טריט געהט זי אום איבער'ן צימער און איהרע בלאַסע ליפּען שעפּטשען: געשטאָרבען! געשטאָרבען מיין משה! די ליכט האָבען לאַנג אויסגעברענט און זיי־נען פערלאָשען געוואָרען. אַלעס איז פערזונקען אין דונקעלהייט... מאָרגען וועט אַן אַמבולאַנס אַוועק פיהרען אויפ'ן שווארצען אינזעל די יונגע פרוי, וועלכע איז אין איין נאַכט גרוי געוואָרען, איהרע קינ־דער וועט מען אַוועק פיהרען אין דעם הויז פון יתומים... און משה... וואו איז משה דער אפּרייטאָר?

ער איז דאָס?

(א סיוזשעט פאר א ראָמאן.)

1.

„וויין ניט, שיינדיל, דער מענש איז שוין אזוי בעשאפען: ער פערלאָזט פאָטער און מוטער און פעראייניגט זיך מיט זיין בעשערטען זיוג. זאָל זי זיין אין אמעריקא גליקליך און מיר וועלען פון דער וויטען הערען גוטע בשורות און פרעהען זיך. טאָכטער מיינע, פערגעס זשע ניט אָן אונז... דו זעהסט ווי די מאמע וויינט!..."

די ווערטער האָט געזאָגט דער פאָטער, די מוטער האָט ביטער געוויינט און די יונגע טאָכטער האָט געזאָגט צום לעצטען־מאָל „זייט געזונד" און איז אריין אין וואגאָן. איהר איז געווען שווער צו שיידען זיך פון איהרע עלטערען. זי איז געווען א בת יחיד'קע, א געליעבטע, א פערצויגענע, אָבער קיין אמעריקא האָט איהר געצויגען א קראפט, וועלכע איז שטארקער פון קינדער ליעבע. דאָרטען איז ער... דער גרויסער צויבערנער, וועלכער האָט פון איהרע רויטע ליפען אראָבגעגנב'עט דעם ערשטען, אונשולדיגען, ריינעם קוס, דער, וועמען זי האָט אין דער שטיל מיט א ציטערענדע שטימע געזאָגט: איך ליעב דיך! און זי פאָהרט אין אמעריקא.

עטליכע טויזענד מייל איז א קלייניגקייט, ווען מען ליעבט טריי און איבערגעגעבען. וואָס בעדייטען די אונאנגענעהמליכקייטען פון דער רייזע, ווען מען שטרעבט צו א געוויסען ציעל, צום גליק פון לעבען? און זי איז געווען רוהיג און זאָרגלאָז. פון דעם גרויסען דאמפפער האָט זי זעהר זעלטען געקוקט צוריק, וואו איהרע ליעבענדע און עלענדע עלטערען זיינען געבליבען. זי האָט געקוקט נור פאָראויס. זי האָט מיט אונגעדולד ערווארטעט, ווען וועט זיך שוין בעווייזען יענע שעהנע

לאַנד, וואו ער שטעהט אויפ'ן ברעג און ערוואַרטעט זי.

ערוואַרטעט ער זי? געוויס, זיכער, אָהן צווייפעל. זי ווייס דען ניט ווי היים זיין ליעבע איז געוועזן? האָט ער איהר דען ניט געשריעבען אזעלכע פייערדיגע בריעף? האָט ער דען ניט געבעטען רחמים זי זאָל קומען צו איהם? האָט ער איהר דען ניט געשריבען די וואַרהייט, דאָס ווען ער זאָל שוין יאַ וועלען זי פערבייטען, האָט ער ניט אויף וועמען, די אמעריקאַנער מיידלעך עסען צופיעל קענדי, טאַנצען צו לאַנג אין די טאַנץ־קלאַסען און שטעהען צו שפעט אין די „האָללען" מיט זייערע „פעללאָוס"... אָבער וואָס געהט איהר אָן, וואָס איז דאָרט פאַר „האָללען" מיט „פעללאָוס", אז דאָס האַרץ זאָגט איהר בעסער פון אלע בריעף, ווי טריי ער ליעבט זי?

דער דאַמפפער געהט ווייטער און די גליקליכע אמעריקאַ רוקט זיך צו נעהענטער און נעהענטער... ים פויגלען שוועבען שוין אין דער לופטען, שיפען בעגעגענען זיך עפטער, אלע מענשען אויפ'ן שיף זיינען געוואָרען לעבעדיגער, אנדערע זאָגען זיי זעהען שוין אַ שוואַרצען פינטעל ווייט, ווייט...

לאַנד! לאַנד! אמעריקאַ!

.2

ער האָט זי בעגעגנט אין קאַסעל־גאַרדען. אויסגעפוצט וויאַ דזשענטעלמען... מיט האַנדשוה, מיט אַ שעהנעם שטאָק... מיט אַ דיעמאַנטענעם רינג אויפ'ן פינגער... ער איז אזוי שעהן געוואָרען... אָבער ווארום האָט פּלוצלונג אַ וואָלקען פערדעקט די זונן פון איהר גליק? ווארום האָט זיך אַ קאַלטער שטיק אייז געלעגט אויף איהר הארצען? ער איז דאָס? ווען ער איז געוועזן מיט אַ בערדיל האָט זי ניט געזעהן אזעלכע צוויי אונסימפּאַטישע שטריכען לעבען זיינע ליפּען... ער איז נאָך שעהנער, אָבער אין דער שעהנקייט ליגט עפּעס אַ העס־ליכקייט, וועלכע זי פיהלט און קען זיך ניט ערקלערען... דעם קאָפּ האַלט ער אזוי שטאָלץ און קוקט אזוי פרעמד... אך! זי האָט געציטערט, געברענט, מיט אונגעדולד ערוואַרטעט דיעזע מינוט... און... און... איז דאָס ווירקליך ער?

ער האָט אויך געפרעגט דיזעלבע פראַגע: איז דאָס זי? די

שעהנע צויבערין, וועלכע ער האט מיט אונגעדולד ערוואַרטעט? זי איז געוואָרען מאגערער, דער ווינד האט איהר פערשוואַרצט די באקען... און דערצו נאָך אזא קאָמישע רוסישע היטעלע מיט א גרינהאָרנ׳שען פאלטאָ?...

זעהר פריינדליך האט מען זיי אויפגענומען ביי זיינע פריינדע. ער איז געוואָרען לעבהאפטער ווען ער האט אָנגעפאנגען צו דערצעה־לען פון זיך. וואס פאר א בריה ער איז, וואס פאר א געשיקטער יונג... ווי אזוי איהם איז געלונגען צו ווערען א סיגאר מייקער, צו ערוואָר־בען די ליעבע און צוטרוי פון דעם באָס פון דער פעקטאָרי, אונטערצו־שטעלען א פיסעל דעם פאָרמאַן און פערנעהמען ענדליך זיין פלאַץ... ער האט שוין געלד אין באנק... מען ליעבט און מען אַכטעט איהם... פיעל רייכע עלטערען וואָלטען זיך געשעצט גליקליך אזא איידעם צו האָבען.

זי האט געשוויגען, זי האט איהם געהערט מיט א טרויעריגען שמייכעל אויף איהרע ליפען און איהרע געדאנקען זיינען געווען ווייט פון יענעם זייט אָקעאַן, וואו איהרע ליעבע עלטערען זיינען פערבליע־בען... און וואו עס זיינען אויך פערבליעבען אלע איהרע זיסע טרוי־מען. זי איז געווען גליקליך, ווען די ווירטהין פון הויז האט ענדליך בעמערקט, דאס דער גאסט איז מיעד פון וועג און דארף געהן פריה שלאָפען. ווי אַן אונטערגעהאקטער זאנג האט זי א פאל געטאָן אויף איהר געלעגער, האט טיעף אין קישען פערבאָרגט איהר ארעם קעפעלע און האט זיך צו־וויינט מיט ביטערע פערצווייפעלטע טרערען...

די באַשערטע.

(א נאָוועלע אין דריי טהיילען).

ערשטע טהייל.

שלמה מאיר באַלעמבוך איז געבאָרען געוואָרען אין א שטעטעל וואָס איז געווען ניט אין גאַנצען זאַמוט און ניט אין גאַנצען פוילען און ניט אין גאַנצען קורלאַנד. דערפאַר האָט ער גערעדט רוסיש ווי א דייטש, פויליש האָט ער געקענט ווי א רוס און דייטש ווי א גוטער זשמודיאַנער...

אז מען קען דריי שפּראַך און מען האָט נאָך דערצו א פיינע האַנדשריפט, און מען קען שרייבען אַן אדרעסע ווי א קינסטלער, מאַכען א חתימה מיט געדרעהטע צוקען און אויסמאָלען א „לידידי" מיט א דריי שטאָקיגען „למד" איז מען דאָך שוין כמעט א משכיל, אָבער אז ער האָט נאָך דערצו געלייענט צוויי מאָל דעם „אהבת ציון" איז ער'ם דאָך געווים... הא! ווי זאָגט איהר...

מילא בקיצור, שלמה מאיר באַלעמבוך האָט חתונה געהאַט, האָט גענומען 500 רובעל נדן, א זייגער מיט א קייט, א טלית מיט א זיל-בערנע עטרה מיט א שטאָט אין מזרח וואַנד, וועלכע איז אָנגעקומען דער כלה בירושה. זעלבסטפערשטענדליך, ער האָט גענומען דערצו א ווייב אויך. זי איז געווען מיט צוויי קעפּ העכער פון איהם. מיט א זעקס, זיבען יאָהר עלטער, דערפאַר אָבער האָט ביי איהר איין אויג געקוקט אין דרום זייט און דאָס אַנדערע אין צפון זייט, און זי איז געווען שוואַרץ-חן-עוודיג ווי די בעסטע שוה-וואַקס, זי האָט ניט גע-האַלטען זעהר שטאַרק פון השכלה און ציוויליזאַציאָן פון דעסטוועגען פלעגט זי יעדער יאָהר שענקען איהר געליעבטען שלמה מאיר א שוואַרצינקען אינגעלע מיט קרומע אייגעלעך...

אין קורצען, איהר נאָמען איז געווען ציפּע און זי האָט געקענט

שילטען אז עס זאָל צופּען, רייסען, בייסען. און ויהי היום...
דאָ ענדיגט זיך דער ערשטער טהייל פון אונזער ערצעהלונג.

צווייטער טהייל.

עס איז געווען זעקס, זיעבען יאָהר נאָך דער חתונה, ווען ר׳ שלמה מאיר באַלעמבוך האָט בערעכענט אז ער האָט שוין ניט קיין נדן און האָט 5 שוואַרצינקע משביללים׳לעך. האָט ניט פון זיין בע־שערטע קיין רוהיגע מינוט און האָט א ווייב, וואָס איז מיאוס ווי דער יצר טוב, בייז ווי דער מלאך המות און שלעכט ווי טויזענד רוחות.. געווען איז ער כמעט א קורלענדער און האָט געקענט קענען דייטש, פאַרוואָס זאָל ער ניט אַריבער כאַפּען זיך קיין דייטשלאַנד ?... ער האָט א שעהנעם האַנדשריפט און קעניגסבערג איז א שטאָדט פון ציוויליזאַציאָן. וישא, ער האָט אויפגעהויבען זיינע פיסלעך, ויצא ער האָט גענומען דעם אהבת ציון מיט׳ן טלית אויפ׳ן פּלייצע, וילך חרנה, און איז אַוועק נאָך קעניגסבערג. ווירקליך, קעניגסבערג איז א גוטע שטאָדט מיט ציוויליזאַציאָן און מסחר און ר׳ שלמה מאיר באַלעמבוך איז א פעהיגער יונג און כמעט א דייטש... האָט ביי איהם ניט פיעל צייט גענומען און ער האָט געמאַכט גליקליכע עסקים, ווי איינער פון די בעסטע רוסיש־פּוילישע און דייטש־זשמודיאַנישע שנאָ־רער אין דער וועלט...

די ערשטע צוויי, דריי פּסח־ן האָט די עגונה ציפּה נעבעך ערוואַר־טעט איהר מאַן. זי האָט גערעכענט, ער וועט נאָך אפשר קומען, נאָכ־דעם האָט זי א שפּיי געטאָן, האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנד און איז... און איז אליין אויך געקומען קיין „גינספּעריק" מיט איהרע אַלע פינף ציטעריגע שוואַרצינקע „בני יחידים׳לעך"... זי האָט געקענט גענוג דייטש צו מאַכען איהם מיט דער בלאָטע צוגלייך און גענוג רו־סיש מכבד צו זיין איהם מיט א פּאָאַר פּעטש און ר׳ שלמה מאיר איז נעבעך געפאָהרען צוריק אהיים און האָט זיך ווידער בערעכענט אין א צוויי דריי יאָהר אַרום, אז ער האָט שוין זיעבען שוואַרץ־חנ׳־עווּדיגע בריליאַנטען און אז פּאַר אַזאַ געבילדעטען משכיל ווי ער, איז

די פרייע אמעריקא, די בעסטע מדינה אין דער וועלט... ויברח און ר' שלמה מאיר האט ענדליך... דא ענדיגט זיך דער צווייטער טהייל פון אונזער ערצעהלונג.

דריטער טהייל.

אין אנקעל סעם'ס מדינה האט הערר באלעמבוך גאנץ האריאפ צו־וויקעלט און ענטוויקעלט אלע זיינע פערוויקעלטע טאלאנטען און קוים איז ער געוועזן צוויי יאהר א פעדלער, איז ער שוין געווארען א סעקרעטער אין א דייטשים־אידישע לאדזש, האט אנגעהויבען שמייכלען צום פרעזידענטס שעהנע טאכטער און איז געווארען א סטור־דענט אין לאו־קאלעדזש. זיסע האפנונג האבען געבליהעט ביי איהם אין הארצען: ער איז א לאיער מיט אן אפיס אין נאססאו סטריט, מיט די שעהנע פעני אנשטאט ציפה'ן... און... און זיין רייכע פאנטאזיע האט איהם געטראגען הויך און ווייט...

בלילה ההוא נדדה... אין יענער נאכט איז עס פערוואגעלט געוואר־רען. עס איז געוועזן א פינסטערע, א קאלטע נאכט, און מיסטער באר־לעמבוך איז געגאנגען אהיים שלאפען גאנץ צופריעדען און גליקליך. דעם פרעזידענט'ס שעהנע פעני איז מיט איהם געשטאנען 2 שעה אין א פינסטערען האלל... ער האט ניט געוואלט אויפוועקען זיינע לאנדס לייט ביי וועלכע ער האט געהאט א בעדרום. מיט זיין אייגענעם טהיר־שליסעל, האט ער שטיל געעפענט די טהיר און איז געבליבען שטעהן אין דער פינסטערנים א דערשראקענער... איהם האט זיך אויסגעוויזען, דאס זיין בעט האט א טרעשצע געטאן און אימעצענס נאז האט א פייף געטאן... מיט ציטערענדע הענד האט ער אנגעצונ־דען א שוועבעלע... אימיצער איז דא... איצימער שלאפט ביי איהם אין בעט... דאס פייערל פון מעטש האט איהם א ברען געטאן די פינגער און איז פערלאשען געווארען... ניט טויט, ניט לעבעדיג איז געשטאנען מיסטער באלעמבוך, זיינע פיס האבען געציטערט, דאס הארץ האט זיך געצאפעלט... ווער איז דאס? ווער איז דאס? האט ער א געשריי געטאן ניט מיט זיין קול... די בעט האט ווידער א קראך

געטאָן, דער פרעמדער נאָז האָט ווידער א פייף געטאָן און אַ בעקאַנטע שטימע האָט געענטפערט: „דאָס ביזט דו שלמה מאיר? וואָהין וואַנדערסט דו אום אַזוי שפעט, משוגענער”... דאָ האָט זיך דער מאָנאָלאָג איבערגעריסען מיט אַ ברייטען געגעץ און דאַן האָט די בעקאַנטע שטימע געזאָגט: „נו, קום שוין שלאָפען, מנובל!... קום שוין!...

זיין אַלטע בעשערטע פון גאָט איז געקומען און מיט איהר זיינע זיעבען בריליאַנטענע זיהן... און אַז ער האָט שוין יאָ אַנגעצונדען גאַז, איז איהם גוט פינסטער געוואָרען אין די אויגען...

זעלבסטמאָרד! זעלבסטמאָרד, דאָס איז דער איינציגער מיטעל... אָבער זאָל ער זיך היינגען, שיסען, אַראָבוואַרפען זיך פון ברוקלין ברידזש? ער האָט זיך פערטראַכט, דאַן האָט ער פון זיך אַרונטערגענומען זיינע קליידער, האָט פערלאָשען די גאַז, און... דאָ ענדיגט זיך אונזער ערצעהלונג.

בילדונג.

.1

— ע! דו ביסט גאר ניט געבילדעט! וועלכער געבילדעטער מאן געהט עס ניט טרינקען מיט א גוטען ברודער א גלאז ביער און פער־ברענגען א פאר שטונדען? פוי! דו ביסט גאר ניט געבילדעט.

ניט איין מאל און ניט צוויי מאל האט מאזעס סיגאל געהערט אזעלכע פארווירפע פון זיין בעסטען קאמעראד טשאלי יאהאנסאן. א סך אידען האבען געארבייט אין פעקטארי און דאך איז טשארלי גע־ווען א גוטע פריינד נור מיט איהם, מיט מאזעס סיגאל. און מאזעס האט שטאלצירט מיט דעם גליק, און זעהר געשעצט דיעזע גוט־פריינדשאפט. א קלייניקייט טשארלי! ערשטענס איז ער כמעט א פארמאן, צווייטענס איז ער א לעבעדיגער יונג, א גבור, געבילדעטער דזשענטעלמען, וועלכער וויים פון אלעס, וואס עס טוט זיך אין „לאנ־דאן" טהעאטער און אויף דער פיערצעהנטער סטריט און קען זינגען אלע ליעדער פון „פאלקס־גארדען" און „אטלאנטיק גארדען". אזא עהרע, אזא כבוד! זיין פינגער בפינגער מיט א קריסט, מיט טשארלי יאהאנסאן! איין זאך האט איהם געקריינקט: אלע זונטאג האט מען געדארפט מיט „טשארלי" נעהמען צו ביסלעך משקה, און געגען דעם פראטעסטירט זיין יונגע פרוי „פעני"... זי טענה'ט, אז פאר דעם געלד איז בעסער קויפען דעם קינד א פאאר שיכלעך און די צייט בעסער פערברענגען מיט איהר אין דער היים. זי איז ניט קיין געבילדעטע דאמע און פערשטעהט גאר ניט אין פאליטיק...

— וואס ארט דיך וואס זי פלאפעלט, זאגט טשארלי, איך האב אויך א פרוי, זי וואגט אבער ניט צו זאגען דעות...

— יא, אבער וואס זאל איך טאן? פרעגט מאזעס, זי ווייגט... זי... זי... האט מיך ליעב...

— גיב איהר א פּאָר פּעטש, וועט זי דיך נאָך שטאַרקער ליעב האָבען... די ווייבער האָבען ליעב א שטאַרקען מאַן מיט א כאַראַק־טער. פרעג מיך, איך בין א געבילדעטער מענש... אז מען פּאַטשט זיי אויס, ווערען זיי ווייך ווי זייד, נידריג ווי גראָז, שטיל ווי וואַ־סער.

— יא, זאָגט מאָזעס און דאָס הארץ טיאָכקעט איהם פון רחמנות, מיין פעני איז אזאַ שוואַכע, אזאַ איידעלע...

— נאַרר דו! זעה ביי אונז א ווייב איז געזונד ווי אַן אייזען! מיר שלאָגען זיי — זיינען זיי געזונד... קלעפּ איז זעהר געזונד. א געבילדעטער מענש שלאָגט מיט שכל, פאָרזיכטיג...

2.

שפּעט ביי נאַכט איז געקומען מאָזעס סיגאַל אהיים. „טשאַרלי" האָט איהם געלערענט ווי א געבילדעטער מענש טרינקט פּונש, דזשין, ראָם מיט מילך. קלאַרעט מיט זעלצער, אָויל מיט פּאָרטער. די משקה האָט איהם צורוואַרעמט און ער איז געווען צופריעדען און אויפגעלעגט. ער האָט זיך געפיהלט גוט און האָט געוואָלט זיין פעני זאָל זיך אויך שעצען גליקליך און זי, די אונדאַנקבאַרע, האָט גאָר אָנגעהויבען טענה'ן און וויינען...

— שטיל! זאָגט מאָזעס מיט א בייזע מינע, א געבילדעטער מענש ערלויבט ניט זיין פרוי זאָל זאָגען דעות... פעני קוקט איהם אָן מיט איהרע גרויסע פערוויינטע אויגען — ער זעהט אזוי קאָמיש אויס איצט, אז זי וואָלט זיך צולאַכט, איהר זאָל ניט זיין אזוי ביי־טער אויפ'ן הארצען.

— א מאַן מיט א האַראַקטער, זאָגט מאָזעס און טאַפּעט מיט'ן פּוס, טוט ווי ער וויל!.. ער זעצט זיך צום טיש, שפּאַרט אונטער זיין פערטומעלטען קאָפּ מיט א האַנד און פערזאָרגט זיך... ער ליעבט זיין פעני, אָבער דאָך קען ער דען מיט איהר גליקליך לעבען, אז זי פערשטעהט ניט, וואָס בילדונג איז?... און זי פערשטעהט ניט, ווי אונגליקליך ער איז... זי איז גערעכט, זי טענה'ט, זי וויינט, מאַכט פאָרווירפע, בעליידיגט — ער כאַפּט זיך פון זיין אָרט און ברומט ווי א בייזער לייב: שטיל! שטיל זאָל זיין! אָבער זי שווייגט ניט,

פּערקעהרט, זי הויבט נאָך אָן מיט א טאָן העכער, זי וויל וויסען וואָס וועט זיין דער סוף.

— דער סוף! דו ווילסט וויסען דער סוף? שרייט מאָזעס אויסער זיך און... זיין פרעכע האנד הויבט זיך אויף און ער גיט זיין אָרע־מער פעני צוויי קליינע שוואכע פּעטש! ... ער פיהלט גראדע ווי מען האט איהם אליין געגעבען צוויי מאָל א שטאָך אין הארצען, ער האָט קיין מוטה ניט, א קוק צו טאָן זיין פעני׳ן אין די אויגען... ער גיט א קלאַפּ מיט׳ן טהיר און לויפט ארויס.

ער טרינקט ברענדי, וויסקי אין סאלון און קען ניט פערלעשען דעם פייער וואָס ברענט ביי איהם אין הארצען. ער הערט זיך צו וואָס אנדערע רעדען און קען ניט פערטרייבען דעם געדאנק, וואָס פערפאָלגט איהם: וואָס טוט יעצט זיין פעני? ער האָט געהערט ווי זי איז געפאלען אויפ׳ן פלאָאר מיט א שרעקליכען געוויין. טרערען שטיקען איהם... ניעדערגעשלאָגען, פערשעהמט היילט ער זיך צוריק, שטיל געהט ער ארויף אויף די טרעפּ און שטעלט זיך נעבען זיין טהיר... דאָס הארץ קלאַפּט, די הענד און פיס ציטערן... ער הערט זיך צו, עס איז שטיל... ער גיט דריי שוואכע קלעפּ אין טהיר — קיין ענט־פער... אללעס פערשטארבט אין איהם... דאָס בלוט ווערט פער־קיהלט פון שרעק, ער ווערט אין איין אויגענבליק ניכטער. „פעני!” זאָגט ער מיט א ציטערענדער שטימע. קיינער ענטפערט ניט. עס איז שטיל און פינסטער אין קאָרידאָר! ... איהם ווייזט זיך אויס ער האָט געהערט, אימיצער האָט א שווערען זיפץ געטאָן און ער עפענט אויף האסטיג די טהיר...

3.

א שרעקליכער געדאנק איז געקומען דער יונגער פרוי אין קאָפּ, ווען ער האָט א קלאַפּ געטאָן מיט׳ן טהיר און איז אוועק. וואָס? עס איז ערשט דריי יאָהר נאָך זייער חתונה און ער שלאָגט זי שוין, וואָס וועט זיין שפּעטער? וואָס קען זי ערוואַרטען פון א מאַן, וועלכער פערשיכור׳ט זיין שווער פערדיענטעס געלד? אָבער וואָס זאָל זי טאָן? לויפען? וואָהין לויפט מען צוויי א זייגער אין דער נאַכט און ווער קען איהר העלפען? זי האָט א מוטער און פריינד, אָבער צו זיי

געהן? האבען זיי איהר דען פריהער ניט געזאגט אז דער שידוך גע־פעלט זיי ניט? ניין! עס איז דא נור איין מיטעל זיך בעפרייען און דאס איז דער טויט.

מיט ציטערענדיגע הענד ציהט זי געשווינד ארויס דעם שנירעל פון איהר קארסעט, לויפט צו צום קינדס וויגעלע, בעגיסט זיינע בע־קעלעך מיט הייסע טרערען... עפענט אויף דעם קליידער קלאזעט, בינדט צו דעם שנירעל צו א גרויסען נאגעל... און... פונקט אין דער מינוט הערט מען ווי ער רופט „פעני", ער קלאפט אין טהיר, ער לויפט אריין. זי בלייבט שטעהן ווי א פערגליווערטע שטיק אייז... ער קוקט זיך ארום, דאס קינד שלאפט און זי איז ניטא... פעני! שושקען זיינע בלאסע ליפען... וואו ביסט דו, פעני? ער לויפט אין קיטשען, אין בעדרום ווי א פערווירטער, קעהרט זיך אום צוריק און אונבעוואוסטערהייד עפענט ער דעם קליידער שאף: זי שטעהט אין ווינקעלע ווי א פערשטיינערטע... איין בליק אויף איהר טויט־בלאסען פנים, אויף דעם שנירעל אין איהר האנד און ער פערשטעהט אלעס, איין אויגענבליק שטעהט ער און קוקט אויף זיין פעני מיט טרעהרען אין די אויגען און דאן פאלט ער צו איהרע פיס, נעהמט ארום מיט זיינע ציטערענדע הענד איהרע קניע און מיט א פערשטיקטער שטי־מע רעדט ער קוים אוים: „פעני! פערצייה מיר... טייערע פעני, ליעבע... זאלען מיר אבדארען די הענד אויב איך וועל נאך אמאל וואגען... זאל איך אויסגעהן דא, ביי דיינע פיס, אויב ווען עס איז אין מיין לעבען... פעני? פעני?" טרערען לאזען איהם ניט רע־דען...

שטיל איז אין טענעמענט הויז, אלעס רוהט און שווייגט, און דער הימעל איבער ניו יארק ווערט ווייסער און ווייסער, און קליינע שטערענדלעך פאלען פון הימעל איינע נאך די אנדערע... די זוהן געהט, און א נייער טאג קומט מיט נייע פרייד און נייע שמערצען... שש! וועקט ניט די וואס ארבייטען שווער ביי טאג און וויינען בי־טער ביינאכט...

אוי! די בילדונג! די בילדונג!...

דער אידישער גייסט.

אן אלטע לעגענדע — א נייע ווארהייט.

פינסטער און ביטער איז דעם אידען אויפ'ן הארץ.

פערהארעוועט און פערמאטערט, שלעפט ער זיך קוים אויף די פיס.

די נוגשים שטעהען מיט די בייטשען; זיי יאגען, זיי טרייבען, זיי לאזען א מינוט ניט אבדערכען.

אלע טאג אנדערע גזירות, אלע טאג אנדערע רדיפות: „קלייבען אליין שטרוי, אליין קנעטען ליים און מאכען דיזעלבע צאהל ציעגעל" איז דער לעצטער פריקאז.

און דער איד קלייבט נעבעך שטרוי, און ער קנעט ליים, און ער מאכט די זעלבע צאהל ציעגעל, און ער בויט פיתום מיט רעמסס . . .

און אלץ שטיל, געדולדיג, אהן א מורמעל און אהן דעם קלענסטען ווידערשטאנד.

מאנכע פון זיינע אייגענע ברידער ווערען זיינע נוגשים, זיין אייגען בלוט און פלייש פייניגט איהם, טרייבט איהם. און דער איד פערטראגט אלעס געלאסען, רוהיג, ניט א ווארט אויסצורעדען, אבי ער בעקומט זיינע פיש מיט ציבעלע, אבי מען קארמעט איהם, אבי ער האט דעם קאפ וואו אוועקצולעגען . . .

מעהר בעט ער ניט, מעהר פערלאנגט ער ניט, מעהר זוכט ער ניט.

און ער ארבייט און ער הארעוועט, און ער שלעפט, און ער בויט, און ער ווערט פער'חושך'ט.

אבער אזא צושטאנד האט ניט געקענט לאנג אנהאלטען.

משה איז ערשיענען!

אַ מאַן מיט פייער, מיט ענערגיע און מיט טאַלאַנט; אַ פרייהייטס קעמפּפער, אַ העלד.

ער האָט דעם צער פון זיינע ברידער ניט געקענט פערטראָגען; אַ פייער פון האַס צו די אונטערדריקער און פון ליעבע צו זיין פאָלק האָט אין איהם אויפגעפלאַקערט.

ער פערלאָזט זיין הויז, זיין פרוי און קינדער, און געהט פער־דיגען צו זיין פאָלק.

אומזיסט איז זיין מיהע!

דאָס אידישע הארץ איז פוסט, דער קאָפּ פערשטאָפּט און די אויגען פערלאָשען. וויסט, וויסט און פינסטער איז אַרום און אַרום...

קיין פרייען געדאַנק קענען זיי ניט פערנעהמען, קיין גלויבען אין בעפרייאונג, קיין האָפנונג אויף בעסערע צייטען, קען מען אין זיי ניט ערוועקען, — אַלע חושים זיינען אָבגעשטאָרבען.

זיי זיינען צופיעל פערהאָרעוועט, צופיעל פערשקלאַפט.

אהרן, דער פּאָליטיקער, דער פּראַקטישער מענש, אָבהענדיג, פער־לירט זיין מוטה און גיט אויף די האָפנונג.

משה בלייבט פעסט. „איך וועל ניט רוהען און ראַסטען, זאָגט ער צו זיך, ביז איך וועל ניט זעהן מיין פאָלק בעפרייט. זיי טאָרען קיין שקלאַפען ניט בלייבען".

און מיט נייעם מוטה, מיט נייע ענערגיע; מיט נייע קראַפט און מיט נייעם ענטהוזיאַזמוס נעהמט ער זיך העלפען בעפרייען זיין פאָלק. און זיין ארבייט איז ניט געווען אומזיסט.

דאָס פאָלק האָט ערוואַכט!

דער פרייהייטס געדאַנק האָט זיך ענדליך אריינגע'גנב'עט אין זיין פוסטע הארץ. ער האָט זיך דורכגעאַרבייט דורך דעם פאָלק'ס מוח, וועלכער איז געווען פערשטאָפּט מיט ליים און שטרוי.

ער האָט אויפגעריסען די אויגען, וועלכע זיינען געווען פער־שמעלט מיט די גרויסע מויערען פון פיתום מיט רעמסס.

און דאָס הארץ האָט גענומען קלאַפּען האַסטיגער און לעבעדיגער, און דער קאָפּ האָט אָנגעהויבען מעהר דענקען און דאָס אויג האָט אָנ־געהויבען ווייטער און ליכטיגער צו זעהן.

אַ געוואַלדיגער ענטהוזיאַזמוס האָט אַלעמען בעהערשט און זיי האָבען געשוואָרען ניט צו רוהען ביז זיי וועלען אַלע זיין פריי.

און זיי האָבען אויפגעטאָן וואונדער.

און זייער טעטיגקייט האָט זיי געבראַכט ערפאָלג. דאָן איז צו זייער בעגייסטערונג שוין ניט געווען קיין גרענעץ.

זיי דאַרפען אַריבער דעם געפערליכען ים, און זיי שרעקען זיך ניט.

זיי דאַרפען וואַנדערען אין אַ מדבר, און זיי געהן.

זיי האָבען ניט קיין ברויט, און דאָס האַלט זיי ניט אָב.

זיי האָבען ניט קיין וואַסער, קיין קליידער, קיין שיך, — דאָס אַרט זיי ניט.

זיי האָבען בעגייסטערונג און פרייהייטס־לוסט. דאָס איז זייער מאַכט, דאָס איז זייער קראַפט, וואָס האַלט זיי צוזאַמען.

און זיי מאַרשירען מיט זייער בעגייסטערונג ביז... ביז אין דעם מדבר אריין...

אָבער ניט דער מדבר איז זייער ציעל; זיי ווילען קומען אין דעם ארץ זבת חלב ודבש — אין דעם לאַנד וואו עס פליסט מילך און האָניג, און דאָרט, דאַרף מען אַ תורה, געזעצע, פערנונפט...

משה וויים דאָס, משה פערשטעהט דאָס, און ער ערקלערט דאָס זיינע ברידער.

די ברידער זיינען בעגייסטערט, זיי הערען גאָר ניט וואָס מען רעדט צו זיי, און שרייען נעשה פאַר נשמע...

אָבער צו ערגרייכען די תורה — די קאַלטע פערנינפטיגע ווענ־ווייזונגען, ווי צו קומען אין דעם ארץ זבת חלב ודבש, דאַרף דויערען אַ ביסעל צייט...

און ישראליק פערלירט זיין געדולד. ער הויבט אָן צו צווייפלען און צו מורמלען...

ער האָט ניט בעגריפען דעם פרייהייטס־גייסט, ער האָט ניט פערשטאַנען די פרייהייטס־אידעען... ער איז נור געווען שיכור פון בעגייסטערונג, פון די שעהנע פראַזען, פון די פערשפּרעכונגען, וואָס מען האָט איהם געמאַכט...

און דאָ יאָוועט זיך אהרן, דער פּאָליטיקער.

ער איז אַ פּראַקטישער מענש, ער פערשטעהט זיך צו צופּאַסען צו דעם ווילען פון פאָלק, ער וויל האָבען ערפאָלג...

„איהר ווילט אַ גאָט, אַ פיהרער? זאָגט ער, ברענגט נור אייער

גאָלד און זילבער, גיט אהער די פּאָר גראָשען און איך גיב אייך א גאָט..."

ישראליק ווערט ווידער בעגייסטערט. ער האָט ליעב הויכע פראַזען, שעהנע צוזאַגעניש... ער רייסט אראָב די ציערונג פון זיין ווייב, ער לעדיגט זיך אויס פון קאָפּ ביז די פיס און טראָגט אַלץ צו אהרן'ען און ער בעקומט — א גאָט א קאַלב.

א קעלבערנעם גאָט, אָהן לעבען, אָהן א נשמה. און דער זעלבער ענטהוזיאזמוס, און דיזעלבע בעגייסטערונג און דאָס זעלבע שכרות בעהעררשט דעם אידען —

משה האָט ענדליך געזיעגט. דאָס קאַלב איז פערניכטעט געוואָרען....

אויף ווי לאַנג?

אה, אידישער גייסט!

אַמעריקאַ.

צוויי פישעלעך.

(א פאַנטאַסטישע ערצעהלונג, אנשטאט חד גדיא).

.1

צוויי פישעלעך זיינען געבאָרען געוואָרען און אויסגעוואַקסען ווייט אין די בערג. זיי האָבען ניט געוואוסט, אז די קליינע שטילע און רוהיגע טייכעלע, וועלכע איז באַדעקט מיט גרינעם שוים און בעשאָטענט מיט צווייגען פון אַלטע בוימער, וואו זיי שווימען אַרום, שט־פּען, פּליעסקען זיך גאַנץ פריי, — דאָס די זעלבע טייכעלע, וואָס ווייטער זי לויפט פון די בערג ווערט זי אַלץ גרעסער און טיעפער, און דאָס ביים גרויסען מעער איז זי אַ שטאַרקע און מעכטיגע טייך.

רוהיג ווי די נאַטור אַרום זיי, איז געוועזען זייער לעבען... ווען דער ווינד אַרום זיי האָט גערוישט און דער וואַלד האָט געשטורעמט, זיינען זיי געלעגען שטיל אויפ'ן גרונד פון זייער טייכעלע פערטיפט אין אַ זיסען דרעמעל. האָבען זיך די שטראַהלען פון דער זונן דורכגעריסען דורך די געדיכטע צווייגען — זיינען זיי שוין געוועזען אויפ'ן גרונד פון זייער טייכעלע פערטיפט אין אַ זיסען דרעמעל. האָבען זיך די שטראַהלען פון דער זונן דורכגעריסען דורך די געדיכטע צווייגען — זיינען זיי שוין געוועזען אויפ'ן וואַסער, האָבען געשטיפט, געוואָרפען זיך אין אַלע זייטען, געיאָגט איינעם דעם אַנדערן... און ווען אין אַ שעהנער זומער נאַכט פלעגט די לבנה מיט די שטערען אַראָבציהען צו זיי אין טייכעל די שעהנע בלויע, הימלען, — פלעגען זיי צושוויימען צום ברעג און טרוימען...

די קאַלטע ווינטער טעג זיינען פאָראיבער געגאַנגען, די זונן האָט זיך אויפגעהויבען הויך איבער די בערג און דער ווייסער פעסטער שנעע איז געוואָרען שוואַרץ. ער איז ביי זיך אַראָפּגעפאַלען און האָט

אנגעהויבען צו פערשווינדען. פון די בערג האבען זיך געגאסען שטראָמען וואסער אראב אין טיעפען טאָל. די טייכעלע האט אנגעהויבען זידען און רוישען, פליסענדע ווערען האבען אויפגעכאפּט די צוויי קליינע פישעלעך און האבען זיי אוועקגעטראָגען פון זייער פריעדליכער שטילער היימאטה ווייט, דורך פרעמדע לענדער צום גרויסען אקעאן...

מיט א גרויסער געפילדער און ליארעם טראָגט זיך די טייך ווייטער און ווייטער, צוגיסט זיך ברייטער, שניידט זיך אריין אין די הויכע ברעגען... וואו זי בעגעגענט אין וועג א הארטען פעלז קעהרט זי אראָפּ אָן א זייט און געהט ווייטער מיט'ן וועג צום ים הגדול... מיט'ן שטראָם טראָגען זיך די דערשראָקענע פישעלעך געגען זייער ווילען, זיי זעהען צו ערשט אלטע ווילדע וועלדער און דאן פעלדער פערזייטע, ווייטער גרויסע שטעדט מיט פיעל פאבריקען און הויכע קוימענעס... ענדליך דערהערען זיי ווי עס שטורעמט, רוישט און ברויזט דער גרויסער אקעאן...

א גרויסער וואל פון מעער איז זיי געקומען אנטקעגען און האט זיי א ווארף געטאָן אָן א זייט... זיי זיינען פערביי געשוואומען פערביי א גרויסע געטין מיט א לאנטערנע אין האנד, האבען זיך דורכגעטראָגען אונטער א גרויסען צויבערישען בריק, וועלכער איז געהאנגען אין דער לופטען און האבען זיך אבגעשטעלט לעבען א גרויסע פיעל שטאָקיגע געביידע.

זאָגט די קלענערע פישעלע: שוועסטער, ווי עס זעהט אויס, האט עס אונז פערטראָגען אין א לאנד פון מעכטיגע ריעזען און טיטאנען. געוועהנליכע בעשעפעניסען וואָלטען ניט געקענט אריבערוואַרפען איבער'ן וואסער אזא וואונדערבארען בריק איבער וועלכען עס לויפען מיט זייער אייגענע קראפט שווערע קאראָטען... און די גרויסע געטין דאָרט אויפ'ן קליינעם אינזעל, גיט אכט, געוויס, אויף איהרע געטליכע קינדער, זאָרגט פאר זיי און זעהט עס זאל זיי קיין זאך ניט פעהלען....

— ניין, קינד, ניט ריעזען און טיטאנען, אזעלכע מענשען, ווי ביי אונז דאָרט, אין אונזערע שטילע בערג, וואָהנען דא... זעהר גרויסע געטין איז געמאכט פון שטיין און אייזען, איהרע אויגען האבען ניט קיין קראפט צו זעהן און זי האט ניט קיין הארץ צו פיהלען... ניט דער גוטער ווילען, די ביטערע נויטה פעראייניגט זיי אין גרויסע

מאסען, און דאן קענען זיי אויפבויען אזעלכע וואונדערליכע געביי־דעם... ווען מיר, די פיש פון וואסער, זאלען זיך פעראייניגען, וואל־טען מיר ברעקלעך וויז אראבגעטראגען דעם בריק אויפ׳ן גרונד פונ׳ם מעער, און דעם גרויסען אקעאן פון איין ברעג צום צווייטען וואלטען מיר געקענט פערצאמען און קיינעם ניט לאזען זיינע וואסערן דורכשניידען...

ביידע פישעלעך האבען זיך אראב געלאזט אויפ׳ן גרונד און האבען זיך צוגעלייגט אויפ׳ן ווייכען זאמד אבגערוהען זיך פון זייער ווייטען און שווערען וועג.

2.

א שעהנע קלארע נאכט איז געקומען. די פיעל־שטאקיגע געביידע ביים ברעג איז פארגאסען געווארען מיט העלען שיין פון ליכט, וואס האבען זיך אנגעצונדען אין איהרע הונדערטער פענסטער. די גאנצע געביידע האט זיך ווי א צויבערישער פאלאסט אבגעשיינט טיעף אין די קלארע וואסערן און האט געגרייכט ביז׳ן גרונד...

זאגט די קליינע פישעלע: אין דיעזען פרעכטיגען פאלאסט וואהנט געוויס דער גאט פון פרייד. זיינע וועגד זיינען געווים געבויט פון אניקס און סאפפיר, זיינע זיילען פון רובינען און אמעטהיסען, זיינע שיינענדע פענסטער פון דימענטען און בריליאנטען... דו הערסט דעם גערויש דארט? דאס שפיעלען געווים דארט גרויסע גייסטער אויף ציטרען און ארפען... שעהנע פרויען טאנצען בעפוצטע מיט קראנצען פון דופטענדע ראזען און ליליען. און קינדער, שעהנע ווי ענגלען, צוויטשערן ווי פרייע פויגעלעך ביי די רוישענדע פאנטא־נען...

— ניין, קינד, ניט קיין פאלאסט איז דאס, עס איז א דונקעלע הויז געבויט פון ביליגע ציגעל... איינג און שמוציג אין די צימערען... ניט דער גאט פון פרייד, גרויזאמען נויט וואהנט דא. דו הערסט דעם גערויש? דאס רוישען רעדער און האמערס... פערחושכ׳טע מענשע־לעך ארבייטען; די בעגאסענע מיט שוויים, קריינקליכע פרויען פער־בריינגען דא זייערע בעסטע יאהרען, קינדער נאקעטע און הונגעריגע, דא אונטער׳ן שווערען יאך.

די קליינע פישעלע האט זיך פלוצלונג דערשראקען און האט א

געשריי געטאָן: וואָס איז דאָס פאַר אַ שרעקליכע חיה, וועלכע טראָגט זיך פון איין ברעג צום אַנדערען?...

— דאָס איז ניט קיין חיה, דאָס איז אַ שיף מיט מענשען... זיי רוהען דאָ ניט די גאַנצע נאַכט, די נויטה האָט זייער רוה גע־רויבט!...

— פאַר וואָס ביי אונז, ווען זיי קומען צום ברעג, קלינגען שטאַרק זייערע פריילינע שטימען און הויכע געלעכטערס?

— די נויטה לאָזט זיי ניט לאַכען און פריילעך רעדען.

— פאַר וואָס ביי אונז, ווען דער מענש שווימט אויף זיין קליין שיפעלע הילכט וויט אַ שעהנע זיסע ליעד?

— די נויט האָט זייערע ליעדער פערניכטעט...

— איך וויל אַהיים, זאָגט די קליינע פישעלע... איך וויל צוריק...

— אויף אייביג? האָט טרויעריג געזאָגט די קליינע פישעלע און אַ שאַרפער וועהטאָג האָט דורכגעשניטען איהר גאַנצן קערפּערעל, אויף אייביג!... און זי האָט זיך פאַרגעשטעלט די קליינע שטילע טייכעלע בעשיצט מיט הויכע בערג... טהאָלען בערעקט מיט גרינעם אַט־לאַס... וועלדער, וועלכע שטעהען ווי פערטראַכטע... אַ קליין שי־פעלע טראָגט זיך שטיל און דעם מענשענס פרייע ליעד טראָגט זיך וויט איבער'ן טייך און הילכט זיך אָב אויף די הויכע בערג...

— שוועסטער, מיר וועלען שוין קיין מאָל ניט הערען דאָס ליעד?

— דאָס ליעד, האָט געענטפערט די עלטערע און האָט זיך האַס־טיג אַ וואָרף געטאָן אָן אַ זייט. לעבען זיי האָבען אַ גלאַנץ געטאָן צוויי גרויסע אויגען אַ ברייטער מויל האָט זיך געעפענט און האָט בע־וויזען צוויי רייהען שאַרפע ציינער.

די צוויי פישעלעך זיינען פערשלונגען און פערגעסען געוואָרען און אַנדערע פישעלעך טראָגען זיך מיט'ן אייביגען פלוס צום גרוי־סען אָקעאַן...

נ. ב. דיעזע געשיכטע האָבען די וואַסערן דערציעהלט דעם דיכ־טער, ווען ער איז אַמאָל אין אַ שעהנע נאַכט געפאָהרען איבער'ן טייך פון גרענד סטריט צו בראָדוויי פערי פערביי אַ גרויסע צוקער־פאַבריק...

———:———

קאַפע מיט נייעס.

איך פאַנג אָן מיין טאָג אזוי ווי אַן אמת'ער אַמעריקאַנער. איך טרינק קאַפע און קוק אריין אין אַ גרויסע צייטונג. עס רופט זיך: קאַפע מיט נייעס. ווען איך וועל נאָך, אי"ה, מעהר אַמעריקאַניזירט ווערען, וועל איך מסתמא האָבען אויך לאַנטש מיט נייעס, ברעקפעסט מיט נייעס, דינער מיט נייעס, סאַפער מיט נייעס, „אַ רייד" אויפ'ן עלעווייטאָר מיט נייעס און אַ שפּאַציר אין פּאַרק מיט נייעס... דערווייל בין איך צופריעדען, ווען איך האָב נור קאַפע מיט נייעס...

טרעפט זיך אייך אַ מאָל, זאָגט דעם אמת, אויפשטעהן, ווי מע זאָגט, מיט'ן לינקען פוס פון בעט? ... דאכט זיך, וואָס איז אַ לינקע פוס? פון דעסטוועגען האָט זי אַזאַ מאַכט, אַז איהר זייט בייז און איהר ווייסט ניט אויף וועמען, אונצופריעדען און איהר ווייסט ניט מיט וואָס, נערוועז און איהר ווייסט ניט פאַר וואָס. אייך איז שווער אויפ'ן הארצען און איהר פערשטעהט ניט, מיט וואָס איז נעכטיגער טאָג געווען בעסער. מיט איין וואָרט, די לינקע פוס... איהר זעצט זיך צום טיש זופּען אייער קאַפע און פּונקט היינט דערמאָנט איהר זיך, אַז פון דער היים אָן האָט איהר נאָך קיין אמת'ע קאַפע ניט געטרונקען. עס איז ניט קאַפע, עפּעס אַ בורדאַ פון ציקאָריע מיט ביטערע פּולווער מיט קובעבע... די פּוטער איז גאָר קיין פּוטער ניט — חלב, מאַרגאַרין, מיט דער שוואַרץ יאָהר וויים וואָס. מילך איז אַ באַטשווינע פון וואַסער מיט קרייד, מיט מאַגנעזיע... און די צייטונג... איז דאָס אַ צייטונג? אויך ביטערע פּולווער מיט מאַרגאַרין, מיט וואַסער, מיט קובעבע... אוי, די לינקע פוס!...

איך טרינק אָפּ מיין קאַפע און געה צו מיין שרייב טיש... איך וויל מאַכען אַ נוטען חנ'דעלע צו די לעזער, אַ שמייכעל טאָן, דערצעהלען אַ פיינע געשיכטע, „אויסטראַכטען" עפּעס אַ פריילינע סצענ־

קע פון לעבען, אויפמאָהלען א „קאָמישען" בילד פון דעם מענשענס טראַגעדיע... איך קען ניט — די לינקע פוס... וואָס זאָל איך שריי־בען? איך רעכען איבער אלע נייעס, וועלכע איך האָב איינגעשלונגען צוזאמען מיט דער בורדאָ, וועלכע רופט זיך „קאָפּע..." לאָמיך אַקאָרשט זעהן, וועל איך דאָ ניט געפינען א סיוזשעט פאר אן ארטי־קעל? די גאנצע ערשטע זייט איז פערנומען מיט גרייטער ניו יאָרק פּאָליטיק. מיליאָנען מענשען לעזען קאָלטבלוטיג, ווי עטליכע קהלשע־געלד־כאַפּער רייסען זיך און טהיילען זיך אָפּען מיט דער גנבה... קראָוקער זאָגט „איך וויל ניט זיין קיין קאנדידאַט. איך האָב געהאַט מיין טאָג, זאָלען אַנדערע אויך האָבען א גוטען טאָג. קיין פערד, זאָגט ער, וועל איך שוין אויך מעהר ניט קויפען. גענוג פּאָליטיק און גענוג פערד. נאָכדעם, געדענק איך, געהט אן ערקלעהרונג פון סעט לאָו... ער זאָגט, דאָס וואָרט „רעפאָרם" איז פּערמיאוסט, ערניעד־ריגט, פערקריפּעלט... אויף א מיטינג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָט מען געזאָגט, אז די רעדאַקטאָרס פון בודלערישע לאָיאַלע ציי־טונגען, האָט מען געדארפט אויפהענגען אויף א פּאָנאַרנעם סטאָלב... מען בעשרייבט די טרויעריגע לויה פון די ערמאָרדעטע מיינערס... 3550 סאָלדאַטען בעוואַכען די מערדער זיי זאָלען ניט קענען אַרעס־טירט ווערען. די ריכטער געבען ארוים ווארענטס זיי צו פערהאַפטען און די מיליץ היט זיי אָפּ מען האָט געלינטשט א נעגער... ער האָט פערגוואַלטיגט פינף פרויען און האָט דערשאָסען א מענשען פאר דריי־סיג טעג....

אין דער שטאָט באַבילאָן איז דאָ א פרוי, וואָס אמוזירט זיך מיט שרפות... זי האָט פערגניגען צו זעהן, ווי מענשען כאַפּען זיך אויף ביי נאַכט טויט־ערשראָקענע, דער פייער פלאַקערט, קינדער און פרויען שרייען, די גלאָקען קלינגען... טהאָרן און מיסים געק וועלען פּאָרגע־שטעלט ווערען פאר דער דזשורי, און גאָלדענסופּס קאָפּ איז נאָך ניטאָ... א געוויסער מיסטער הופער איז געשוואומען פון טראָי ביז ניו יאָרק, 165 מייל, אום צו ווערען דורכדעם בעריהמט און קריגען א פּלאַץ אין א פינף־סענטיגען מוזעאום... אויף דער ניין און נייג־ציגטער סטריט, איסט, האָט א פּאָליסמאַן געפונען אויף א סטופּ א יונגע פרוי, וועלכע איז געלעגען אין א טייך מיט בלוט. לעבען איהר, איז געלעגען א קינד, וועלכעס איז ערשט געבוירען געוואָרען...

די פרוי האָט געגעבען אַ פאַלשען נאָמען, מיט אַ פאַלשען אַדרעס. און ווען דער פּאָליסמאַן איז געגאַנגען רופען אַן אַמבולאַנס, איז די יונגע קימפּעטאָרין פערשוואונדען... שפּעטער האָט מען די אונגליקליכע געפונען אין אָהנמאַכט אויפ׳ן טראָטואר פון אַ אַנדער גאַס... דער פּראָצעס פון ליטנערט׳ן, וועלכער האָט אָפּגעקאָכט זיין ווייב, ציהט זיך נאָך... אַ בעל־בית פון אַ מוזעאום האָט אָפּגעקויפט פאַר צעהן טויזענד דעם ביטעל, וואו די אונגליקליכע פרוי איז פערברענט געוואָרען... דעם ביטעל וועט מען פיהרען איבער גאַנץ אַמעריקאַ און מען וועט מאַכען געלד... אין ראָטשעסטער האָט אַ געוויסער סמיט ערמאָרדעט זיין ווייב, האָט זיך אליין געבונדען און האָט אָנגעהויבען שרייען: געוואַלד! רעטעט! מאָרד!... אַ יונגע פרוי גאָלדשטיין מיט איהר מאַן האָבען דער׳הרג׳עט אַן אַלטען אידען. דערפאַר, וואָס ער האָט געמאַכט זיעבציג סענט פאַר קוילען... איבער אַכט טויזענד קינדער, זיינען אין ניו יאָרק געבליבען אין דרויסען, וויל עס איז ניטאָ פאַר זיי קיין פּלאַץ אין די סקולס... אין וואָן בורען זיינען זיעבען מענשען דער׳הרג׳עט געוואָרען אויפ׳ן אייזענבאַהן... נור איין ליכטיגען שטראַהל האָב איך געפונען אין דעם גאַנצען פינסטערען יריד פון דעם מענשענס לעבען... איין גוטע נאָבעלע טהאַט... און דאָס האָט געטאָן אַ הונד... אַ זיעבען יעהריגעס קינד איז אריינגעפאַלען אין וואַסער און אַ הונד האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך איהם און האָט איהם גערעטעט...

דאָס זיינען די פּונקטען, וועלכע איך האָב היינט איינגעשלונגען צוזאַמען מיט מיין קאָפע, וועלכע פון זיי זאָל איך אויסערוועהלען פאַר אַ סיוזשעט?... וועלכע נייעס זאָל איך פאַר אייך בעאַרבייטען? וואָס זאָל איך אייך זאָגען וועגען דעם?... עס קען זיין אין אַן אַנדער צייט, וואָלט אין אייך געקענט וואָס איז וועגען די אַלע נייעס זאָגען, אָבער ניט היינט... איך בעט אייך, היינט לאָזט מיך בעסער אָב... אוי! די לינקע פּוס...

—————:—————

אַן אונמוטהיגער אַקאָרד.

עס רעגענט. שווארצע וואָלקענס הענגען נידריג איבער די דונקעלע טענעמענט הייזער. אזוי ווי פון א דורכגעריסענע זיפּ גיסט זיך דער רעגען אויף די שטיינער פון גאַס. אין שטוב איז אזוי פינסטער, אַז איך זעה גאָר נישט ביי מיין שרייב טיש... איך געה צום פענסטער און קוק ארויס אין דעם טרויעריגען „דרויסען" ארויס... עס איז שטיל. זעלטען ווען לויפט דורך א פערבייגעהער, אַן עקספּרעס גיט א שטורם איבער די שטיינער און ווערט גיך פערשוואונדען. איך הער, ביי מיין שכן אין הויז נעהמט אימיצער אויף דער פּיאַנאָ אַן אונמוטהיגען מינאָרנעם אַקאָרד און אַלעס ווערט אנשוויגען.

דער רעגען קלאַפּט מיט א מאָנאָטאָנע רעגעלמעסיגקייט אין די שויבען פון פענסטער. איך גיב א קוק אַנקעגען אויף א גרויסען, פוסטען הויף און דאָס, וואָס איך בעמערק דאָרט, מאַכט מיך איצט נאָך אונמוטהיגער... עס איז שוין פיער יאָהר אַז איך זעה דיזען הויף אַלע טאָג פון מיינע פענסטער... א גרויסער הויף, אַבגעצאַמט מיט געפּארבטע ברעטער, אויף וועלכע עס איז מיט גיגאַנטע אותיות אויפגעשריעבען: „בראונס קאָאל ענד וואוד יארד"... א מאָל איז דיזער הויף געוועזן פול מיט לעבען. גאַנצע בערג מיט פערשיעדענע זאָרטען קוילען זיינען געלעגען אין בעזונדערע אבטהיילונגען. צעהנדליגער מענשען האָבען מיט לאָפּאַטעס געוואָרפען די קוילען אין דער הויך. יעדע מינוט פלעגען ארויספאָהרען פון הויף נייע אָבגעפּארבטע וואָגענס מיט קוילען. געזונטע גרויסע פערד האָבען געהירזשעט אין הויף... אָפט פלעגט די גאַנצע גאַס זיין פערפלייצט מיט הונדערטע „טאַטשקעס", וועלכע פלעגען אָנפילען דעם גאַנצען הויף מיט נייע טראַנספּאָרטען... פרייליכע, מונטערע שטימען האָבען זיך שטענדיג געטראָגען פון דיזען יארד... עס האָט דאָ געקאָכט און גערוישט,

דער הויף איז געווען פול מיט לעבען... ניט נור געשעפטס לעבען, די נאַטור אליין איז דאָ געווען זעהר גוט רעפּרעזענטירט. פון אָפּיס פלעגט אָפּט ארויסלויפען א שטאָלצער ניו־פאונדלענדער הונד און פלעגט זיך שטיפענדיג א וואַרף טאָן אויף די היהנער, וועלכע האָבען פריעדליך געלעבט אין דיעזען קאָהל יארד. עס איז געווען אַזוי אנגע־נעהם צו זעהן, ווי די העהנער האָבען דאָ גע'בעל־הבית'עוועט, האָבען געקעמפּפט איינער מיט'ן צווייטען און האָבען געפיהרט לאַנגע קאָנ־ווערזאַציאָנען מיט די לײדים, די היהנער... איהר מעגט לאַכען, אז איך פלעג דערהערען אָפּט מאָל, ווי די העהנער אנקעגען הויבען אָן קלאַפּען מיט די פליגלען און הויך קעהרען, פלעג איך זיך צו הערען מיט פערגעניגען... אין ניו יאָרק, וואו מען הערט אַזוי פיעל רעד־נערם און אַזוי פיעל פּייפּעריי, אַזוי פיעל טומעל און געפּילדער — פּלוצלונג אַן אמת'ע נאַטירליכע „קוקעריקו!" א נאַרישקייט דאכט זיך, און עס דערמאָנט פאָרט אָן אנדערע צייטען, רופט ארויס לאַנג פער־שוואונדענע בילדער... איהר זעהט א קליין שטעדטעל, א רוסיש דער־פעלע....

צווישען די עופות זיינען דאָ אויך געווען אריסטאָקראַטען. עט־ליכע ריאבע „צעסערקעס" אָדער ווי די דייטשען רופען זיי, פּערלהיה־נער, וועלכע רעדען זעהר הויך... א פּאַרשוין, א פּאַוולין און א נאָ־בעלע פּאַווע... מיט שטאָלצקייט און מיט גאוה פלעגט דער פּאַוולין שפּאַצירען איבער'ן הויף, און מאַכענדיג פון זיינע שעהנע פעדערען א זעלטענע „פּען"... און זי איז געגאַנגען לעבען דיעזען געליעבטען עגאָאיסט מיט שטילע טריט...

נאָך פּאַר א יאָהרען ווינטער איז שוין אויף דיעזען יארד ניט גע־ווען אַזוי פיעל לעבען און בעוועגונג. איצט אָבער איז דאָ שטיל און טויט... די גרויסע בוכשטאַבען פון „בראונס קאָאל ענד וואוד יארד" זיי זיינען אָבגעבליאַקעוועט געוואָרען... אַנשטאָט די גרויסע בערג, ליגט א קופּקעלע קוילען... מענשען ארבייטען ניט מעהר, אויסער איין אַלטען פערשלאָפענעם פּאַרמאַן. אַנשטאָט די געזונטע, פעטע פערד, — איין אַלטע קליאַטשע... ניטאָ קיין היהנער, דער שעה־נער פּאַוולין און פערשוואונדען געוואָרען... שטיל איז דאָ, פּוסט און אונמוטהיג...

די זונן שיינט ווידער.

איך געה צום פענסטער. דער מעכטיגער ווינד טרייבט און שטויסט די שווארצע וואָלקענס... איך קוק אויפ'ן קאָאל יארד און עס איז אזוי אנגענעהם צו זעהן א פרייע שטיקעל פלאטץ, וועלכע איז ניט פערבויעט מיט הויכע טורעמס און וואָהין עס פאלען אזוי פיעל ליכטיגע שטראהלען... דער אלטער בראון, דער קאָאל הענדלער איז טאקע אויף צרות, אָבער וואָס קען מען העלפען? איהם האָט אויפגעפרעסען דער קאָאל טראָסט, אזוי ווי אנדערע קליינע סוחרים ווערען אויפגעפרעסען פון אנדערע טראָסט. געווים יעדער צושטאנד האָט זיינע פּאָעטישע אייגענשאפטען, וועלכע ווערען אויפגעפרעסען צוזאמען מיט די בראונס... אָבר וואָס איז די פּאָעזי, די מינארנע און מאזשאָרנע אַקאָרדען, מיט די שעהנע פאוולין געגען דער אייזערנער, מעכטיגער ווירקליכקייט?...



די פערבלאָנדזעטע נשמה.

(געשריעבען פון דער נאַטור).

1.

ער איז געזעסען אין איינעם פון די בעוואוסטע דאון־טאונער קאַפע סאַלונס מיט א דייטשע צייטונג אין האנד, ווען איך האָב איהם דערזעהן צום ערשטען מאָל. א נידריטשגער מיט ווייס־גרויע זילבער־נע בערדעל, מיט רויטע בעקלעך ווי ביי א דייטשע גרעטכען, מיט א גרויסען אָפּענעם, מיט גערדאנק בעלייכטעטען שטערען ווי ביי דעם גע־לערנטען דאָקטאָר פאוסט, מיט נאאיווע, לעבהאַפטע אויגען ווי ביי א דייטשען בורש, מיט פלינקע בעוועגונגען פון א אינגעל מיט זעהר צוטראָגענע תחתונים און אַן אויסגעריבענעם רעקעל. זיינע פּענסנע האָבען זיך אראָבגערוקט ניעדריג אויפ'ן נאָז און ער איז געזעסען פער־טיעפט אין דעם, וואָס מען שרייבט פון זיין „פאַטערלאַנד"...

דער ווירטה פון קאַפע סאַלון איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט גאַנץ פאַמיליאַר געזאָגט: „הערר פיינקוכען, וועט איהר זאָ גוט זיין און געהן קויפען מיר דריי לעבלעך ווייס ברויט?"

— אָ, יא! אָ, יא, נאַטירליך, מיט פערגניגען, האָט געענטפּערט שנעל דער אונבעקאַנטער. אין אַן אויגענבליק האָט ער אראָבגעכאַפּט זיינע „פענסנע" פון נאָז און אריינגעשטעקט אין בוזעם־קעשענע, געבראַכט אין אָרדנונג זיין האלז־באַנד, ריכטיג געשטעלט זיין ווייסען קראַגען, און אין אַ סעקונדע שפּעטער איז ער געלאָפען פון יענער זייט גאַס איבער'ן טראָטואַר צום בעקער... נאָך בעפאָר דער „ווייטער" האָט מיר דערלאַנגט מיין גלאָז טהעע, האָב איך איהם שוין ווידער געזעהן ביי דעם אייגענעם טישעל, מיט'ן גאַנצען נאָז אריינגעשטעקט אין די נייעס פון זיין פאַטערלאַנד.

— הערר פיינקוכען, זיי האָבען ביי מיר היינט אַ סיגאַרע...

—אָ! אָ, וואָצו?... ערלויבען זיי מיר בעסער איין טאַסע קאַפע און איין שטיקכען ברויט מיט פּוטער... חע! חע! חע!.. צום טייוועל, איך האָב שוין ווידער אַפּעטיט...

דעם צווייטען מאָל האָב איך איהם געטראָפען אין דעם זעלבען „קאַפע סאַלון". אַרום איהם איז געזעסען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע מוזיקער און ער, דער אַלטעטשקער, האָט גערעדט מיט בעגייסטערונג און איז אַרומגעשפּרונגען אויף זיין ביינקעל, ווי אַ אינגעל אַ שטיפער. ער האָט גערעדט, ווי אַן אמת'ער קענער פון קלאַסישע מוזיק. עס האָט אויסגעוויזען, ביי איהם אין קאָפּ איז דאָ אַ ביבליאָטעק פון דער מוזיקאַלישער ליטעראַטור. ער האָט יעדע מינוט דערמאָנט די נעמען פון די בעריהמטע מוזיקאַלישע גאונים און האָט ציטירט, דאָס הייסט געזונגען צעהן־פופצעהן טאַקטען, פון יעדער זייער ווערק. אַזוי ווי פון אַ פאָנטאַן האָבען זיך ביי איהם געגאָסען טיעפזיננינע בעמערקונגען, וויציגע פּאַראַלעלען, וויכטיגע אַרגומענטען, היסטאָרישע פאַקטען, „איך בין אַ דייטשער, מיינע העררן, און שטאָלציר דערמיט. דען מיר דייטשען האָבען געגעבען דער ציוויליזירטער וועלט אמת'ע פילאָזאָפי און אמת'ע מוזיק...

— איהר זייט אַ דייטשער? האָט בעמערקט איינער פון זיינע צוהערער. איהר זייט דאָך אַ יהודי.

— דייטשלאַנד איז מיין פאָטערלאַנד! דייטשלאַנד האָט אייך געגעבען אַזעלכע זשעניען פון געדאַנקען ווי לייבניץ, קאַנט, העגעל און געטע און אַזעלכע זשעניען פון האַרמאָני ווי סעבאַסטיאַן באַך, הענדעל, גליוק, מאָצאַרט בעטהאָווען, האַידען, שפּאָר, וועבער, מענדעלזאָן און שומאַן...

— נו, און וואַגנער'ן רעכענט איהר גאָר ניט?

— יאַ, וואַגנער איז אויך אַ זשעני, אָבער איך ליעב איהם ניט... ער האָט בעהאַנדעלט די מוזיק ווי אַן אַנאַרכיסט... וואַגנער מיט זיין מוזיק דער צוקונפט איז קיין נייעס ניט אין דער מוזיקאַלישער וועלט. דער גרויסער גליוק האָט אויך געזאָגט, דאָס אַן אָפּערא ברויכט צו זיין נור אַ מוזיקאַלישע דראַמאַ... ער האָט אויך געקעמפּפט געגען די איטאַליענישע שאַרמאַנקע מוזיק, מיט עפעקטען, מיט זיסע אַריען, וועלכע האָבען קיין צוזאַמענבונד ניט מיט דעם געדאַנק און

בעדייטונג פון די ווערטער... אָבער מיינע העררן, גליוק האָט געוואָלט די וואהרע דראמא זאָל דיענען דער מוזיק און וואגנער האָט ערניעדריגט די מוזיק און האָט געזאָגט: די מוזיק דארף דיענען דער דראמאַ... יא, וואגנער איז גליוק׳ס נאָכפאָלגער פונקט ווי שומאַן און מענדעל־זאָן בארטאלדי זיינען די נאָכפאָלגער פון דעם גרויסען באַך. נעהמט צום ביישפיעל באַך׳ס בעריהמטע קאנטאטע „איך האטטע פיעל בעקימערנים...״ איז אייך בעקאנט דאָ דער פלאַץ, וואו עס פאנגען זיך אן דיעזע פוגען? ... ער האָט אָנגעהויבען זינגען מיט זיין הייזע־ריגע שטימע, מאַכען די הענד קלאפען טאקט מיט די פיס... אין א מינוט ארום האָט ער שוין ציטירט פון בעטהאָווענס נייענטען סימפאָ־ני, שפּעטער האָט ער „געפּייפט״ פון וועבער׳ס „אָבעראָן״.

דעם דריטען מאָל האָב איך איהם גאַנץ אונערווארטעט באגעגענט אין אן אָרעמען רעסטאָראַן. ער איז געזעסען אין א ווינקעלע און האָט געשפּיעלט אויף א זאָנדערבארען מוזיקאלישען אינסטרומענט, וועל־כען מען האָט ניט געקענעט אָנרופען ניט מיט׳ן נאָמען פליימע, ניט פּיקול, ניט פייפעלע... נאָכ׳ן שפּיעלען האָט יעדער פון זיינע צוהע־רער געלעגט א פעני אָדער צוויי לעבען איהם אויפ׳ן טיש. איך האָב מיך בעשלאָסען, ערפאהרען גענוי ווער איז ער, דיעזער מערקוויר־דיגער דייטשער יהודי.

.2

דיעזער אלטער יונגער־מאנטשיק איז אלט פינף און זעכציג יאָהר. ער איז נאָך א בחור און האָפּט מיט דער צייט, ווען זיין „גרוי־סע״ ענטדעקונג וועט אנערקענט ווערען, חתונה צו האָבען מיט א שעהנע יונגע אלמנה. ער טרוימט פון ליעבע ווי א זיעבצעהן יעהרי־גער בחור׳על, און גלויבט ערנסט, דאָס זיינע גליקליכע יאָהרען וועל־לען נאָך ערשט קומען. דערווייל הונגערט ער, געהט זעהר אָרעם גע־קליידעט, ערניעדריגט זיך אום צו פערדיענען א שטיקעל טרוקען ברויט און נעכטיגט שוין זעקס יאָהר אלץ אין איינעם פון די אָרעמסטע „לאָדזשינג״ הייזער אויף דער בויערי, וואו מען נעהמט ביי איהם פופצעהן סענט פאר א נאכט.

ער שטאמט פון זעהר א רייכע פאמיליע. אלע זיינע קרובים זיינען געשיקטע קויף־לייטע און ער אליין האָט אויך געהאט א פערמעגען

פון דרייסיג טויזענד דייטשע טאַלער... ער איז אָבער צווישען די סוחרים און הענדלער געווען א פערבלאָנזשעטע נשמה — די נאַטור האָט אין איהם איינגעהויכט אַ ארטיסטישען גייסט מיט אַ אמת'ע איבער־געבענע ליעבע צו וואהרע קונסט; בעזאָנדערס, צו דער הימלישער מוזיק... מיט וואָס איז דער מענש געווען בעשעפטיגט זיין גאַנצעם לעבען, — קען מען וויסען דערפון, וואָס ער קען אויסווענדיג אַלע קווארטעטען פון היידען, אַלע אראַטאָריעס, אַלע גרויסע סימפאָניען, אַלע קאַנטאַטען, אַלע מעסעס, אַלע בעריהמטע קלאַסישע אָפּערען. ער האָט זיך אינטערעסירט נור מיט איין זאַך — מיט מוזיק. אַזא געשעפט ברענגט ניט קיין פּראָפיט — ער איז גיך געוואָרען א קבצן. איהם האָט עס ווענייג געקימערט ער איז געווען אַזוי גוט בעקאַנט אין די מוזיקאַלי־שע קרייזען, דאָס מען האָט איהם אָהן געלד געלאָזט אויף אַלע אָפּערן־פאָרשטעלונגען, אויף אַלע קאָנצערטען און סימפאָנישע אבענדען. וואָס נאָך האָט ער געדאַרפט?...

ער האָט געקענט, געליעבט, געפּיהלט די מוזיק און איז אָבער אַליין געווען זעהר א שוואַכער מוזיקער. ער האָט געשפּיעלט אויף א פלייטע, ווי אַ געבילדעטער אַמאַטוער קען שפּיעלען... מיט געפיהל, מיט געשמאַק און אָהן טעכניק. איז פּלוצלונג איהם איינגעפאַלען א געדאַנק: ערפינדען אַזא מוזיקאַלישען אינסטרומענט, וועלכער זאָל זיין איינפאַך ווי די אינסטרומענטען אויף וועלכע אונזערע אור־עלטע־רען, די פּאַסטוכער האָבען געשפּיעלט און וועלכער זאָל אין דער זעל־בער צייט בעפריעדיגען אַלע פאָדערונגען פון דער מוזיקאַלישער ווי־סענשאַפט. יאָהרען, צעהנדליגע יאָהרען פון זיין לעבען זיינען פער־שוואונדען פאַר איהם אונבאַמערקט. ער האָט געאַרבייט, געפּלאָנעוועט, געמאַכט מאָדעלען, געטראַכט און ענדליך — ער האָט איצט א היל־צערנע פייפעלע, אויף וועלכע ער שפּיעלט טאָנען און האַלבע טאָנען, אַ פייפעלע וועלכע אין זיינע אויגען, דאַרף זיין גערעכענט ווי איינע פון די גרעסטע ערפינדונגען פון אונזער יאָהר הונדערט. ער גלויבט אין זיין ערפינדונג, אָבער די פּראַקטישע מענשעלעך דאָרט אין איי־ראָפּאַ און אויך דאָ אין אַמעריקאַ ווילען ניט גלויבען... און ער שפּיעלט אויף זיין פייפעלע „דערוויילע" אין רעסטאָראַנען פאַר עטליכע סענטען. שלאָפט אין אַ לאָדזשינג הויז, בעדיענט דעם רעסטאָראַן־קיי־פער פאַר אַ טאַס קאַפע, פערנעהט זיך אַליין יעדען טאָג זיין צור־

פוילטען קאָסטיום, און איז דאָך לעבעדיג, מונטער, פריילין און פול מיט האָפנונגען. די מוזיק בעגייסטערט איהם, די גרויסע קלאַסיקער האַלטען איהם שטענדיג העכער פון דער ווירקליכער אָרעמער וועלט.. ער לעבט אין די ספערען פון סימפּאָני און האַרמאָני און הערט דעם דלות ווי דעם פאַר אַ יאָהריגען שנעע...

ווי אַזוי קען ער זיך פיהלען עלענד, פרעמד און נע־ונד, ווען ער האָט אַזעלכע טרייע קאָמעראַדען, ווי הענדעל, מאָצאַרט און בעטהאָווען? ... וואָס קען איהם שרעקען דער אָרימער, שמוציגער לאָדזשינג־הויז, ווען זיין גייסט רוהט אימער אין דעם טעמפּעל דער קונסט?... ער דערמאָנט דעם אַלטען, דייטשישען פּיאַניסט אין איינעם פון טורגעניעווס ראָמאַנען, וועלכער איז פערבלאָנזעט געוואָרען קיין רוסלאַנד, וועלכער האָט געלעבט צווישען פרעמדע מענשען און האָט זיך געהאַט זיין אייגענע וועלט פון וואַהרע קונסט און האַרמאָני... ער האָט טריי געליעבט און אמת געלויבט און איז געשטאָרבען אַן עלענדער אין דער פרעמד... ער איז געוועזען אין אונזער פּראַקטישער, מאַטעריאַליסטישער, שמוציגער וועלט אַ פרעמדע, פערבלאָנזעטע נשמה...

פיער בריעף.

אין דער טאשע פון א בריעפטרעגער זיינען געלעגען פיער בריעף איינער לעבען אנדערען ווי פיער גוטע שכנים. אלע זיינען געווען אד־רעסירט קיין איירא‌פא, אלע אין גלייכע קאנווערטען, אלע מארקעס פון יונייטעד סטייטס אף אמעריקא, אין אלע פיער בריעף איז געווען געשריבען די ווארהייט און יעדע ווארהייט איז געווען אזוי ווייט איינע פון די אנדערע ווי דער הימעל איז ווייט פון דער ערד, און דאך האט מען פאר יעדער ווארהייט נור פינף סענט בעצאהלט זי זאל עקס־פארטירט ווערען אין דער אלטער איירא‌פא אריין.

דער ערשטער בריעף איז געווען קיין ווינא. די ווארהייט איז דארט געוועזן אויסגעדריקט בזה הלשון:

טייערער קאמעראד! די גרויסע געדאנקען דער פרייהייט פראָ־פאגאנדירען זיך דא אפען. די ארבייטער בעוועגונג שטארקט זיך מיט יעדען טאג, אלע אונטערדריקטע פעראייניגען זיך און פארברייטען זיך צום קאמפף. פאנאטיזמוס איז פערניכטעט געווארען. די אלע רעלי־גיאנען זיינען דא אין אמעריקא גאנץ שוואך און שפיעלען קיין פאלי־טישע ראלע ניט מעהר. דא אין אמעריקא זעהט מען שוין דייטליך אז די רעליגיאן איז אן אלטע באבע אהן ציין, זי קען ניט קייען און קען ניט בייסען. קלוגע מיינונגען פערשפרייטען זיך צווישען פאלק, די ריינע וויסענשאפט וואקסט און ווערט שטארק מעכטיג.

דיין פריינד בראווערמאן.

דער צווייטער בריעף איז געגאנגען קיין רוים:

הייליגער פאפסט! די גרויסע געדאנקען פון קאטאליציזמוס פראפאגאנדירען זיך דא גאנץ אפען, אונזער קירכע פערשטארקט זיך

מיט יעדען טאָג. פיעלע קאַטאָלישע פעראַייניגען און געזעלשאַפטען גרינדען זיך דאָ אַלע וואָך. יעדער מאָנאַט וואַקסען הונדערטער נייע קירכען־געביידעס, וועלכע קאָסטען מיליאָנען דאָלארס. דער פאַנאַטיז־מוס לעבט אין די הערצער פון פאָלק אונד די רעליגיאָן איז מעכטיג. אונזער קאַטאָלישע קירכע וועט שפּיעלען אין גיכען די גרעסטע פּאָ־ליטישע ראָלע אין אַמעריקא. די אַלטע מיינונגען זיינען צווישען די מאַסען אָבגעהיט מיט אויפערזוכט און די אַפּיקורס'ישע וויסענשאַפטען זיינען שוואַך, ווי זויג־קינדער, זיי האָבען נט קיין ציין צו קייען און צו בייסען. אונשטערבליך איז די רעליגיאָן.

קאַרדינאַל סאַטאָלי.

דער דריטער בריעף איז אַדרעסירט קיין מאָסקווא.

ליעבער פריינד, איך בין גאַנץ צופריעדען מיט אַמעריקא. געשעפ־טען קען מען דאָ מאַכען פונקט ווי ביי אייך. אז מען שמירט פאָהרט מען דאָ גראַדע ווי אין רוסלאַנד. פּאָליציע נעהמט כאַבאַר, קרעדיט איז דאָ, אָנזעצען קען מען צוויי מאָל אין אַ יאָהר, ברענען איין מאָל אין צוויי יאָהר, גאָלען די באָרד אַלע זונטאָג אונד הערען אַ פּרעדיגט פון אַ רעפאָרמירטען רעוורענד אַלע ראש השנה. אַן אָפּערא האָבען מיר דאָ אין אונזער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא הויז אַ בעסערע ווי ביי אייך און פריי בין איך ווי אַ יונקער, איך מאַך גוטע ביזנעס, רויכער האַ־וואַנער סיגאַרען און מיינע קינדער לערנען ביי פּראָפעסאָר פעליקס אַדלער אין זיין מוסטער שולע. דיין פריינד קויפמאַן.

דער פיערטער בריעף איז געגאַנגען קיין דרוע, וויטעבסקער גו־בערניע.

ידידי משה! וואָס זאָל איך דיר שרייבען? אויף אונזער שפּראַך הייסט עס: מען מאַכט אַ לעבען אין אַמעריקא און ביי אייך זאָגט מען פשוט: מע ליגט אין דער ערד און מען באַקט בייגעל. איך אַרבייט פון פריה מאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט, אַלע קינדער אַרבייטען, אפילו די קליינינטשקע לויפען אַרום מיט פּייפּערס — און וואָס האָ־בען מיר? אַ מכה, שונא ישראל! שולען, מקואות, רבנים מיט דרשנים

האבען מיר דאָ מעהר פון אייך, אָבער נחת נאָך ווענינער. מיר וואַלגערן זיך אין ענגע אַלקערלאַך, עסען פערשימעלטע הערינג און די פּאָליציי פרעגט ניט קיין פּאַספּאָרט און טרעט אויפ'ן קאָפּ. טרויעריג ציהען זיך די טעג — מען שטעהט אויף אין דער פריה צו דער ארבייט, און מען לייגט זיך שלאָפען מען זאָל ווידער כוח האָבען אויפצושטעהן אר־בייטען. בלאָטע און שמוץ האָבען מיר גענוג, מעהר ווי אין דרוע, אָבער די זונן האָב איך נאָך ניט געזעהן אין אמעריקא, מיט קיין פרישע לופט האָט נאָך מיין הארץ ניט געאָטעמט און קיין גרינע בוי־מעלע האָט נאָך מיין אויג ניט בעגעגענט. מען שטופּט אָב די וועלטעל, די לעצטע כוחות ווערען פערלאָרען, די פיס אויסגעקרימט, די ברוסט אויסגעדארט, דער מארך פון די ביינער אויסגעטרוקענט, די אויגען ווערען שלאָף און קראַנק... און וואָס וועט זיין דער תכלית? ווען וועט זיין אַן ענדע צו די צרות?

ידידי משה מיין פּלוניתטע שרה־פרומע איז אַלט און גרוי געוואָ־רען... פער'חושך'ט, פערשוואַרצט, די קינדער אָבגעריסענע, אָבגע־שליסענע, באָרוועסע, נאַקעטע לויפען אום מיט די ווילדע יונגאַטשעס און איך זיץ און נעה, און נעה, און נעה!... איך וועל נעהען ביז דער מלאך המות וועט זיך ערבאַרעמען איבער מיר, וועט קומען און זאָגען: אמעריקאנער סיטיזען! גענוג ארבייטען! קום רוהען אין ענגען פינס־טערען גרוב... און עס קען נאָך זיין, אַז איידער איך וועל טרעפען אין קבר אריין וועלען דאָקטוירים ערגעץ אין אַ האָספּיטאַל צושניידען מיין ארעם הארץ אויף שטיקלעך און צוברעכען מיין אונגליקליכען קאָפּ אויף ברעקלעך. פריינד מיינער, די טרער וואָס איצט אראָבגעפאַלען אויפ'ן בריעף דאָס איז מיין זיעגעל, דאָס איז אַ חתימה פון אַ קבצן, דיין פריינד שוויגמאַן.

די נייע קאַפּערייּשאָן.

אין האָלסייל געשעפט פון מר. דייוו רעשעסקעס (דוד יאַסקעס בל"ז) איז שטיל. די קלערקס שטעהען אָבגעזונדערט און וואַגען ניט צו רעדען הויך; די שעהנע בוכהאַלטערין לינא, וועלכע האָט שטענדיג די פּריווילעגיע צו לאַכען אין סטאָר, — לאַכט ניט היינט; ער, דער באָס אליין, מר. דייוו דזשעסקעס, זיצט מיט אַן אַראָבגעלאָזענע„ נאָזע" און מיט אַ פערלאָשענעם סמוקער אין האַנד. מען קען מיינען, מר. דזשעסקעס פּלאַנעוועט איצט ווי צו מאַכען אַ פייער, אָדער צו שפּיעלען אַ טריק די קרעדיטאָרען, אָדער ווי צו קורירען זיך פון דיספּעפּסיע. אין דער ווירקליכקייט אָבער זיינען די געדאַנקען זיינע ווייט פון פייער און דיספּעפּסיע. ביי איהם איז אַלעס אָלל רייט אָבער ניט אָלל רייט איז מיסיס דייוו דזשעסקעס. זי איז געקומען, ניט פאַר אייך געדאַכט, פון דער קאָנטרי מיט אַ בים און האַלט זעהר שמאָל...

מענשען! נעהמט אייך אַראָפּ אַ מוסר פון מיסיס דזשעסקעס, פאַר דער קאָנטרי האָט זי געהאַט, קיין עין הרע, צוויי הונדערט און אכט און פופציג פונט און נאָך דער קאָנטרי איז זי געקומען ביט צוויי אָקעס פלייש און שמאָלץ מעהר. אויף דער פּיאַזע אין האָטעל איז פאַר איהר געשטאַנען אַ ראָקענטשער עקסטרא סייז. ניט אַנדערש ווי בע־האַנגען און בעפּוצט מיט אַלערליי דזשועלערי פלעגט זי זיצען אויף דער פּיאַזע און שאָקלען זיך ביז דער גלעקעל האָט גערופען עסען. אָבגע־געסען — ווידער געשאָקעלט זיך ביז דער גלעקעל האָט גערופען עסען, ווידער אָבגעגעסען און ווידער געראָקט זיך, און ווידער געגעסען און גע־ראָקט זיך ביז'ן שלאָפען... אויסגעשלאָפען זיך און געראָקט זיך ביז'ן עסען. פּלוצלונג איז געקומען אויף דער פּיאַזע צופליהען אַ קליינע חיה'לע „זים, זים זים" האָט געזשומט און געזוכט אַ פּאַסענדע סטאַנציע. מרס. דזשעסקעס גלאַנצענדע באַק האָט געוואונען איהר סימפּאַטהיע.

די באָק האָט באַלד אָנגעהויבען צו צונעהמען און צו צונעהמען און די דאָקטוירים זאָגען: עס קען אַזוי לאַנג צונעהמען, ביז וואַנען עס וועט צונעהמען אין גאַנצען, אַי! וואָס איז אַ מענש!...

זיצט מר. דייווו דזשעסקעס און טראַכט ערנסט און שטאַרק: אַ פּיונירא‏ל, ער — אַן אַלמן, שעהנע בוכהאַלטערין לינאַ, פּערד און דרייווערס פון סטייבעל, ברידער פון לאָדזש, אַן אונטערטייקער, אַ רעווערענד, קרענצע פון די קינדער, פון די קלוירקס, אַלע שכנים קוקען, פּיעל קערעדזשעס, אַ שעהנער פּאַראַד...

ער גיט אַשווערען זיפץ, די נאָזע אַקאָמפּאַנירט צו און גיט אַ פּייף, די קלוירקס האַלטען זיך ווי ערנסטע מענשען, נור די שעהנע בוכהאַלטערין לינאַ שיסט אויס מיט אַ פערדריקטען קוויטש, פאַר כאַפּט זיך באַלד און וויל אריינשרייבען אין בוך נאָך אַ נול. די פעדער אָבער מאַכט אַ בולבע און לינאַ בלייבט ערנסט.

2.

מרס. דזשעסקעס איז געשטאָרבען — ברוך דין אמת! אַ קערעדזש פול מיט בלומען פיהרט זי איבער׳ן טייך קיין ברוקלין, נאָכ׳ן ברמנן ציהט זיך אַ לאַנגער צוג מיט קערעדזשעס, אין וועלכע עס הערען זיך פרעהליכע, קינדערשע שטימען און זעהען זיך פיעלע צופריעדענע פנים׳ער. עס איז קיין חדוש! אין אַמעריקאַ פאָהרט מען אין קערעדזשעס נור צו דער לויה אָדער צו אַ חופה. און יעדען פרעהט דאָס פערגעניגען צו האָבען אַ „פרי רייד״...

אין ערשטען קערעדזש פאָהרט נעבעך דער אַלמן, מר. דזשעסקעס און מיט איהם דער ראַבינער פון דער קאָנגרעגיישאָן „אנשי בני רצוצים״, רעווערענד מאָזעס קלאַטשקע. מר. דזשעסקעס זיפצט און רעווערענד קלאַטשקע רויכערט איין אמת׳ן עבטען „שנאָר״ סיגאַר.

אָח, הערר ראַבינער! זאָגט מיט אַ וויינענדיגע שטימע מר. דזשעסקעס, זי איז געווען אַ פרוי, אַ זעלטענהייט. פערציג יאָהר געלעבט. טשיקען סאַלאַד פלעגט זי מאַכען, פונקט זי זאָל זיין אַ געבאָרענע אַמעריקאַנערין, זי האָט געהאַט אַ רוהיגען און אַ געזונטען כאַראַקטער — זי האָט געשוויגען און געגעסען, און איצט...

רעווערענד מאָזעס קלאַטשקע, ביי וועלכען דאָס מויל איז געווען פול

מיט רויך פון זיין סיגאַרע, האָט געפונען אַז פּונקט יעצט פּאַסט ניט אַרויסצולאָזען דעם רויך פון מויל. ער האָט געוואָלט דעם גאַנצען רויך אַראָפּשלינגען און האָט זיך שטאַרק פערהוסט און פערפּערבעט. ביז׳ן היילינגען אָרט האָט דער רויך דעם ראַבינער געקיצעלט און ער האָט ניט אויפגעהערט צו הוסטען: מר. דזשעסקעס האָט געזיפּצעט און די פערד זיינען געגאַנגען מיט קליינע לאַנגזאַמע טריט.

ענדליך איז געקומען די לעצטע שרעקליכע מינוט. דער אָרון איז געשטאַנען לעבען אָפענעם קבר, נאָהענט דערביי דער אַלמן און זיינע קינדער אין טרויער. ביי די אבלות זיינען ניט נור די שוואַרצע קליידער שוין געווען אַרומגעטרימט מיט ווייסע טאַסמעס, נור אפילו די נאָז פאַטשיילקעס זיינען געווען אמת׳ע עכטע טרויער אוניפאָרם, כדת המאָדע. די קרובים האָבען געוויינט, גוטע פריינד האָבען געהאַלטען לאָפּעטעס, יעדער האָט געוואָלט פערדיענען אַ מצוה ביי מרס. דזשעסקעס. דער שמש האָט געזאָגט אַ געדונגענעם יתגדל ויתקדש, די איירי־שע דרייווערס האָבען אַנטקעגען אין אַ סאַלון געטרונקען ביער און גע־קייט טשו טאַבעקאָ, די פערד, בעדעקט מיט וואַרעמע דעקען האָבען געגענעצט און געסקריפּעט, און דער רעווערענד, ביי וועלכען דער רויך האָט נאָך אַלץ געריסען אין האַלז, האָט זיך אויסגעהוסט, לאַנגזאַם אויסגערייניגט זיין סאָלידע דייטשע נאָזע מיט אַ גרויסען ווייסען שנופּ־טוך און האָט אָנגעפאַנגען:

„ברידער און שוועסטער! דער קעניג דאַוויד האָט געזאָגט: היודך עפר (האיאָדך האפאר) גאָט אָוּ איזראַעל, קען דיך לויבען אַש? ברידער אונד שוועסטער, בעטראַכטעט דיעזע טויטע פרוי, וואַרום ווען מען זעהט פאַר זיך אַ טויטען, פערשטעהט מען, דאָס ווען מען שטאַרבט, לעבט מען שוין ניט מעהר, אָה! ניין! זי איז געווען אַ שטילע, אַ פיינע, אַ גוטע, אַ ליעבענסווירדיגע, אַ טוגענהאַפטע פרוי, אַ מוסטער פון אַ מוטער, אַ געבילדעטע נאָבעלע בת ציון, אַ פרוי איזראַאיליטין, אַ צדקות אונד דאָך, אַז מען שטאַרבט איז מען געשטאָרבען, יו קענט העלפּ איט. אַ גרויסער פילאָזאָף האָט אַ מאָל געזאָגט: איך גלויב ניט אין גאָט, אונד דאָך ווען ער איז געשטאָרבען איז ער געווען טויט. נון, וואָס איז פילאָזאָפי? אַ מיליאָנער האָט אַ מאָל געפּראַהלט: ער איז רייך, אונד דאָך, ווען ער איז געווען טויט, האָט ער מעהר ניט געלעבט. נון, וואָס איז רייכטום? אַ גרויסער העלד האָט אַ מאָל זיך

בעריהמט: איך בין שטארק, אונד דאָך ווען ער איז געווען טוידט, איז ער געווען אַ געשטאָרבענער. נון, וואָס איז שטארקייט? וואָס איז איבערהויפּט אַ מענש, וואָס איז אַ וואהרער איזראעליט? זאָל איך דיע־זער געמאהל, וועלכער בעוועגט יעצט זיינע פערלאָרענע געמאהלין זיין צום ביישפּיעל: ער איז איין טרייער איזראעליט, אַ גוטער ביזנעס מאַן, איהם האָט יעצט גאָט געהאָלפען, זאָל דער אַלמעכטיגער אַזוי העלפען אַלע אידען ונאמר אמן".

וועהרענד דער ראַבינער האָט געהאַלטען זיין מערקווירדיגע רעדע, האָבען אַלע ביטער געוויינט און מר. דזשעסקעס האָט זיך געווענדעט צו זיינע קלוירקס מיט אַ יאָמער־געשריי: „איהר זעהט, וואָס אונזער סוף איז? איך דאַרף ניט מעהר. וואָס דאַרף איך רייכטהום? וואָס דאַרף איך זיין אַ העלד? וואָס דאַרף איך זיין אַ פילאָזאָף? נאַ מאַר!... איך קען מעהר ניט אונד וויל מעהר ניט פיהרען קיינע ביזנעס... נעהמט דעם סטאָר... פיהרט. האַנדעלט. זאָלען מיר זיין אַ קאָאָפּערייישען! אַ נייע קאָאָפּערייישען! אַה! מיין ווייב! מיין סעראה!... וואָס דאַרף איך, ווען זי איז ניטאָ?"

3.

אין סאַלון האָבען אַלע גענומען צוביסלעך וויסקי, פערביסען מיט קעז און שפּעט ביי נאַכט איז מען געקומען אהיים.

אין דער פריה האָט מען פון סטאָר אַראָפּגענומען די טרויער אַנאָנסע. די קלוירקס האָבען זיך געשטעלט אויף זייערע פּלעצער און לי־נאַ די בוכהאַלטערין האָט זיך געזעצט ביי איהר דעסק און האָט בעציי־טענס אָנגעהויבען קנייפּען איהר לאַנדש, קייען און לאַכען. מר. דזשעסקעס איז געקומען אין סטאָר שפּעט. ער האָט געהאַט זעהר אַ זויערען און בייזען פּנים. אויף זיין צילינדער איז געווען אָנגענעהט אַ שוואַרצע שטיק טרויער טוך. פאַר וואָס טוט איהר גאָר ניט? האָט ער אַ געשריי געטאָן צו די קלערקס, איהר קענט זיך ניט געפינען קיין ארבייט?

לינאַ האָט אַ לאַך געטאָן און האָט אויסגעשריען: זיי מיינען, דאָס זיי זיינען מיט אייך יעצט פּאַרטנערס. יו נאָ, אַ נייע קאָאָפּעריי־שען...

„אַ קאַפּריישען מאַכען אונד שותּפים זיין איז גוט דאָרט, אויפ'ן בית עולם. דאָ אָבער, עוועריבאַדי מיינד יאָור ביזנעס..."
מיסטער דזשעסקעס האָט עס געזאָגט מיט גרוים ווירדע און האָט זיך צוגעבויגען אַ קוק טאָן אין בוך, וואָס לינאַ שרייבט. זייערע אויגען האָבען בעגעגענט און ביידען איז געקומען אַ געדאַנק פון אַן אַנדער קאַפּריישען...

איהר קענט איהם?

(א סיליועט).

ער זידט, ער קאָכט, ער וואַרפט זיך אויף אַלע זייטען, ער איז שטענדיג פערגומען, שטענדיג צוהיצט, צופלאַקערט... וואו עס איז נור דאָ א „גוטע" סאָסייטע, דאָרט איז ער א מעמבער. וואו עס נור א נוצליכע אונטערנעהמונג, דאָרט איז ער א פלייסיגער מיטהעלפער. יעדען אבענד האָט ער דריי — פיער מיטינגען, וועלכע ער מוז „אטענדען", פינף—זעקס דעבאַטען אין וועלכע ער דאַרף נעהמען אן אנטייל. אויף יעדע פערזאַמלונג איז ער מיט דער אָפּאָזיציאָן, מיט דער שוואַכער מינאָריטעט, וועלכע שטעהט פאַר גערעכטיגקייט. ער איז דער ערשטער צו ווערען ענטציקט פון אן אמת'ן וואָרט, דער ערשטער צו אפּלאָדירען יעדען גוט געמאַכטען פּאָינט; דער ערשטער צו שרייען „פּע", ווען מען רעדט ניט צו דער „אמת'ער זאַך"...

ער זוכט ניט קיין כבוד, ווייס ניט פון קיין חכמות, איהם האַרט ניט, אַז מען לאַכט פון איהם אונטער. ער בעלעדיגט זיך ניט, ווען מען פערטשעפּעט איהם אין א דעבאַטע. ער איז א מענש אָהן א גאַל, פון זיינע ליפּען געהט ניט אראָפּ דער גוטער שמייכעלע אין זיינע פריינדליך־קוקענדע, גרויסע און א ביסעל נאַררישע אויגען לייכט זיך שטענדיג א פייעריל פון גוטמוטהיגקייט. ער איז קיין מאָל ניט מיעד צו דיסקוטירען און צו אַרגומענטירען. פאַר „זיין" צייטונג, פאַר זיין געליעבטען שרייבער, פאַר זיינע פרינציפּען איז ער בערייט צו שטרייטען אין „זיין" קאַפע סאַלון ביז טאָג, ביז ער ווערט הייזעריג, ביז זיין אָפּאָנענט וועט אנטלויפען פון איהם, ווי א פער'סם'טער... דאַרף מען אימיצען שיקען, דאַרף מען ארומגעהן פערקויפען מיט „טי־קעטס", שטעהן ביי דער טהיר, לויפען נאָך א „פערשפּעטיגטען" רעדנער, קריגען אייז־וואַסער פאַר'ן אָראַטאָר, צוזאַמען קלייבען עטליכע

גראָשען צו סעטלען אַן אונערוואַרטעטען דעפיציט, — ער איז דאָ, זיין האַנד איז די ערשטע צו דערלאַנגען אַ קוואָדער, זיין שטימע איז די ערשטע צו שרייען „יאַ...״ אַ ניט דאָ געדאַכט זיצט אין איהם, וועלכער שטויסט איהם צו קהלשע אַרבייט, און לאָזט איהם ניט רו־הען, לאָזט איהם ניט אָטהעמען.

מעהר פון אַלץ איז מען איהם מקנא, וואָס איהם לעבט זיך גוט. שטענדיג איז ער זאָרגלאָז, קיין מאָל קלאָגט ער זיך ניט, אַז איהם איז שלעכט. צו יעדער צייט לאַכט ער מיט׳ן גאַנצען האַרצען און עס האָט זיך נאָך ניט געטראָפען, ער זאָל ניט געבען מיט׳ן פולען האַנד, ווען מען דאַרף. עס איז וואַהר, זיין גוטעס אָפּענעס געזיכט ווערט קיין מאָל ניט פערוואָלקענט מיט אַ טרויעריגען געדאַנק. ווען ער איז צווישען מענשען, ווען ער איז בעגייסטערט, ווען ער פערגעסט זיך. אָבער ווען ער קעהרט זיך אום שפּעט אין דער נאַכט אַהיים, נאָך אַלע הייסע דעבאַטען, נאָך אַלע קהל׳שע ערפאָלגען און גרויסע זיעגען, ווען ער שטעלט זיך אָפּ אין אַ ווינקעלע און זוכט איבער אַלע קעשענעס, צו איז איהם געבליבען כאָטש עטליכע סענט פאַר זיינע געליעבטע קינדערלעך, ווען ער גיט זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ ביים האַרצען און ביים קאָפּ און גיט אַגעשריי „וועה איז מיר! וואָס טוט מען? וועל איך שוין מאָרגען קריגען אַרבייט צו ניין?״ ווען ער פערבייסט די ליפּען און געהט שטיל אין פינסטערן האָל צו זיינע אָרעמע צימערלעך, ווען ער זיצט עטליכע מינוט אויפ׳ן ברעג בעטעל אַ פערטראַכטער און זיפצט שווער, דאַן איז ער גאָר אַן אַנדער מענש. אָבער ווער זעהט עס און ווער ווייס עס? ער אַליין האָט פיינט פון זיך צו דערצעה־לען.

קענט איהר איהם?

ניו יאָרקער חברה ערב־רב.

חיים באָק.

— איהר קענט איהם?

— וועמען?

— איהם זעלבסט, אונזער גרויסען...

— אונזער גרויסען... וואָס?

— אונזער גרויסען אָרגאַניזאַטאָר, אונזער געפּעהרליכען אגיטאַטאָר, אונזער גלענצענדען אָראַטאָר, מיט איין וואָרט, קענט איהר אונזער בעריהמטען מיסטער חיים באָק, פאָלקס־טריבון און ארבייטער פאָרשטעהער, מענשען פריינד און רעוואָלוציאָן מאכער, פילאָזאָף און וויטצען־זאָגער, ערנסטער שרייבער און קאַטאָוועס טרייבער? קענט איהר איהם? פערשטעהט איהר איהם? שעטצט איהר איהם? א זשעני, א גרויסער טאַלאַנט, א גרויסער העלד, א ערדעלעם הערץ, א דענקענדער קאָפּ — דאָס אַלעס איז ניט גרינג צו פערשטעהן. די קליינע איינפאַכע מענשעלעך ווילען ניט און קענען ניט שעטצען זייערע גרויסע פאָרשטעהער און פיהרער. זיי ווייסען ניט קיין אונטערשיעד צווישען תרח און בלק, צווישען נאַפּאָלעאָן און שבתי צבי, צווישען עדיסאָן און דעם בעל שם. געוויס ווילען דיעזע קליינע מענשעלעך ניט זעהן קיין חלוק צווישען אונזער גרויסען, פּראַכטפאָלען, טאַלאַנטפאָלען, גלענצענדען, איבערראַשענדען, ריעזען־העלדישען (די אלע „קלאַסישע ווערטער האָב איך ארויסגעלאַטכענט פון א אידישער טהעאַטער אפּישע), מיסטער חיים באָק און דעם פּראָסטען גוט בעריהמטען און גוט בעוואוסטען משה לאָקש. דאַרום נעהמען מיר אויף זיך אייך צו ערקלעהרען, ווער איז ער, אונזער מיסטער באָק, וואָס טוט ער, וואָס דאַרף און וואָס ווינשט ער?

שמעו שמים והאזיני ארץ... ניט אַלע מעערען זיינען איין לענג, ניט אַלע בערג זיינען איין הויך, ניט אַלע מענשען האָבען איין געשטאַלט, ניט אַלע קנאַקערס האָבען איין טאַלאַנט. אונזער געליעבטער מיסטער באָק איז אויך אַ מענש פאַר זיך, ווי אַזוי זאָגען די חכמי אומות העולם „אַן און פיר זיך"... פיר זיך הייסט ניט אַז ער פיהרט זיך אַליין ביי דער נאָז. דוקא פערקעהרט, יעדער זשעני, יעדער גרויסער קנאַקער פיהרט שטענדיג ביי דער נאָז די יעניגע, וועלכער דער רבונו של עולם האָט נור צוליעב דעם אַ נאָז געגעבען. יאָ, אַז מיר רעדען שוין יאָ פון נאָז, וועלען מיר אָנפאַנגען פון נאָז. אונזער מיסטער באָק האָט אַ פיינעם און אַ סאָלידנעם נאָז; זיין נאָז איז געוויס אָפּגעקאָפּירט געוואָרען פון איינע פון די טראָמפּעטען, אין וועלכע די אידען האָבען געבלאָזען לעבען די וואַנט פון שטאָדט יריחו. ניט איין פּעםטונג האָט אונזער מיסטער באָק איינגענומען, ניט איין אָפּאָזיציאָן אומגעשטירצט, ניט איין פיינד געצוואונגען צו לויפען פון שלאַכטפעלד, נור דערפאַר ווייל זיין ליעבער נאָז פייפט גוט. איין תקיעה גדולה פון זיין נאָזלעכעל מאַכט, אַז די הערצער פון זיינע צוהערער ציטערען, די אויגען גיסען טרערען, די מיילער ווערען צוריסען, שרייענדיג און די הענד ווערען געשוואָלען קלאַפּענדיג בראַוואָ, מיסטער באָק! בראַוואָ! עס לעבע די גערעכטיגקייט!...

איין שריט איז נור פון גוטס ביז שלעכטס, פון טרויעריגס ביז פריילינכס, און נאָך נעהענטער איז פון מיסטער באָק'ס נאָז ביז זיין מויל, אַך! וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרען מויל ער האָט! ניט אומזיסט לויפען איהם נאָך טויזענדער אַרבייטער, ניט אומזיסט רעכענט ער זיך פאַר איינעם פון די גרעסטע ספּיקערס צווישען אַלע אונטערהויזעןמייקערס, ניט אומזיסט ריהמט זיך מיסטער באָק, אַז ער קען מיט איין שלעפּ איינשלינגען דעם פערפלוכטען קאַפּיטאַליזמוס... אַ! ער האָט אַ מויל!... מיסטער באָק האָט שוין געוואָלט אַ מאָל איינשלינגען דעם קופּעל מיט דעם טורעם פון וואָרלד'ס בילדינג... אַ מצוה אויף זיי, לאָזען זיי ניט זיין קיין קאַפּיטאַליסטען!... און ער האָט דאָס ניט געטאָן נור דערפאַר, ווייל אין „וואָרלד" אַרבייט אַ רעפּאָרטער, וועלכער קען אויך גוט שפּילען אין פינעקיל און איז אַ גוטער ברודער... איבער איין צדיק זיינען געראַטעט געוואָרען סדום און עמורה. דאָס איז ניט קיין גוזמא! הייגט, שטעלט אייך פאָר,

וואָס פאַר אַ זיסע, ליעבע, וואונדערבאַרע, פּראַכטפאָלע, איבערראַ־שענדע, ריזענהעלדישע שטימע עס געהט ארויס פון זיין זיסען מויל! די צוהערער זיצען ניט טויט, ניט לעבעדיג. די הערצער זיינען פערקלעמט, די נשמות זיינען אריין אין די פּיאַטעס, דער אָטעם האָט זיך איבערגע־האַקט, דאָס בלוט איז פערקיהלט... אָט, אָט, וועט פון מיסטער באָק'ס מויל ארויספליהען אַ בת קול, און עס פליהט ארויס...

אָט הערט איהר ווי אַ גאַנצע מחנה היישעריקען צווירקען, אָט ווייזט זיך אייך אויס, אַז עס סקריפּען די רעדער פון אַ וואָגען, וועל־כער מוז שוין זיעבצעהן יאָהר ניט זיין געשמירט, אָט מיינט איהר, אַז עס קוויטשעט אַ קאַץ, וועלכער מען האָט אָנגעטרעטען אויפ'ן עק, אָט הערט איהר אַ געפּילדער, גלייך ווי אַ בעל תפלה שרייט עוזר דלים! דאָס פּובליקום קוועלט, די הערצען קוויקען זיך, די פרויען זיינען זיך מחיה.

„אלע צונגען אין בעוועגונג
אלע לונגען אין ערעגונג"

און מען פּליאַסקעט און מען שרייט: בראַוואָ! עס לעבע דער יוניאָניזמוס! עס לעבע די פרייהייט און גלייכהייט! אַ כפרה וואַנדער־בילד מיט דזשיי גולד! לאַנג לעבען זאָל מיסטער באָק!

ווילט איהר דערקענען אונזער מיסטער באָק אויפ'ן גאַסס? אַז איהר וועט דערזעהן אַ קאָפּ אונטער אַ סטאָוו־פּייפּ, וועלכער וועט אויסווייזען ווי אַ פייג אונטער אַ פּאָקרישקע, און וועלכע וועט פּאַסען צום פּנים אַקוראַט ווי אַ בהמה פּאַסט אַ זאָטעל, אַז איהר וועט דערזעהן אַ מענש, וועלכער ציהט אויס זיין קאָפּ ביז די וואָלקענס און וואַרפט מיט זיינע אויגען פון העסטער סטריט ביז טאַמאַני האָל, אַז איהר וועט בעגעגענען אַ הערר, וועלכער מאַכט אַ רעש, אַז ער געהט אין גאַס, אויף וועלכען מען קוקט, מען טייטעלט מיט די פינגער, פאַר וועלכען ארבייטער פאַלען צו דער ערד און גאַזעטען־מייקערס הויבען אויף זייערע היט, אַז איהר וועט הערען אַז מען זאָגט: אָט דאָס איז ער! אָט דאָס געהט ער! דאָס קומט ער! אונזערער... אונזער רעטער, אונזער פאָרשטעהער, אונזער חכם עתיק, אונזער תקיף, אונזער בריה, אונזער מאַכער... זאָלט איהר וויסען, אַז דאָס איז ער... ער אַליין, אונזער גרויסער, אַלמעכטיגער מיסטער חיים באָק! הוררי! שרייט

הורריי! שפּילט די מאַרסעליעזע! הויבט אויף אייערע פאָהנען! באָק געהט! באָק קומט! באָק זיעגט! הורריי!

— מיט וואָס איז אָבער מיסטער חיים באָק גרויס? האָט ער פיעל געלערענט, געלעזען?

— בעהיטע גאָט! וואו דארף א גרויסער מענש לערנען און לע־זען? א גרויסער מענש איז גרויס ניט דערפאַר, ווייל ער קען און ווייס עטוואָס, א גרויסער מענש איז גרויס דערפאַר נור, ווייל ער איז גרויס און אָט איז טאַקע א סמן: מיסטער באָק איז געלערענט ווי א בעל עגלה, געפּילדערט ווי א מאַרק־אידענע. ער ווייס ניט אפילו אז קמץ א איז מע, און פון דעסטוועגען דאָס שאַט איהם ניט צו זיין גרויס.

— נון, איז מיסטער באָק, געוויס קלוג, ווי א ממזר, האָט א גוטע קאָפּ און פערשטעהט א געשעפט?

— דוקא בלא מיט א גרויסען אלף, ער פערשטעהט ניט אפילו א קאַץ א ווײדעל צו פערבינדען, איז נאַרריש שטאַלץ, ווייסט ניט וואו איין און וואו אויס.

— געוואַלד, רבונו של עולם, ווי־זשע אזוי איז ער געוואָרען גרויס? מיט וואָס איז ער געוואָרען גרויס? ווער האָט איהם געמאַכט גרויס? מיט וועלכע גרויסע געשעפטען בעשעפטיגט ער זיך?

— איך וועל אייך ערקלעהרען: מיסטער חיים באָק איז געוואָרען גרויס, בעריהמט, בעליעבט און בעוואוסט, ווייל... ווייל ער...

ער קנאַקט,
ער וואַגט,
ער קיצעלט,
ער שפּילט,
ער שרייט,
ער רוקט זיין נאָז,
ער בלאָזט פון זיך,
אָט דאָס זיינען די שבעה מעלות בגולם, וועלכע מאַכען גרויס...

— איך פערשטעה ניט וואָס הייסט דאָס: ער קנאַקט, ער קיצעלט, ער בלאָזט?

— דאָס הייסט, מיסטער באָק טוט גאָר ניט און וויל גאָר ניט טאָן; ער קען גאָר נישט און ווייס ניט פון זיין לייב און לעבען, און דאָך שפּילט ער אזא ראָלע און איז א גאַנצער מאַכער צווישען די

אַרעמע און לײַכטזיננינגע אַרבײטער, װײל 1) ער קנאַקט, ער האַקט אײן קרױט אַרײן, ער רעדט װאָס איז ניט געשטױגען און ניט געפלױגען, זאָגט צו הרים וגבעות, פאַררעדט די צײהן, פערבלענ־דעט די אױגען מיט קנאַקענדע װערטער און פראַזען. 2) ער װאַגט... ער שלאָגט דורך די װאַנט מיט'ן קאָפּ, ער שטעלט זיך ניט אָב, ער ערלױבט זיך אַלעס, ער שעמט זיך ניט, האָט ניט קײן אָבשײ, אַכטעט קײנעם ניט... איך בין חיים באָק און איהר אַלע זײט קײ און שפּײ!... דאָס געפעלט, דאָס מאַכט גרױס... 3) ער קיצעלט די נערװען פון זײנע צוהערער, ער חנפ'ט זײ, ער ריהמט זײ, ער בעװײנט מיט ביטערע טרערען זײער לאַגע, ער װערט זײער בעל טובה, זײער בעזאָרגער, און װערט גרױס... 4) ער שפּילט... ער שפּיעלט אַ ראָלע פון אַן אַרבײטער פרײנד, שפּילט אין פינעקעל מיט גוטע ברידער פון אַלע לאַגערס, שפּילט אַ ליעבע מיט די, װעלכע קענען צו נוטץ קומען, שפּילט אין דאָמינאָ מיט די װיכטיגע סאַלון־קיפּערס און װערט אַ העלדען־ראַליסט און אַן ערנסטער ליעבהאָבער... 5) ער שרײט... זאָגען עטװאָס װיכטיגעס קען ער ניט... שרײט ער...: אָה! מיט שרײען נעהמט מען פיעל! קענסט דו שרײען צוזעצטערהײד, קענסט דו שיטען פון מויל שװעבעל און פעך, קענסט דו בריקען מיט די פּיס װי אַן אײזעל און הירזשען װי אַ פערד; קענסט דו מיט אײן געשרײ מאַכען אַ תל פון װאַנדערבילדען און מאַכען אַ זרח דעם אַפּרײטאָר פאַר אַ לײט — דאַן ביסט דו דער טוער און מיט דיר פרײען זיך גרױס און קלײן, קינד און קײט... הוררײ! עס לעבע אונזער פרײנד, אונזער פיהרער און בעזאָרגער! 6) ער רוקט אַרײן זײן נאָז װאָהין מען דאַרף ניט. שמעקט, מישט זיך אין אַלעס אַרײן. זאָגט אַ דעה, אַז מען פרעגט איהם ניט, װערט אַ קהל'שער קאָכלעפעל און קנאַקט אַזױ לאַנג, ביז ער װערט אַנערקענט אַלס דער גרעסטער און פעהיגסטער קנאַקער... 7) אַ חוץ אַלע זאַכען, בלאָזט ער נאָך פון זיך... דאָס מאַכט איהם גרעסער פון אַלס. אַ מענש האַלט זיך אַזױ שטאָלץ! ער פון זײן צד בעגיסט יעדערען מיט אַ פאַמונעצע און פון זיך בלאָזט ער, אַז אפילו אַ פעדער זאָל אױף איהם ניט פאַלען; ער מאַכט יע־דערען מיט דער בלאָטע און אַלײן איז ער אַ פריץ, ער שרײט, ער קאָ־מאַנדעװעט ער שאַפּט זיך מיט יעדען װי מיט זײן קנעכט... איז ער

דען ניט אַ גרויסער מאַן? יאַ! שרייען אַלע זיינע חסידים, גרויס, בעליעבט און בעריהמט איז אונזער גרויסער קנאַקער, אונזער תקיף און בעל טובה, מיסטער חיים באַק! לאָז איהם דער רבונו של עולם געבען לאַנגע יאָהרען און קורצען שכל, ער זאָל אונז נאָך לאַנג קענען פיהרען ביי די נעזער, און זיין אונזער בעל טובה און פאַרשטעהער! הורריי! עס לעבען די קנאַקערייי! הורריי! עס לעבע די גערעכטיג־קייט!

און אונזער ר' חיים באַק טוט זיך דערווייל זיינס, דאַס הייסט, ער טוט גאָר נישט, ער קנאַקט. ער קיצעלט, ער שפּילט, ער שרייט, ער רוקט זיין נאָז, ער בלאָזט פון זיך...

קנאַק, ברודער, קנאַק כל זמן עס קנאַקט זיך! אַרבייטער הויבט אויף אייער יוניאָן פאַהנען און שרייט: הורריי! הורריי! עס לעבע די גערעכטיגקייט!

העלדען.

(א שמועס.)

מיר זיינען געזעסען אין א רעסטאָראַנטשיק, געזופּט טהעע, גערויכערט און געשמועסט. ווי געוועהנליך, מען האָט דערצעהלט א פּאָאָר צווײדייטיגע אַנעקדאָטען. איבערגעחזרט א פּאָר אַלטע וויצען. און דאן איז מען אונבעמערקט אריין אין אן ערנסטען טאָן. איך קען מיך ניט ערינערען ווי אַזוי עס איז געקומען צו רייד פון העלדען און גרויסע העלדענטהאַטען.

— אונזער צייט, האָט געזאָגט איינער פון די טהעע טרינקער, צייכענט זיך אויס דערמיט, וואָס מיר האָבען קיין העלדען און הערען ניט פון קיין העלדענטהאַטען. דער מענש איז געוואָרען קליין און אַלע זיינע טהאַטען זיינען קליינליך, מאַטעריאַליסטישע שטרעבונגען האָבען געטויטעט אין אונז דעם גייסט פון הערָאאיזמוס... מיר זיי־נען נור בעשעפטיגט מיט עגאָאיסטישע אינטערעסען און נאָבעלע טהאַטען האָבען קיין פּלאַץ ניט אין אונזער לעבען.

— עס איז ניט ריכטיג, האָט געענטפערט א צווייטער טהעע טרינקער. עס איז נאָך ניט אויסגעשטאָרבען דער הערָאאיזמוס, ביי דער ערשטער געלעגענהייט צייגט ער זיך... נעהמט צו ביים שפּיעל די העלדען פון דעם לעצטען קריעג, איז אדמיראל דיואי ניט קיין העלד? אָדער איז דער יונגער האבסאָן, וועלכער האָט זיך אריינגעזעצט אין אַשיף, וועלכע האָט געמוזט עקספּלאָדירען, — ניט קיין העלד?

— ניין! זיי זיינעןביידע ניט קיין העלדען. דיואי איז א פּער־האָרעוועטער סאָלדאַט, וועלכער האָט געהייסען קנאַקען, ברענען, שי־סען און איהם איז געלונגען צו קריגען א טשין מיט א טריאומפּאַלנע אַרקע. האָבסאָנס טהאַט איז א פּאַראַקסיזם פון משוגעת... ער האָט געטאָן, ווי א גרויסער געמבלער טוט. אַלעס געשטעלט אויף איין

קאַרט: אָדער געווינען אַ סך, אָדער פערשפּילען אין גאַנצען. הערא־איזמוס דאַרף זיין געגרינדעט אויף נאָבעלע מאָטיוועז... עס איז ניט קיין אַקט פון געמבלינג, קיין פּאַראָקסיזמוס פון אַ קראַנקע פיעבער־האַפטע פאַנטאַזיע, — עס מוז זיין אַ שעהנע, עדעלע טהאַט, וועלכע קומט פון דעם מענשעם גוטע נאָבעלע זעעלע, און וועלכע איז ניט פער־בונדען מיט אירגענד וועלכען מאַטעריאַליסטישען שכר, מיט אירגענד וועלכע עגאָאיסטישע ציעלען... פון אַזעלכע הערא־איזמוס און פון אַזעלכע העלדענטהאַטען הערט מען ניט אין אונזער צייט.

— עס איז ניט וואהר, האָט אַ געשריי געטאָן אַ דריטער טהעע טרינקער, אַן עכטער רוססאַק, וועלכער האָט שוין געזופּט די פינפטע גלאָז טהעע און געראויכערט די דריטע סיגאַר. גרויסע העלדענטהאַטען ווערען געטאָן אין אונזער צייט, נור מיר אַליין זיינען אַזוי פערזונקען אין דעם זומפּ פון אונזער אַלטעגליכען לעבען, אַזוי שטאַרק פערנומען מיט זיך אַליין, דאָס מיר בעמערקען ניט דיעזע אמת'ע, נאָבעלע טהאַ־טען. אויב איהר ווילט הערען וועל איך אייך ברענגען אַ פּאָאַר פאַק־טען...

— אַרויס מיט די פאַקטען! מיר ווילען הערען! האָבען אָנגע־הויבען אַלע שרייען אין איין קול.

— דער רוססאַק האָט לאַנגזאַם פעררויכערט נאָך אַ סיגאַר און האָט רוהיג אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען; „מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק האָבען זיך צוויי בויערי טרעמפּס צוקריעגט אין אַ סאַלון אויף פּאַרק ראָו. פון שימפּפּעריי זיינען זיי גיך אריבער צו פייערדיגע קלעפּ און פון קלעפּ צו מעסערס... איידער די, וואָס זיינען געווען אין סאַ־לון זיינען געקומען צו זיך, איז שוין איינער פון די טרעמפּס געלעגען אויף דער ערד מיט אַ דורכגעשניטענעם בויך, עס איז געוואָרען אַ ליאַרעם, פּאָליציי איז געקומען, אַ דאָקטאָר, אַ'ן אַמבולאַנס!... דער פערוואונדעטער האָט זיך געבאָדען אין אַ טייך מיט בלוט און האָט זיך געמאַטערט אין אַ שרעקליכע אַגאָניע... דער שולדיגער איז געשטאַנען ביי דער באַר בלאַס ווי דער טויט. — ווער האָט עס געטאָן? האָט גע־פרעגט די פּאָליציי — איך! האָט שטיל געענטפערט, דער שולדי־גער; דער פערוואונדעטער אָבער האָט מיט גרויס מיה אויפגעהוי־בען זיין קאָפּ און האָט געזאָגט: „ניט וואהר... ער איז ניט שולדיג... איך האָב מיך אַליין"... ער האָט צוגערופען דעם שולדיגען און האָט

איהם עטוואס געזאגט שטיל אויפ'ן אויער... דער מערדער האט זיך אבגעקעהרט און האט אנגעפאנגען צו וויינען און דער פערוואונדע־טער האט צוגעמאכט זיינע אויגען און איז געשטארבען"...

— ע! זעהר דראמאטיש, אבער דער פאקט בעווייזט נאך ז"הר וועניג, געווים פריינדשאפט, געפיהלען פון קאמעראדשאפט זיינען זעהר נאבעל, אבער א טהאט וואס גרינדעט זיך אויף אזעלכע געפיהלען איז נאך קיין הערואיזמוס ניט...

— הערט איך האב א בעסערן פאקט. איהר האט געלעזען אין צייטונגען, מיט עטליכע טעג צוריק האט פרעזידענט מעקינלי בע־גנאדיגט אן אינדיאנער, וועלכער איז געוועזן פעראורטהיילט צום טויט פאר א מארד? אנשטאט טויט־שטראף האט איהם אונזער פרעזידענט בעגנאדיגט צו זיצען ביז'ן טויט אין פריזאן.

— איז ווער דא דער העלד? דער פרעזידענט?

— ניין! דער מערדער!

— דער מערדער? חא! הא! חא! עס איז געווארען א שטאר־קער געלעכטער אלע האבען געמיינט עס איז ניט מעהר ווי א וויץ.

— לאכט ניט, מיינע פריינדע, איך מיין עס גאנץ ערנסט. מיט עטליכע יאהר צוריק האבען אינדיאנער ביי זיך אויף א געהיימע פערזאמלונג בעשלאסען צו טויטען א יונייטעד סטייטס קאמישיאנער... דער קאמישיאנער איז געווען א גראבער יונג און א שלעכטער מענש, וועלכער האט געקראגען דיעזע פאסט אלס א פאליטישען דזשאב. די אינדיאנער האבען פון איהם יעהר פיעל געליטען, ענדליך האט זיך אין זיי ערוואכט דער אלטער פרייהייטס גייסט. וואס? וועניג וואס די בלוטדורשטיגע ווייסע האבען געראובט אונזערע רעכטע, אונזער פריי־הייט, אונזער לאנד, זיי ווילען אונז אליין אויך פערניכטען, פערשקלא־פען? א יונגער אינדיאנער האט זיך ארויסגערופען נעהמען ראכע פון דעם ניעדערטרעכטיגען ווייסען קאמישיאנער... אין א פינסטערע נאכט איז ער נאך מיט דריי מיטהעלפער שטיל אריבער געשוואומען דעם טייך. ער אליין איז צוגעקראכען צום פארט, וואו עס זיינען גע־ווען סאלדאטען, קאנאנען ביקסען, פולווער... און ער אליין האט דעם ווייסען געגנער פון זייער פרייהייט און רעכטע ערמארדעט... אומזיסט

זיינען געווען אַלע מיהע און אונטערזוכונגען — מען האָט דעם שולדיגען ניט געקענט געפינען...

צווי יאָהר זיינען פאַראיבער. דער יונגער אינדיאַנער האָט זיך אונגליקליכער ווייזע בעקאַנט מיט אַ קריסטליכען מיסיאָנער... אַלס געזונטער, אויפריכטיגער, נאַבעלער זוהן פון דער נאַטור, איז ער בעגייסטערט געוואָרען פון דער אמונה, וועלכע פרעדיגט נור ברידער ליעבע, נור גערעכטיגקייט. ער האָט געגלויבט, אַז וואָס דער קריסט זאָגט, איז ניט נור פראַזען, עס איז אַ ווירקליכקייט... דער יונגער אינדיאַנער האָט זיך בעשלאָסען צו לעבען נאָך די הויכע מאָראַלישע געזעצע, פון וועלכע מען האָט איהם אַזוי זיס און אַזוי פערפיהרעריש געזונגען... און צוזאַמען מיט קריסטליכע פרינציפען האָט ער אויך איבערגענומען די אויסערע פאָרמען פון ציוויליזאַציאָן... ער האָט איבערגעביטען זיינע קליידער און האָט מעהר ניט געקענט האָבען קיין היים צווישען זיינע ברידער...

אַלס וואהרער אויפריכטיגער קריסט איז ער אליין געקומען אין פאָרט און האָט ערקלערט: אויף מיין געוויסען ליגט אַ פערברעכען, איך בין בעגאַנגען אַ מאָרד און וויל דורך אַ שווערע שטראָפע געווינען ד'עם גוטען גאָטס פערגעבונג. איך האָב ערמאָרדעט דעם קאָמישיאָנער — שמיערעט מיך אין קייטען.

געוויס, האָט מען איהם פערשמיעדעט, אריינגעזעצט אין פריזאָן און אָנגעפאַנגען צו קוועלען און צו פּלאָגען ער זאָל אויך ענטדעקען, ווער עס זיינען געווען זיינע מיטהעלפער. דער דיסטריקט אַטאָרני האָט איהם ערקלעהרט, אויב ער וועט זיין אַ סטייט וויטנעס (עדות) געגען אַנדערע, וועט ער ניט בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט... דער אינדישער קריסט האָט גע'טענה'ט: איך אליין וויל פאַר מיין זינד בעצאָהלען... אַנדערע האָב איך קיין רעכט און קיין פערלאַנג ניט אריינצומישען. די קריסטליכע ריכטער און די קריסטליכע דזשורי האָבען איהם פעראורטהיילט צום טויט... און דעם פּופּצעהנטען נאָוועמבער האָט ער געדאַרפט געהאַנגען ווערען... דער קריסטליכער פּרעזידענט האָט אָבער דעם פערברעכער בעגנאַדיגט: ער וועט ניט געהאַנגען ווערען, — ער וועט זיך פּלאָגען זיין לעבען לאַנג אין פינסטערען פריזאָן... פיהלט איהר ניט, ווי קליין זיי זיינען, די אַלע ריכטער, די פאַרשטעהער פון גערעכטיגקייט, די פּרעדיגער פון ליעבע

געגען דיעזען שטילען, אמת'ן נאַבעלען העלד און מענש ?... יא, עס זיינען נאָך דאָ העלדען, אָבער ליידער געפּינען זיי זיך צווישען טרעמפּס און ווילדע אינדיאַנער...

אַלע זיינען געבליבען זיצען שטיל און דער רוססאַק האָט ארויס־געלאָזט פון מויל אַ גאַנצען וואָלקען מיט רויך און האָט געזאָגט: ווער ווייס ? אפשר האָט די זיסע קריסטליכע ליעבע נאָך ניט אין גאַנצען פערקריפּעלט די זעעלע פון דיעזען בראַוּוען אינדיאַנער... און ווען עס איז אין אַ פינסטערע נאַכט, ווען די נאַטור וועט שטור־מען און דער ווינד וועט רוישען אַרום זיין פריזאָן, וועט זיך אין איהם ערוואַכען זיין פרייהייט גייסט און זיי פריהערדיגער מוטה... דער גאַנצער פריזאָן וועט פערהילכט ווערען זיין טרויעריגעם ווילדעם ליעד און דאַן וועט ער אויפברעכען די אייזערנע טהירען, וועט ערמאָרדען זיינע קערקער מייסטער און וועט לויפען צוריק צו זיין פרייע מוטער נאַטור ?...

אַלעס אין אָרדנונג.

(א פאקט.)

דער טריין פון האַדסאַן ריווער רייל־ראָוד קאָמפּאַני האָט זיך פּער־שפּעטיגט אויף צוואַנציג מינוט. דעפּעשען זיינען געפלויגען פון איין סטאַנציע צו דער אַנדערער. פּאַסאַזשירען זיינען געשטאַנען אויף די פּלאַטפאָרמעס און האָבען מיט אונגעדולד ארויסגעקוקט, ווען וועט זיך בעווייזען דער ברויזענדער לאָקאָמאָטיוו, נייגעריגע האָבען גע־פרעגט איינע די אַנדערע: וואָס איז געשעהען?

— אַ קליינינקייט. די רעלסען זיינען געוועזען אין איין אָרט אויפ־געריסען. מע וועט עס שנעל צורעכט מאַכען און אַלעס וועט זיין אין אָרדנונג.

עס איז נאָך געווען גאַנץ פריה. דער טריין איז געפלויגען דורך וועלדלעך, פעלדער גרינע פעלדער, פערביי שעהנע דערפער, פערביי רייכע ווילעס... אייניגע פּאַסאַזשירען האָבען געדרעמעלט מיט אַ זיי־סען פריה־מאָרגען דרעמעל, אַנדערע האָבען ארויסגעקוקט פון די אָפּע־נע פענסטער און אַ פרישער ווינטעלע האָט זיי געווייהט אין געזיכט. די זונן איז נאָך געווען אַ גאַסט, זי האָט זיך נאָך געשעהמט צו בריהען און באַקען. און האָט אראָבגעקוקט אויף דער אויגעוואַכטער ערד שע־מעדיג און חנ'עוודיג... פּלוצלינג האָט דער לאָקאָמאָטיוו געגעבען אַ בייזען פייף, האָט אַ ציטער געטאָן און דער טריין האָט זיך אָבגע־שטעלט אין מיטען פעלד. די דערשראָקענע פּאַסאַזשירען האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון זייערע ערטער, אייניגע האָבען ארויסגעשטעקט די קעפּ פון די פענסטער, אַנדערע האָבען זיך געלאָזט לויפען צו די טהיר־רען... פיעלע זיינען אראָבגעשפּרונגען פון די טרעפּ אין די גרינע גראָז, וועלכע איז געווען בעדעקט מיט שטויב און טוי. עטליכע מינוט האָט געהערשט אַ פּאַניק, קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס עס איז געשעהען, די קאָנדוקטאָרען זיינען אומגעלאָפען צוטראָגענע, די מאַ־

שיניסטען האָבען געשריען און געקלאַפּט מיט האמערס. — וואָס איז געשעהען?

א קליינינקייט, די רעלסען זיינען פּונקט אויף א בריקעל אויפ־געריסען... מען וועט עס באלד „פיקסען" און אַלעס וועט זיין אין אָרדנונג.

די אַדמיניסטראַציע פון האָדסאָן ריווער רייל־ראָוד שעצט זעהר טייער די צייט, דאָס הייסט: דאָס געלד, וואָס זי נעהמט פאר'ן טראַנספּאָרט פון מענשען פלייש פון איין אָרט צום אַנדערען... די רעלסען האָט מען ווירקליך זעהר שנעל צורעכט געמאַכט, די פּאַסאַ־זשירען איינגעלאַדען צוריק אין די וואַגאָנען, דער לאָקאָמאָטיוו האָט געגעבען א פריילינען לעבעדיגען פייף און האָט זיך אָנגעהויבען שטיל און לאַנגזאַם צו קאַטשען... אַלעס איז געוועזן אין אָרדנונג.

דאָס אַלעס איז געשעהען עטליכע מייל ווייט פון היידפּארק, סטייט ניו יאָרק, וואו דער בעליעבטער פ. וו. וואַנדערבילט בויט איצט א פּראַכטפּאַלען פּאַלאַסט. עטליכע הונדערט ארבייטער בעגיסען זיך דאָ מיט שווייס יעדען טאָג, טראָגען בשאות און ארבייטען שווער פון פריה מאָרגען ביז נאַכט... דער פּאַלאַסט וועט זיין גיך אויסגעבויעט, דער פּארק ארום אויסגערייניגט, די וועגעלעך אויסגעפלאַסטערט און אַלעס וועט זיין אין אָרדנונג.

הערר וואַנדערבילט וועט גיך האָבען זעהר א שעהנע וואָהנונג, אָבער די ארבייטער דערווייַלע האָבען דאָ ניט וואו צו שלאָפען און וואָס צו עסען. זיי צושיטען זיך יעדער פּאר נאַכט ארום און ארום איבער אַלע פאַרמעס, גאַנץ פריה קומען זיי צו פוס, ווער צוויי מייל, ווער דריי מייל, ווער פינף מייל, פון זייערע קוואַרטירען, שטעלען זיך פּונקט אין דער מינוט צו דער ארבייט און אַלעס איז אין אָרדנונג.

צווישען זיי געפינט זיך א פּאָליאַק קראַסאָווסקי, אויך ניט מעהר ווי אַן ארבייטער. ער געהט יעדען טאָג פינף מייל קיין הייד־פּארק און פון הייד־פּארק. ער געהט מיט די רעלסען, זעהט ארום זיך וועל־דער, גערטנער... דערמאָנט זיך אויף די פעלדער און די וועלדעלעך פון זיין היימאַטה, זינגט א טרויעריגע ליעדעלע און הערט ווי די פליגעלעך אַקאָמפּאַנירען איהם אויף די בוימער. פּלוצלינג זעהט ער אויף א בריקעל אויפגעריסענע רעלסען... באלד וועט דאָ געוויס דורכלויפען א טריין געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירען... אַלעס וועט אראָב־

שטירצען אין זומפּ אריין... הונדערטע מענשען וועלען גע׳הרג׳עט ווערען. א קאַלטער שוויים בעדעקט זיין געזיכט, ער קוקט זיך ארום א דערשראָקענער און ווייסט ניט, וואָס זאָל ער טאָן. וואָהין זאָל ער לויפען און וועמען רופען צו הילף?... ער בעשליסט זיך צו רעטען זיינע אונבעקאַנטע ברידער... לויפט א שטיקעל מהלך אָב פון דעם געפעהרליכען פּלאַץ... נעהמט אראָב פון זיך זיין אַלטען רעקיל, זיין ווייסע העמד זאָל זיך זיך גיכער וואַרפען דעם מאַשיניסט אין די אויגען... עס קען זיין אז דער מאַשיניסט וועט איהם ניט בע־מערקען און וועט ארויף אויף איהם און צורייבען איהם אויף אַש... אָבער דער טריין וועט זיך דאָך אָבשטעלען די פּאַסאַזשירען וועלען זיין גערעטעט און אַלעס וועט זיין אין אָרדנונג...

ער שטעהט און וואַרט, די צייט געהט. ער ווייסט, דאָס ער האָט זיך שוין פערשפּעטיגט צו דער ארבייט, ער ווייס, וואָס פאַר א מערדער דער קאָנטראַקטאָר איז, אָבער ער פערלאָזט ניט זיין פּאָסט... ער הערט זיך צו... די ערד ציטערט אונטער זיינע פיס, וועיט הערט זיך אַזוי ווי א גערויש פון איהם... דער טריין געהט. ער הויבט אויף זיינע הענד, ער שרייט... שריט אין מיט׳ן וועג... דער מאַשיניסט בע־מערקט איהם, גיט א בייזען פייף, שטעלט אָב דעם ברויזענדען לאָקאָ־מאָטיוו און אַלעס איז אין אָרדנונג.

קראַסאָווסקי פערלירט ניט מעהר קיין אויגענבליק. ער ערוואַרטעט ניט קיין דאַנקבאַרקייט, האָט קיין צייט ניט פיעל צו שמועסען, ער לויפט צו דער ארבייט... ער איז אָבער געקומען צו שפּעט.דער קאָנ־טראַקטאָר הערט ניט קיין טענות ער דאַרף ניט קיין פוילע ארביי־טער... ער הייסט קראַסאָווסקי׳ן נעהמען וויפיעל איהם קומט און געהן... קראַסאָווסקי בעט, ער פערענטפערט זיך... ער ווייס, אז ער קען איצט בלייבען אָהן ארבייט א וואָך, צוויי וואָכען און אפשר וועט שוין דער גאַנצער זומער פערלאָרען געהן... דער קאָנטראַקטאָר הערט ניט קיין טענות — ער בעצאָהלט און הייסט נעהמען דעם וועג... א פערטראַכטער געהט קראַסאָווסקי צוריק איבער די זעלבע רעלסען... דער טריין איז שוין לאַנג אַוועק און די פּאַסאַזשירען האָבען שוין פער־געסען זייער שרעק... אין הייד־פּאַרק בויעט מען דעם פּאַלאַסט אָהן קראַסאָווסקי׳ן און אַלעס איז אין אָרדנונג...

———(—0—)———

קאָנטראַסטען.

.1

דער בעוואוסטער בראָקער מיסטער בארנעט האָט ערשט געענדיגט זיינע ביזנעס אין זיין אָפּיס אויף וואָלל סט., און איז געפאָהרען אהיים עסען סאַפּער. ער האָט געוואָהנט אין אַ פּריוואַט הויז אויף דער וועסט סייד און איז געפאָהרען מיט דער זעקסטער עוועניו... אַ שווארצער שקלאַף האָט איהם געעפענט די טהיר, די קלערקס האָבען זיך צו איהם העפליך געניינט, און ער, אַ צופריעדענער, אַ גליקליכער איז געגאַנגען צום סטיישאָן לאַנגזאַם מיט אַ שטאָלצע רוהיגקייט... אין דער היים, אין אַ גערוימען דיינינג רום איז שוין געווען געגרייט דער טיש. מיט זילבערנע געשיר איז געווען בעדעקט דער ווייסער טישטוך. בלומען זיינען געשטאַנען אין רייכע וואַזען. פלעשער וויין, קאָניאַק און ליקער זיינען געווען אויסגעשטעלט צווישען די טעלער, ווי סאָלדאטען. צוויי דיענסטען, איינע אַ „שווארצע" די אַנדערע אַ ווייסע, ביידע אין ווייסע פּאַרטוכער זיינען צוגעגרייט צו בעדיענען. און דער פּאָוואר אין קיך האָט געהאַקט און געפּרעגעלט...

דער ערשטער געדאַנק פון דעם רייכען מעקלער איז געווען צו קויפען אַן אָווענד־בלאַט, און צו זעהן, וואָס שרייבט מען פון זיין זוהן, פון זיין עלף־יאָהריגען סטעפען... ער האָט באַלד געפונען אַן אַרטיקעל מיט'ן טיטעל: „אַ באָי וויקטים פערטהיידיגט אַ באָי אַ רויבער..."
דער מעקלער האָט אַ שמייכעל געטאָן פון פערגעניגען, איז אריין מיט אַ ברייטען הוסט אין וואַגאָן, האָט פערנומען דעם בעסטען פּלאַטץ, האָט פערוואָרפען אַ פוס אויף אַ פוס (דערביי האָט ער ארויפגעשלעפּט אַ ביסעל זיינע פריש אויסגעפּרעסטע הויזען און האָט ארויסגעוויזען טהייערע זיידענע זאָקען) און האָט זיך גענומען פלייסיג לייענען.

דער פּעדלער יאָסעל פריעדמאַן האָט אויך געענדיגט זיינע ביז־נעס און איז געפאָהרען אהיים. ער איז געווען מיעד, ווארום ער איז א גאַנצען טאָג אומגעגאַנגען. ער איז געווען אונצופריעדען, ווייל פּערדיענט האָט ער היינט א מכה... געוואָהנט האָט ער אויף דער איסט סייד און איז געפאָהרען מיט א סעקאָנד עווענױ טריין. ער האָט ניט ערוואַרטעט אין דער היים צו געפינען א גוטען סאַפּער און טרע־פען גוטע בשורות און האָט זיך ניט זעהר געפרייט דערמיט, וואָס ער פאָהרט אהיים.

זיין ערשטער געדאנק איז געווען, ווען ער איז געגאַנגען צום סטיישאָן, זעהן וואָס שרייבען די איוונינג פּייפּערס, פון זיין זוהן בעני פריעדמאַן, וועלכער איז געווען נעכטען ארעסטירט דערפאַר, וואָס ער האָט בערויבט אין צענטראַל פּארק א רייכען מעקלערס א זוהן. ער איז אריין אין וואַגאָן א דערשראָקנער, ער האָט זיך אנידער געזעצט אין א ווינקעלע הינטער דער טהיר, האָט אנידערגעשטעלט לעבען זיך זיין פּעקעל, וועלכער איז געווען פערוויקעלט אין א שוואר־צען „איל קלאָטה" — (שווארץ ווי זיין פּעקיל צרות) און האָט זיך גענומען פליסיג לייענען... ער האָט ניט אַלעם פערשטאַנען וואָס ער האָט געלייענט, ער האָט נור געזעהן פון איין זייט א בילד פון א שעהן און רייך געקליידעטען קינד און פון דער אנדערער זייט — א בילד פון א אָבגעריסענעם ווילדען לויפער...

דער עלף־יעהריגער סטעפען בארנעט איז געקומען היינט אין דער פריה אין קאָורט אָנגעטאָן אין די שעהנסטע יום־טוב'דיגע קליידער. מיט איהם איז געקומען זיין מאַמע, זיין טאַנטע און זיין באָבע... אַלע האָבען איהם געגלעט, געקנייפּט אין בעקעל און צוגעגעבען מוטה, ער זאָל נור „האַלטען" זיין רעדע, וועלכע מען האָט איהם געלערענט נעכטען א גאַנצען פריה־מאָרגען... ער איז געווען היינט דער העלד און די מוטער און אַלע פריינדע האָבען מיט איהם שטאָלצירט. און ווען דער פּאָליסמאַן האָט אריינגעפיהרט דעם רויבער, אויך אַן עלף יעהריגען אינגעל אין דורכגעריבענע זאָקען, וועלכע האָבען געדאַרפט זיין א מאָל שווארץ, אין צוריסענע קליידער, אויסגעקרימטע און אויסגעטראָטענע שיך, האָט זיך פון דער לעצטער באַנק אויפגעהויבען

א פרוי, האט אויף איהם א קוק געטאן און האט געגעבען א שווע־רען זיפץ... נעכטען בייגאכט האט זי געזאגט, אז זי וועט ניט געהן אין קאורט... ער איז א לויפער און זאל ער זיך שלאגען קאפ אן וואנט... היינט אבער איז זי דאך געקומען.

— בעני פריעדמאן, זאגט דער ריכטער, דו האסט זיך ערלויבט אבנעהמען ביי סטעפען בארנעט א פאקעט בוק אין וועלכען עס איז געווען א דאלאר מיט פיערציג סענט.

— פאר וואס ניט? ענטפערט בעני. זעהסט, ווי ער איז אנגע־טאן — מען מעג איהם שטעלען אויף א פענסטער אין א סטאר. ער האט וואס צו עסען. נאך וואס דארף ער דאס געלד?

— הערר ריכטער, זאגט דער „בערויבטער", וועלכען די מוטער האט א שטוים געטאן אין זייט, — הערר ריכטער, פערצייה איהם דאס מאל, ער וועט זיין א גוד באי, וועט געהן אזוי ווי איך אין סאנדעי סקוהל און וועט זיין עהרליך, ער איז ניט שולדיג, וואס מען האט איהם ניט געלערנט פון מאראל, איך ווייס, איהם פערדריסט נאך וואס ער האט עס געטאן.

— מיך פערדריסט?... עס הויבט זיך ניט אן!... וואס האב איך אנצואווערען?... אין דער היים האב איך זעקס ברידער און שוועסטער, וועלכע וועלען ניט זיין זעהר אונגליקליך, אז איך וועל ניט זיין מיט זיי. אי דאנט קער!...

דער ריכטער, מאדאם בארנעט, איהרע פריינדע, אלע קוקען מיט ליעבע אויף דעם נאבעלען, גרויסמוטהיגען „בערויבטען", און בע־טראכטען מיט פעראכטונג דעם פרעכען אויסגעלאסענעם „רויבער" און אויף דער לעצטער באנק הערט זיך א שטילער, פערשטיקטער זיפץ...

2.

א קינד איז געבוירען געווארען.

עס איז געשעהען אין דעם שעהנעם פרעכטיגען ניו־פארט, וועל־כער איז איינגעשלאסען אין בלומען־גערטנער און פארקען און ארומגע־רינגעלט מיט די וואסערן פון גרויסען מעער.

די יונגע מוטער ליגט אין א גרויסען, גראַמען, ליכטיגען צימער, פון וועלכען די ווענט זיינען בעדעקט מיט זיידענע שטאָף, מיט שעהנע בילדער. די פענסטער זיינען אָפען אין א צויבער־גארטען מיט וואונדערבארע ראָזען, מט דופטענדע ליליען, מיט זעלטענע קאסקאדען, מיט קינסטלערישע פאָנטאנען, מיט טייערע סטאטוען. א פרישער ווינטעלע ברענגט דער יונגער מוטער פונ׳ם מעער א הערצליכען גרוס, די פויגעלעך אויף די בוימער גראַטולירען זי מיט געזאנג, די בלומען שיקען איהר א קרבן — א רח נחוח.

וויפיעל פרייד דא איז, וויפיעל גליק, וויפיעל מזל טובן! דער זיידע פון איין צד, שיינקט דעם ניי־געבאָרענעם אן אוצר, דער זיידע פון דער אַנדער זייט שיינקט א גאַנצען פערמעגען. די יונגע מוטער קריגט נייע בריליאַנטען, איהר צימער איז פערוואָרפען מיט בלומען, בוקעטען, קרענצע, גירלאנדען. טעלעגראַמען מיט גליק־ווינשונגען קומען אַן פון אלע ווינקעלעך פון דער וועלט. אין אלע צייטונגען איז די נייעס אָבגעדרוקט. די יונגע מוטער און דער יונגער פאָטער זיינען שטאָלץ, גליקליך, צופריעדען.

ווען די יונגע פרוי איז געגאַנגען צו קינד, איז פון ניו יאָרק געפלויגען אן עקסטרא טריין מיט איינעם פון די בעסטע אקושאָרען. די פראָמינענטע דאָקטוירים פון ניו פאָרט זיינען געשטאַנען ביי דער בעט אויפמערקזאמע, ערנסטע, גלייך זיי וואָלטען געפיהלט, אז דער מענשהייט וועט באלד געשאָנקען ווערען עטוואס בעזאָנדערעס.

דאָס קינד איז געבוירען געוואָרען. עס ליגט אין א שעהנע וויגעלע, אויף זיידענע ציכעלעך, צוגעדעקט מיט סאמעטענע קאָלדרעלעך, בעפוצט מיט די טייערסטע בריוסעלס שפיצען, בעוואכט פון מאמקעס, ניאַנקעס... מומעס, באָבעס, קוזינעס קומען אלע וויילע און קושען די גליקליכע מוטער און קושען דאָס גליקליכע קינד.

די יונגע מוטער איז די פרוי פון הערי פעין וויטני און די טאָכטער פון קאָרנעליוס וואַנדערבילט.

א קינד איז געבוירען געוואָרען.

עס איז געשעהען אין דעם גרויסען גהינם, וועלכער רופט זיך ניו־יאָרק, אין א פינסטערן אלטען טענעמענט הויז, וועלכער איז פול מיט

איינוואָהנער, מיט באָרדערס, מיט קינדער, מיט אַלערליי חיות און מזיקים.

די יונגע מוטער ליגט אליין אין איהר שמוציגען בעדרום, אויף א בעטיל, וועלכער רייסט איין די ווענט מיט איהרע קולות, ווען מען גיט זיך נור א קער. און אַזוי ווי די יונגע מוטער וויל, עס זאָל זיין שטיל, ליגט זי ווי א פערשטיינערטע. עס איז אונערטרעגליך היים. די לופט איז ווי אַנגעגליהטע שטיקענדיגע פּאַרע. עס איז ניטאָ מיט וואָס צו אטהעמען. די יונגע מוטער איז פער׳חלש׳ט, אָבגעשוואכט, איהר ברוסט ברענט פון דורשט, איהרע שמערצען זיינען שרעקליך, זי בעט ניט קיין טרונק, זי קרעכטשעט ניט — זי שוויינט, ווי א שטיין, זי וויל ניט אז פון יענער זייט וועגטיל זאָל מען עטוואָס דערהערען און עטוואָס בעמערקען.

זי איז איבערגעקומען, אָבער עס איז ניטאָ קיין פרייד, קיין מזל טוב׳ס, — עס זיינען דאָ טרערען, ביטערע טרערען און א שרעק, פון וועלכע דאָס בלוט ווערט פערקיהלט. דאָס קינד שרייט ניט מיט א גליקליכען אויסגעשריי פון בעפרייאונג, דער פאָטער שטעהט ניט ביים וויגעלע א גליקליכער און פערליעבטער... ניין! עס איז ניטאָ קיין פאָטער, ניטאָ קיין וויגעלע, ניטאָ קיין פריינד... די עלענדע מוטער אליין איז דאָ. זי וויינט מיט׳ן פּנים פערשטיקט אין קישען און קיינער הערט ניט איהר געוויין און זעהט ניט איהרע טרערען.

ווען די יונגע פרוי איז געגאַנגען צו קינד איז דאָ ניט געווען קיין דאָקטאָר, קיין אַקושערקע, קיין לעבעדיגער מענש. דער וואָס האָט געדאַרפט געבוירען ווערען איז ניט געווען קיין געווינשטער גאַסט פאַר דער מענשהייט. ער איז געווען אַן איבריגער און קיינער האָט זיך ניט געפרייט מיט זיין ערשיינונג.

דאָס קינד איז געבוירען געוואָרען אָהן די ערלויבנים פון א קאָורט, אָהן די קדושין, אָהן דעם וויסען פון איהרע ווייטע פריינד, די גראַטולאַציע פון איהרע שאַפּ חבר׳טעס... זי איז יונג, נאַאיוו, זי האָט געגלויבט, אז זיסע ווערטער איז וואַרהייט, אז אויגענבליקליכע ליידענשאַפט איז ליעבע... דאָס קינד איז געבוירען געוואָרען און די מיסים פון יענער זייט וואַנט וויים גאָר ניט, אז איהר שטילע פּיינע באָרדערקע האָט געדאַרפט ווערען און איז געוואָרען א מוטער.

פערבאָרגען אונטער איהר הארצען האָט זי געטראָגען איהר אונ־ גליק, פערבאָרגען אין הארצען זיינען געוועזן איהרע וואונדען... זי האָט קיין ערלויבניס ניט געהאַט הויך צו וויינען און הויך צו זיפ־ צען...

דאָס קינד איז געבוירען געוואָרען און די פערוויירטע יונגע מו־ טער שפרינגט אויף ווי א ווילדע, איהרע אויגען בלאָנזען אום ווי ביי א צומישטער... זי פערשטיקט דאָס קינד אין אַלטע שמוציגע שמאַ־ טעס, עפענט מיט איהרע ציטערענד שוואכע הענד דאָס פענסטער, און דאָס אונערוואַרטעטע, איבריגע, אונגליקליכע קינד פליהט פון פינפטען פלאָר אראָפּ אין שמוציגען מיט שטיינער אויסברוקירטען יארד...

די יונגע מוטער איז אַן עלענדע אָרעמע שאָפּ מיידעל.

צוויי עקסקורשאָנס.

1.

— ראָזי, דו פאָהרסט אויפ'ן עקסקורשאָן?

—חא! חא! חא! א שעהנע שאלה, — האָט געענטפערט ראָזי שטיפענדיג און לאַבענדיג. און ווי קען מען טאָקע שטעלען אזא פראַגע? זי האָט ספּעציעל צוליעב דעם געמאַכט זיך א נייע ווייסע קלייד. זי האָט צוויי וואָכען לאַנג גענעהט אַלע נאַכט, געפּרעסט. (ביי טאָג האָט זי געארבייט אין שאָפּ). וואָס הייסט, צו זי וועט פאָהרען? מאַקס אַקערמאַן האָט שוין לאַנג בעצאָהלט פאַר צוויי טיקעטס.

און זי איז געווען אויפ'ן עקסקורשאָן.

אזוי ווי אַן אונשולדיגער ענגעל האָט זי אויסגעוויזען אויפ'ן שיף אין איהר ווייסען קלייד, אזוי ווי א ווילדע שטיפערין איז זי אומגעשפרונגען און אומגעלאָפען אין גרינעם פּארק, אזוי ווי א מזיק, אַ שד האָט זי געטאַנצט, פאָהרענדיג צוריק אהיים. א גאַנצען טאָג האָט געקלונגען איהר קול'בעל ווי א גלעקעלע, א גאַנצען טאָג האָט געהילכט איהר פריילי‌כער, לעבעדיגער געלעכטער, א גאַנצען טאָג האָבען איהרע באַקען געפלאַמט און איהרע אויגען האָבען געברענט מיט פייער. זי האָט געליעבט און איז געליעבט געווען.

ניט אליין האָט זי זיך אומגעקעהרט אהיים. איהר האַנד איז געלעגען אין דער שטארקער האַנד פון מאַקס'ען, איהר הארץ האָט געקלאַפּט לעבען הארץ פון איהר געליעבטען.

2.

— מיסיס אַקערמאַן, איהר פאָהרט אויפ'ן עקסקורשאָן?

— אויפ'ן עקסקורשאָן? — ענטפערט ראָזי מיט איהר שוואַ־

כע שטימע און איהרע בלאַסע ליפּען ווערען פערקרימט פון א ביטע־רען שמערצליכען שמייכעלע. „אויפ׳ן עקסקווירשאַן? מעהר געהט מיר מאַקע ניט אָב״... ווערמען קען עס טאַקע איינפאַלען אזא פראַגע? זי זיצט גאַנצע טעג איינגעבויגען אין דרייען, פינישט פרעמדע אַר־בייט, אָדער געהט האַלזטיכער, יעדער סענט קומט איהר אָן מיט צרות און הארצוועהטאַג... און חוץ אַלע זאַכען, ווי קען זי פאָהרען? איהר קינד איז געפעהרליך קראַנק... אַלע טאָג לויפט זי מיט איהם אין די דיספּענסערים, גיט אויס די לעצטע סענט אויף רפואות און דאָס קנד געהט אויס, ווי א ליכט. יעדען טאָג ווערט ער בלייכער און מאַ־גערער... א בינטעלעביינער איז געבליבען פון קינד... נור די גרוי־סע פערטראַכטע אויגען גלאַנצען נאָך, ווייטער איז דאָס שוין ווי א טוי־טער... די קנייטשען אויף דעם קינד׳ס שטערען ווייזען, אַז עס האָט שוין פיעל, פיעל געליטען און זיין טיעפער שטערען איז פול מיט פער־שטאַנד... און צעהן חדשים איז דאָס קינד געוואָרען אַלט.

אָבער די שכנות אַלע לאָזען איהר ניט צורוה, — זיי פאָהרען אַלע און דאָס הארץ ווערט זיי וועה טאָן, אַז די אָרימע אונגליקליכע ראָזי וועט בלייבען אליין.

— פאָלגט אונז, פאָהרט זיך דורך. פאַר אייער קינד וועט דאָס זיין די בעסטע רפואה... פרישע לופט אויפ׳ן וואַסער, אין פּאַרק גרינע גראָז...

— פאר׳ן קינד? ראָזי דערמאָנט זיך, אַז דער דאָקטאָר זאָגט איהר שטענדיג, אַז דאָס קינד נעהרט זיך זעהר שלעכט און אטהעמט שלעכטע לופט... ער הייסט איהר ארויספאָהרען אין א קאַנטרי. די מעדיצין איז א וויסענשאַפט און דאָך בעלעדיגט זי אָפט אזוי אונ־וויסענשאַפטליך די אָרעמע לייט! אָבער אַז אין א קאַנטרי קען זי ניט פאָהרען, וועט אפשר כאָטש א ביסעל העלפען דורך עקסקווירשאַן? אויף א טאָג איבערבייטען די לופט איז אויך זעהר פיעל פאַר א קליין קינד.

און זי איז געפאָהרען אויפ׳ן עקסקווירשאַן.

א טרויעריגע, אזוי ווי א צוגעשלאָגענע, זיצט ראָזי מיט איהר קינד אויפ׳ן האַנד. ארום איהר איז פרעהליך, לעבעדיג און אין איהר איז טרויער און שמערץ... שטיל זיצט זי אין א ווינקעלע מיט איהר קינד... דאָס קינד קרעכצעט שטיל און קוקט אויף דער מאַמען מיט א

טרויעריגען בליק. יעדער מינוט גיט איהם די מוטער מילך, רפואות, רעדט צו איהם, דריקט איהם צו איהר אויסגעטרוקענטע ברוסט, און דאָס קראַנקע קינד פיהלט ניט בעסער... פאַר נאַכט איז דאָס קינד געשטאָרבען אויף איהרע הענד.

נור עטליכע האָבען געוואוסט אַז די שיף פיהרט צוריק קיין ניו יאָרק אַ טויט קינד. די „קאָמיטע" האָט געזעהן, די שמחה זאָל ניט ווערען פערשטערט און מען האָט די אונגליקליכע יונגע מוטער אַנידערגעזעצט אָן אַ זייט און געהיט... מען האָט זי איינגעבעטען, זי זאָל וויינען שטיל און זאָל ניט איבערפיהרען דעם עקסקורשען...

די שיף גליטשט זיך לאַנגזאַם איבער'ן גלאַטען וואַסער, די שטערענדלעך אין הימעל און די יונגע מוטער מיט'ן טויטען קערפעריל אויף די הענד זיצט שטיל און פערטראַכט. אַרום איהר טאַנצען פריילינכע פּאָרלעך, זי זעהט גלענצענדע אויגען, זי זעהט גליקליכע פּנים'ער און זי דערמאָנט זיך ווי נאָך גאָר ניט לאַנג האָט זי אויך געטאַנצט, געלאַכט און איז גליקליך געווען... איצט איז זי אליין מיט אַ צובראָכען האַרץ, און אַ צובראָכען געמיטה. ער, וועמען זי האָט געליעבט — איז ניטאָ דאָ מיט איהר. ער האָט זי אונגליקליך געמאַכט און פערלאָזט... אין אַזאַ קורצע צייט איז די יוגענד פערוועלקט געוואָרען, איהר שעהנקייט פערשוואונדען און פון אַלע איהרע זיסע האָפנונגען איז געבליבען אַ טויט קינד... און זי בויגט זיך צו צו איהר קינד און וויינט שטיל און ביטער.

די בליהענדע יוגענד און די פריהלינגס-צייט.

ערשטער טאָג.

איך בין היינט אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה. איך שטעה פעסט אין מיין מיינונג: איך מוז, איך דארף, איך וויל שטאַרבען היינט נאָך. וואָס פאַר א זינען האָט מיין לעבען, וואָס פאַר א ציעל האָב איך? וועלכע פרייד קען איך ערוואַרטען? איך בין א דענקענדער מענש און וויל ניט לעבען נור דערפאַר ווייל די נאַטור וויל דאָס און פאָדערט עס! ענדע! די נאַרישע קאָמעדיע פון לעבען ענדיגט זיך היינט. איך שרייב מיין לעצטען בריעף מיין אַלטער מוטער און זאָג איהר: לעבע וואָהל! פיר אימער, ווין ניט, גוטע מוטער! דאָס לעבען איז ניט ווערטה קיין צובראָכענעם גראָשען!

ווען מיין בריעף איז געוועזן אויפגעשריעבען, בין איך באַלד געגאַנגען אין א מאַגאַזין פון געוועהר און האָב זיך געקויפט א גוטען רעוואָלווער! איין קנאַק פון דיעזען קאַלטען מעכאַניזמוס, וועלכער ליגט יעצט אין מיין טאַש, און איך לאָף פון דער מעכטיגער נאַטור מיט איהרע גרויסע לעבענס געזעצע. די נאַטור זאָגט, לעב, ביז איך וועל דיר בעפעהלען צו שטאַרבען! און דאָס קליינע ביקסעלע זאָגט: שטאַרב באַלד, אויב דו ווילסט ניט לעבען!

אין צענטראַל פאַרק, דאָרט אויף א בעקאַנטער באַנק אונטער צוויי אַלטע בוימער וועט געשעהן דאָס, וואָס עס שרעקט אזוי אַלע מענשעלעך!... אָבער ווער זיצט עס דאָ? א יונגע פרוי? קען מען דען ניט געפינען אויף דער וועלט איין ווינקעלע, וואו מענשען זאָלען ניט שטערען? איז דען אונמעגליך שטאַרבען אליין?

אָבער דער טאָג איז אזוי שעהן. דער ערשטער וואַרעמער פריה-

לינגס־טאָג. די גרעזעלעך זיינען אזוי גרין און דופטענד... פויגעלעך שפּרינגען אום צווישען די צווייגען און צוויטשערען... „משה רבנו'ס בהמה'לאך" ווארעמען זיך געגען דער זונן. איך וויל אביסעלע זיצען און געניסען צום לעצטען מאָל פון דער שעהנקייט פון דער נאטור. די יונגע פרוי, וואָס זיצט אויף מיין באנק איז אזוי טרויעריג, בלאַס!... איהרע אויגען זיינען פערוויינט... ווער וויים, וואָס פיהלט נעביך איהר צובראָכען הארץ, אפשר איז זי געקומען אהער מיט דעמזעלבען ציעל און זי וויינט, ווייל... ווייל... נון, ווייל דער פריהלינג איז דאָך אזוי שעהן, אזוי פּראכטפאָל, און זי איז נאָך אזוי יונג.

זי, די בליהענדע יוגענד אליין זאָל שטארבען דאן, ווען אלעס אין דער נאטור ערוואכט פון טויטען שלאָף? ניין! א רחמנות...

דעם גאנצען טאָג האָב איך פון איהר די אויגען ניט אראָבגעלאָזט, איז זי אוועקגעגאנגען בין איך נאָכגעגאנגען פון דער וויטען, האָט זי זיך אומגעקעהרט אויף'ן באנק אונטער די צוויי בוימער — בין איך שוין דאָ געזעסען. הורראַ! אויף איין טאָג האָב איך איהר לעבען פערלענגערט און מאָרגען... מאָרגען וועלען אפשר פרעהליכע גע־דאנקען געפינען פּלאַץ אין איהר יונג קעפעלע און איך, איך וועל דאָך ניט פערשפּעטיגען מאָרגען אריינשיסען אין מיין קראנק הארץ אַ קאלטען קויל. יאַ! מאָרגען טהו איך עס געוויס, אָהן צווייפעל...

צווייטער טאָג.

דער צווייטער טאָג איז פאָראיבער און איך בין נאָך ניט געשטאָר־בען. דער טאָג איז געווען נאָך שעהנער, נאָך זיסער. די בלויע הימלען זיינען געווען קלאָר ווי די אויגען פון אן ענגעל, די זונן האָט יעדער ווינקעלע אָנגעפילט מיט ליכטיגע שטראַהלען. די לופט איז געווען ריין און רייצענד, א קליין ווארעם ווינטעלע האָט געשטיפּט און גע־פלויגען פון איין בוים צום צווייטען... אך! דער פריהלינג! דער פריהלינג!

גאנץ פריה בין איך שוין געווען נעבען מיין באנק אונטער די צוויי אלטע בוימער, אָבער זי איז שוין דאָ געזעסען. ווען זי האָט מיך

דערזעהן איז זי אויפגעשטאַנען מיט כעס, איך האָב איהר נאָך גע־פאָלגט.

ווער זייט איהר? אַ שפּיאָן? האָט זי בייז געזאָגט און איהרע שעהנע אויגען האָבען געשטאָכען ווי צוויי שאַרפע שווערדען.

— ניין! מיין האַרץ איז אַ שפּיאָן! און מיין האַרץ ווייס, וואָס איהר האָט בעשלאָסען צו טאָן. זעהט איהר דיעזען רעוואָלווער? איך אליין האָב אויך נור איין וואונש — איך וויל שטאַרבען.

דאָס זיינען געווען אונזערע ערשטע ווערטער, און נאָכדעם?... נאָכדעם האָבען מיר פיעל שפּאַצירט צוזאַמען, פיעל געשפּראָכען און ענדליך האָבען מיר בעשלאָסען, מאָרגען צוזאַמען שטאַרבען אין צענט־ראַל פּאַרק אונטער די צוויי אַלטע בוימער. אַה! עס פרייט מיך אַזוי, וואָס פאַר מיין טוידט האָב איך נאָך איין גוטען פריינד ערוואָרבען, וועלען צוזאַמען אריבער די גרענעץ וואָס טיילט אָב דאָס לעבען פון טויט.

אַלזאָ לעבט וואָהל אַלע וועלכע אינטערעסירען זיך מיט מיר! מאָרגען וועל איך שוין דאָ ניט זיין מעהר, מאָרגען וועט זיין מיט צוויי מענשען וועניגער.

אַך די וועלט! מיר איז אַלעס איינס... איך וויל שטאַרבען און וועל שטאַרבען, אָבער זי! ניין! איך וויל גאָר ניט דענקען דערפון, אַז זי, זי וועט אויך ניט לעבען מעהר. דאָך זאָל געשעהען דאָס, וואָס עס דאַרף געשעהן. אדיע! אדיע! לעבט וואָהל!

דריטער טאָג.

מיר האָבען אונז בעגעגענט ווי צוויי אַלטע גוטע פריינד. גליק און פרייד קענען ניט אַזוי פעראייניגען מענשען ווי טרערען און אונ־גליק. מיר האָבען בעשלאָסען צו ענדיגען די שווערע דראַמאַ אַם שנעלס־טען. איך האָב ארויסגענומען מיין רעוואָלווער, זי איהר פלעשעלע גיפט. אויף אַ קליין שטיקעל פּאַפּיער האָט זי מיט אַ ציטערענדע האַנד אויפגעשריעבען: „קיינער איז ניט שולדיג אין אונזער טוידט, אַ גליקליכער צופאַל האָט אונז צוזאַמען געבראַכט אום מיר זאָלען ביידע צוזאַמען שטאַרבען און ענדיגען דאָס ביטערע לעבען!"

און דאן... און דאן האָב איך אויפגעהויבען מיינע אויגען צו זעהן זי צום לעצטען מאָל, עס איז געווען איינער פון די שעהנסטע פריהלינגס טעג — די בוימער האָבען זיך אין די לעצטע צוויי טעג בעדעקט מיט שעהנע גרינע קנעפּלעך, די פויגעלעך האָבען שטאַרק און הילכיג געזונגען פון ליעבע און לעבען, קליינע קינדער מיט צופלאַמטע באַקען און ברענענדיגע אויגעלעך זיינען אַרומגעלאָפען מיט א פרייליכען געשריי און א קלינגענדען געלעכטער. איך האָב אַראָבגעלאָזט מיין קאָפּ און האָב שטיל געזאָגט: „גוטער פריינד, איהר שרייבט, א גליקליכער צופאַל האָט אונז צוזאַמען געבראַכט צו שטאַרבען... ווער ווייס? אפשר האָט דער צופאַל אונז צוזאַמען געבראַכט ניט דערויף... דער פריהלינג איז אַזוי שעהן און זיס, איהר זייט אַזוי יונג און אונגליקליך... נו, לאָמיר אָפּלעגען דעם טויט אויף שפּעטער... שטאַרבען איז קיין מאָל ניט שפּעט... איך וויל ניט וויסען אייער פערגאַנגענהייט... גיט מיר אייער האַנד און לאָמיר לעבען פאַר דער צוקונפט"...

זי האָט לאַנג געשוויגען, איהר געזיכט איז געוואָרען בלאַס, איהרע שעהנע אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרעהרען. ענדליך איז זי צוגעפאַלען צו מיין שולטער מיט א שרעקליך געוויין. עס זיינען ניט געווען קיין טרערען פון גליק, קיין טרערען פון פרייד, עס זיינען געווען בלויז טרערען פון האָפנונג!...

אַך! דער פריהלינג! דער פריהלינג! ווי שעהן און זיס דער פריהלינג איז!

ווי אַזוי בין איך אוים מיליאָנער געוואָרען.

(ערצעהלונג פון א געוועזענעם מיליאָנער אליין.)

דער געדאַנק צו ווערען אונבעדינגט א מיליאָנער איז מיר צום ערשטען מאָל איינגעפאלען אין מאַנהעטען ביטש... אייגענטליך, בין איך און מיינע צוויי גוטע בעקאַנטע אַוועקגעפאָהרען פריהער קיין בעטה ביטש... מיר האָבען אַלע צוזאַמען געהאַט נור זעכציג סענט און מיר האָבען געהאַט אַזאַ חשבון: פון ברוקלין ברידזש ביז בעטה ביטש און צוריק וועט קאָסטען 30 סענט קאַר פעיר און 30 סענט וועלען מיר אַלע דריי פערהוליען. צעהן סענט אויף א פערזאָן, האָבען מיר גערעכענט, איז גאַנץ גענוג... און מיר זיינען געגאַנגען קיין בעטה ביטש... די זונן איז ערשט פערגאַנגען און טויזענדער מענשען האָבען זיך געבאָדען... אַזאַ גרויסער און גוטער ים, דאַכט זיך, — מיר האָבען נור געקענט קוקען פון דער ווייט — עס קאָסט א קוואָדער פאַר א טבילה... מיר האָבען געהערט אויפ'ן פיער שפּיעלט מוזיק און א געוויסער בחור סטיוּאַרט זינגט ווי א בתולה — עס קאָסט איבער צעהן סענט א טיקעט. האָט איינער פון מיינע קאָמפּאַניאָנען געמאַכט א פאָרשלאַג, מיר זאָלען געהן צו פוס קיין קוניע איילענד, אָדער וואָהין די פיס וועלען אונז טראָגען... מיר וועלען זיך קוויקען מיט לופט, כ'יוּ וועלען האָבען „פאַן" און קיין געלד וועט עס אויך ניט קאָסטען.

מיר זיינען געגאַנגען פערביי שעהנע ווילאַס, מיר האָבען געזעהען קינסטלערישע בלומענגערטנער, מיר האָבען געקוקט פון דערווייטענס אויפ'ן ים, מיר האָבען דורכגערייזט אונבעקאַנטע ערטער און מיר זיינען ענדליך שפּעט אין דער נאַכט געקומען אויף א פּלאַץ, וואו מיר זיינען איבערראַשט געוואָרען פון די גרויסע פּאַלאַצען־האָלען, פון די רייכע פּאַוויליאָנען... אַפּעטיט צום עסען האָבען מיר געהאַט ווי וועלף און מיר האָבען געהערט דעם געשמאַקען ריח פון סטייקס, מיר האָבען

געהערט פון דער ווייטענס דעם זיסען קלאַנג פון גאָפּעל און מעסער, פערנומען די הארמאָני פון מוזיק... די לבנה האָט געשיינט, גליקליכע מענשען זיינען אַרומגעפּאָרען אויף זייערע אייגענע קליינע יאַכטעס... קאָרקעס פון שאַמפּאַניער פלעשלעך האָבען געקנאַקט, טייערע פערד האָבען געהערזשעט, פעטע מענשען האָבען געלאַכט... פע! איך האָב מיך בעשלאָסען אונבעדינגט צו ווערען א מיליאָנער.

יעדער מענש מיט ענערגיע קען ווערען וואָס ער וויל. איך בין געוואָרען א מיליאָנער. נאָך דעם זעלבען אבענד האָב איך געמאַכט די ערשטע התחלה. איך בין געזעסען פון איין זייט באַנק אין קאַר און פון דער אַנדער זייט איז געזעסען א פּרוי פון די געפאַלענע ענגלען... אַן אויסגעמוטשעטע האָט זי זיך אומגעקערט פון „חזיר מארק”, וואו זי האָט געהאַנדעלט מיט שווייַנעריי... זי איז אַנדרעמעלט געוואָרען און פון איהר האַנד האָט זיך אַרויסגעגליטשט אויפ'ן באַנק איהר פּאַקעט בוך! מיך האָט עס באַלד א צופּ געטאָן... איך מוז ווערען א מיליאָנער, דאָס איז בעשלאָסען. איך האָב פון זיך אראָפּגענומען די הוט, גלייך מיר איז זעהר היים געוואָרען און האָב גלייכגילטיג אזוי ווי אונגערן צוגעדעקט דעם פּאַקעט בוך... אין דעם פּאַקעט בוך איז געווען 250 דאָלאַר... עס איז טאַקע געווען אַן אתנן זונה, אָבער ווען מען וויל א מיליאָנער ווערען, ווער קוקט דאַרויף? פאַר דעם געלט האָב איך אויפ'ן אַנדערן טאָג געקויפט א טיקעט און ביז אוועק קיין קלאָנדייק גראָבען גאָלד.

מיר זיינען שוין געווען ניט ווייט פון קלאָנדייק ווען אונזער שיף איז אַרויף אויף א שטיין, עס איז געוואָרען א גרויסע מהומה און אַ'ע האָבען זיך א וואָרף געטאָן צו די קליינע שיפעלעך, עס איז געווען זעהר א פינסטערע נאַכט.

אויפ'ן שיף איז געווען א אידעל, וועלכער איז געפאָהרען קיין קלאָנדייק מאַכען גילדערנע געשעפטען... איך האָב געוואוסט אז אין זיין סעטשעל, וועלכען ער האַלט שטענדיג אין האַנד, ליגט א גאַנצע פּויטעקע. ווען די מהומה האָט זיך אויפגעהויבען האָב איך אַרויסגעריסען פון זיינע הענד דעם סעטשעל און האָב איהם אריינגעשטופּט אין וואַסער... דער שרעק איז געווען אזוי גרויס, אז קיינער האָט עס ניט בעמערקט און איך האָב געפונען אין סעטשעל 2700 דאָלאַר... צו א מיליאָן איז נאָך ווייט, האָב איך געטראַכט, אָבער א פונדאַמענט

איז שוין געלעגט געוואָרען... און מיט גאָטעס הילפע, וועט מיר מסתמא געלינגען מיין ציעל צו עררייכען.

אין קלאָנדייק האָב איך זיך בייקאַנט נאָך מיט דריי פייערדיגע חברה־לייט, וועלכע זיינען אויך געקומען מיט'ן בעשלוס צו ווערען מיליאָנערען. מיר האָבען געבילדעט א געזעלשאַפט... פיעל האָבען מיר געליטען, פיעל צרות איבערגעטראָגען, ביז אונז איז ענדליך געלונגען צו געפינען אין אן איינזאַמען אָרט, הויך אויף א בארג, א גאָלד־דענעם „אָדער"... מיר האָבען דאָ אליין פאר זיך אויסגעבויט א שטיבעל און מיר האָבען אָנגעהויבען גראָבען גאָלד. מיר האָבען שוין געהאַט צוויי פעסער מיט גאָלד־שטויב, ווען מיר איז איינגעפאלען דער געדאַנק, פון מיינע שותפים פטור צו ווערען.

דער מיליאָן האָט שוין צו מיר געשמייכעלט... איך האָב נור געדאַרפט נעהמען מיט די הענד, וואָס מיינע אויגען האָבען געזעהן!... נעהם וואָס גאָט האָט די געשיקט! נעהם דעם מיליאָן! — האָט מיר שטענדיג געהילכט אין די אויערען. אָבער זיי זיינען געוועזן דריי און איך איינער. זיי האָבען אלע געטראָגען שאַרפע מעקסיקאַנישע מע־סערס אונטער'ן גאַרטעל און אין די טאַשען... ויהי היום...

איך האָב מיך בעשלאָסען פטור צו ווערען פון מיינע דריי שותפים און ווערן אליין בעל הבית פון די צוויי פעסער מיט גאָלד־שטויב. איך האָב יעדען טאָג זעהר היים געבעטען גאָט, ער זאָל מיר שיקען פון הימעל א גוטען געדאַנק, ווי אזוי מיין פלאַן אויסצו־פיהרען. די שערי שמים האָבען זיך געעפענט, מיינע תפלות זיינען ענדליך אָנגעקומען צום כסא הכבוד און א גוטער געדאַנק איז צו מיר געקומען. דאָס גאָלד האָט זיך שוין געענדיגט אין דער מינע, וואו מיר פלעגען אלע ארבייטען. עס איז שוין קיין עבירה ניט געוועזן די מינע אויפצורייסען מיט פולווער. געווים האָט זי עקספּלאָדירט פונקט אין דער צייט, ווען איך בין ארויסגעגאַנגען נעהמען א גראָב־אייזען און ווען מיינע נארישע שותפים האָבען נאָך פלייסיג געזוכט גאָלד אין דער אויסגעשעפּטער מינע. דאָס גאָלד איז געבליבען ביי מיר.

אין א קורצע צייט ארום בין איך אָנגעקומען מיט מיין גאָלד קיין סאַן פראַנציסקאָ. די רוהם פון דעם אָרענטליכען, ענערגישען מענ־שען, וועלכער איז אין א קורצע צייט געוואָרען א גאָלד קעניג, איז אויף מיר. גייסטליכע מענשען האָבען מיט בעגייסטערונג פון מיר

געפּרעדיגט אין די „גאָטס הייזער", ארבייטער האָבען מיינע ביל־דער געקויפט, געשעפטס־לייטע האָבען אָפט פון ענטהוזיאַזמוס מיינע „גאָלדענע הענט" געקושט... איך האָב מיך בעשלאָסען צו געהן ווייטער מיט'ן וועג, מיט וועלכען גאָט אליין מיט זיין השגחה פּרטית האָט מיך געפיהרט.

מיר איז געוועזן לייכט צו גרינדען אין סאַן־פראַנציסקאָ א געזעל־שאַפט מיט'ן נאָמען „די שמאָלץ גאָלד גרוב קאָמפּאַניע" די קאָמפּאַ־ני האָט געהאַט (געווים, נור אויפ'ן פּאַפּיר) גרויסע גאָלד פעלדער, וועלכע האָבען געאדרפט עקספּלואטירט ווערען. יעדער דאָלאר האָט געקענט געבען צעהן דאָלאר פּראָפיט. איך אליין האָב געקויפט אויף א האַלב מיליאָן דאָלאר אקציען פון דער שמאָלץ גאָלד גרוב קאָמפּאַ־ניע... אויף די בערזען איז געוואָרען אַזאַ מהומה, אַז מען האָט זיך גע'הרג'עט פאר די אקציען, מע האָט געריסען פון די הענד, מענשען האָבען געוואָלט גיך רייך ווערען און זיינען פון הויט געקראָכען צו קריגען אקציען פון דער קאָמפּאַני, וואו דער גליקליכער נייער מילי־אָנער שטעהט אלס גרינדער און דירעקטאָר. די פּרייז פון די אקציען האָט אַזוי געשטיגען, דאָס מען האָט פאר א הונדערט דאָלאר פּאַ־פּיר געצאָהלט צוויי הונדערט און זיעבצעהן דאָלאר... דאָ האָב איך אויף דער בערזע שטילערהייד פערקויפט אַלע מיינע אקציען און איך בין שנעל ארויסגעפאָהרען פון סאַן פראַנציסקאָ נאָך ניו יאָרק.

ווען איך בין נאָך געוועזן אויפ'ן וועג האָט זיך ענטדעקט דער גרויסער שווינדעל. הונדערטער מענשען זיינען בדיל־דל געוואָרען, גרויסע פירמען האָבען באַנקראָטירט, 27 מענשען זיינען פון זינען אראָפּ פון יסורים און שאַנדע, זיעבצעהן האָבען זיך געשאָסען, זיעבען און דרייסיג פערגיפטעט, זיעבען געהאַנגען, ניינצעהן ווייבער האָבען זיך אין וואַסער אריינגעוואָרפען. און מיין רוהם איז געוואָרען גרויס און קלינגענד. ווי א קייזער האָט מען מיך באַגעגענט אין ניו יאָרק. באַנקירען און בראָקערס האָבען מאַרשירט מיט פאָהנען, דריי אָרקעס־טערס מוזיק האָבען געשפּיעלט, מע האָט סאַלוטירט פון קאַנאָנען און אין אַלע צייטונגען איז געווען מיין בילד מיט א קראַנץ פון לאָר־בער בלעטער... גרויסע עדיטאָריעלס זיינען געווען געווידמעט דעם „גרויסען פינאַנסער", דעם אמעריקאַנער אונטערנעמונגס ענערגיע, דעם זשעני פון וואהרען יענקיזמוס (זיי האָבען פארגעסען אַז איך בין ערשט

מיט 10 יאָהר צוריק געקומען פון רומעניען). דאָ האָב איך זיך איבער־צייגט, אַז ווערען אַמיליאָנער איז גאָר ניט אַזוי שווער — מע דאַרף נור האָבען ענערגיע און בעשלאָסענהייט, מע דאַרף מיט דער גאַנצער זעעלע מיט אַלע געדאַנקען וועלען אַ מיליאָנער ווערן און מע דאַרף דער־צו גאָט בעטען, ער זאָל געבען מזל, דאָס הייסט, גליקליכע צופאַלען. איך האָב געשיינקט געלד צו בויען אַ האָספּיטאַל און האָב באַלד גע־קראָגען דעם נאָמען „אונזער גרויסער פינאַנסיסט און פילאַנטראָ־פּיסט"...

ויהי היום בין איך געפאָרען מיט פיעלע פּראָמינעטע מענער אויף מיין יאַכטע צו מאַנהעטען ביטש. ביי מיר איז געווען דאָ זעהר פיעל געסט און ניט איין גוטער פריינד, עס איז געווען זעהר פיעל וואָס צו עסען און קיינער האָט ניט געהאַט קיין אַפּעטיט, מע האָט געטרונ־קען פיעל שאַמפּאַניער און קיינער האָט ניט געהאַט קיין דורשט, מיר זיינען אַלע געווען שכור'לעך און קיינער איז ניט געווען פריילך. דאָ האָב איך זיך דערמאָנט ווי אַזוי נאָך גאָר מיט אַ קורצע צייט צוריק בין איך געגאַנגען צו פוס מיט מיינע צוויי אמת'ע טרייע פריינד קיין מאַנהעטען ביטש, וויפיעל פאַן מיר האָבען געהאַט, ווי לעבעדיג און פריילך עס איז געווען, ווי שטאַרק מיר האָבען געלאַכט, ווי פּיה־לענד עס איז געווען אונזער אַפּעטיט, ווי נאַאיוו און קינדעריש מיר האָבען מקנא געווען די רייכע לייט, וועלכע האָבען געפרעסען און געזויפען, ווען ביי אונז אין די קעשענעס האָט געפייפט דער דלות־ווינד. איך האָב זיך דערמאָנט אויף דער צייט און געגען מיין ווילען, האָט מיין האַרץ מיך אָנגעהויבען ציהען צוריק, איך האָב אָנגעהויבען ביינקען נאָכ'ן פערגאַנגענעם, מיר איז געוואָרען טרויעריג און איך האָב זיך פערטראַכט...

פּלוצלונג הער איך אימצער שטורכעט מיך אין זייט און אַ פרעכע שטימע פרעגט מיך. „וואָהין פאָהרסט דו?"... וואָס הייסט! ווער וואַגט עס פרעגען, וואָהין איך פאָהר אויף מיין אייגענע יאַכטע? אָבער איך האָב נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו קומען צו זיך, ווען אַ שטאַרקע האַנד האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָלנער און האָט מיך אָנגעהויבען אַזוי טרייסלען, אַז איך האָב זיך מיט די ציין אָפּגעביסען אַ שטיקעל צונג (איצט וועט שוין פון מיר קיין רעדנער געווים ניט זיין) איך האָב געעפענט מיינע אויגען און האָב דערזעהן אַז איך זיץ

אין א וואגאָן און געגען מיר שטעהט א בייזער קאָנדוקטאָר... דער גע־וועזענער מיליאָנער איז אין שלאָף פערפאָהרען מיט דרייסיג בלאָק ווייטער און ניט האָבענדיג קיין ניקעל איז ער צו פוס געגאנגען צו־ריק אהיים...

ווי לייכט עס איז אין אמעריקא אוים מיליאָנער צו ווערען!...



ניט גערא͏ָטען.

(א וויסענשאפטליכער ארטיקעל.)

מיין היינטיגער ארטיקעל וועט זיין שרעקליך ניט גערא͏ָטען — איך זאָג דאָס אייך פריהער. פערשטעהט איהר מיך, פונקט היינט איז מיר איינגעפאלען צו שרייבען א „וויסענשאפטליכען" ארטיקעל. איך האָב אויסגעפונען, ווי אזוי עס שרייבען די דאָזיגע, וועלכע האָבען ערפונדען דעם פאטענט אויף „וויסענשאפטליכע שרייבעריי", איך האָב, פונקט ווי זיי, געגען זיך אנידערגעשטעלט די פאָטאָגראפיעס פון קארל מארקס און ענגעלס, צוגעקלעפּט מיט צוקייטע בולקע פון א זשורנאליסטישען „דזשאב" די פיקטשור פון דארווין צום וואנט, אני־דערגעלעגט זיעבען ביכער אויף דעם ביינקעל, אויף וועלכען איך שרייב און האָב אָנגעפאנגען: „די פּראָבלעמען פון די סאָציאלע פערטור־באציאָנען"... הא? וואָס איז דאָס? מען קלינגט? איך שרייב מעהר ניט און הער זיך צו.

איהר דארפט וויסען, אז איך האָב געדארפט צאָהלען רענט נאָך דעם 15טען יולי און איצט שוין דער 4טער אויגוסט. עס איז גע־ווען דער לענדלאָרד, איך הער שווערע טריט אויף די טרעפּ. אוי! דער לענדלאָרד! מיין הארץ פאָכט, דאָס בלוט ווערט פערקיהלט און איך פערטיעף זיך אין די ערשט אויפגעשריבענע וויסענשאפטליכע פראזע „די פראָבלעמען פון די סאָציאלע פערטורבאציאָנען".

מיין לענדלאָרד, ניט פאר אייך געדאכט, האָט מיך דערקענט, אז איך בין במחילה א איד. דאכט זיך, איך רעד מיט איהם דייטש (ער אז אויך א דייטש), ווי א גזלן. איהר מעגט מיך רופען בעריהמער נור איך קען זאָגען, אז אויף דייטש בין איך „איבערהויפט" א גרוי־סער רוצח... מיט איין וואָרט, ער האָט מיך דערקענט. עס דארף ביי אייך זיין ריין, זאָגט ער. דער ערשטער שטאָך אין מיין אידישקייט

איהר האָט צופיעל קינדער, זאָגט ער. ווידער געלאַכט פונ׳ם אידען... אַלזאָ האָבען זי געלד?

פטור געוואָרען! איך שרייב וויעדער. עס איז גאָר ניט אזוי שרעקליך ניט צו צאָהלען רענט, ווי איך האָב געמיינט. ער האָט מיר געזאָגט: איך מוז געלד געבען... א ברירה האָב איך, איך מוז מוזען, אָבער ביז דאָנערסטאָג קען איך רוהיג זיין. איך האָב זיך ביי איהם אָבגעבעטען ביז דאָנערסטאָג און אז איך האָב דערזעהן, אז ער איז מרוצה האָט מיך פערדראָסען, פאַר וואָס האָב איך ניט אָבגעלייגט בעסער אויף שבת. נו, ווי עס איז דערוויילע קען איך מיט א קלאָרען מוח שרייבען ווייטער מיין וויסענשאַפטליכען אַרטיקעל. „די קאָנפליקטען פון דיעזע אַלטערנאַטיווען דער עוואָלוציאָן זינד"... אוי! וועה איז מיר, מע קלינגט.

א נייע צרה; דער אגענט פון סטענדאַרט גאַז קאָמפּאַני, א גראָבער איריש־מאַן, פּרעך ווי א לאָיאַלער חסיד, אַן עזות פנים ווי איינער וואָס דיענט ביי טשאַריטיס. דאָס האַרץ ווערט צוקאָכט אין מיר, ווען איך זעה דעם חברה מאַן... ער נעהמט ניט אראָפּ ביי מיר אין שטוב די היטעל, בעטראַכט מיך ניט מעהר ווי א אידען און רעדט צו מיר, האָבענדיג א פּולע מויל טשו־טאַבעקאָ... פער׳שרפ׳עט זאָלען זיי ווערען! וועניג פינפערלעך און דרייערלעך האָב איך פערברענט דורך זייער גאַז... ער איז נאָך ברוגז. קוים אָבגעבעטען זיך אויף מאָרגען... טו־מאָררא? — זאָגט ער מיט א פעראַכטונג אין טאָן. — העי? אָל רייט... נו, נו!... עס איז שוין א גוטער „אָל רייט". אָבער איך מוז דאָך... איך בין שוין ווידער אַקעגען די פאָטאָגראַפיעס פון די גרויסע געלעהרטע, און איך שרייב ווייטער: „זינד אין דער פּאָליטיק און עקאָנאָמיע די דינאַמישע און סטאַטישע קרעפטע פון דער רעוואָלוציאָן..."

דין!... מען קלינגט ווידער... עס איז געוויס דער בוטשער, איהם קומט שוין העבער צעהן דאָלאַר. נאָכדעם וועט קלינגען דער בעקער, נאָכדעם דער אייזמאַן, נאָכדעם דער... ניין! עס איז אונמעגליך צו שרייבען א געראָטענע זאַך. און ווען איך בערעכען זיך נאָך, פאַר וועמען שרייב איך? דאַרף מיר דאַרען דער קאָפּ און איך דאַרף זיך סטאַרען צו שרייבען פאַר דער גאַז קאָמפּאַניע, פאַר׳ן לענדלאָרד, פאַר׳ן בוטשער, פאַר׳ן בעקער? נון, און אז איך זאָל אפילו שוין יא

וועלען גוט שרייבען, וועל איך דען קענען, ווען יעדע מינוט גיט עס א צופּ, א ריס, ווען פון יעדען קלונג גיט א טיאַבקע אין הארצען, ווען יעדע ווײלע זינגט מיר א בת קול מיט א אומעטיגען נגון: ר' יענקעל, ר' יענקעל! און וואָס וועט זיין מאָרגען?

און אפשר פערקערט? דאָס הייסט אפשר איז דיעזער וויסענ־שאַפטליכער ארטיקעל גאָר ניט אזוי ניט געראָטען, ווי איך מיין? נו'ם איך אָקאָרשט זעהן... וואָס שטעהט דאָ געשריבען? „די פּראָב־לעמען פון די סאָציאלע פערטורבארציאָנען" הם! עס איז ניט שלעכט, ווי איך בין א איד. ווייטער „אין די קאָנפליקטען פון די אלטערנאַ־טיווען דער עוואָלוציאָן..." אויסגעצייכענט, אויף מיין וואָרט... ווײ־טער „זינד אין דער פּאָליטיק און עקאָנאָמי די דינאַמישע און סטאַ־טישע קרעפטע פון דער רעוואָלוציאָן".... עס איז דאָ פּאָליטיק, עס איז דאָ עקאָנאָמי, איהר האָט עוואָליוציאָן, איהר האָט רעוואָלוציאָן, איך האָב אייך געגעבען דינאַמישע קרעפטע, איך האָב אייך געגעבען סטאַ־טישע קרעפטע... לאָז שוין זיין גענוג!

יאָ גערעטען.

(א מאָדעל פון אונפּארטייאישע קריטיק).

איך האָב זיך אונטערגענומען אויפצושרייבען אַן ערנסטען, דורכאוים וויסענשאַפטליכען, אַנאַטאָמיש־פיזיאָלאָגישען און אַנאַליטש־קריטישען ארטיקעל, וועלכער זאָל זאָגאר פאר אמעריקאנער קריטיקער קענען דיענען אַלס מוסטער און מאָדעל פון אונפּארטייליכקייט און איך מעג זאָגען — עס איז מיר גערעטען. אָט דאָ האָט איהר עס וואָרט אין וואָרט:

די נייע פערפאסונג פון אונזער טאַלענטפאָלען פריינד הערר גמליאל בולבע איז, ליידער, ניט געלונגען. פון פּסיחאָלאָגישען שטאַנדפונקט איז דאָס אַ שמאַטע שלא שמאַטאַנו אבותינו. און אין פילאָזאָפישען זינען דעם וואָרטעס איז דאָס ניט מעהר, ווי אַ קוואַטש. איך ווייס, פיעלע וועלען זאָגען, מיר זיינען ברוגז ווייל הערר גמליאל בולבע האָט אונז ניט געגעבען קיין אַדוועטייזמענט.

מע דארף טאַקע זיין אַ אידיאָט, אַ'ן עזות מחוצף פנים — ניט צו פערשטעהן, אַז ביי אונז אַן אַדוועטייזמענט בעצאָהלט זיך מיט פּראָפיט. יאָג

מיר אָבער וועלען אייך ווייזען וויסענשאַפטליך שוואַרץ אויף ווייס, דאָס דער באַזיס פון אונזער קאָמוניקאַציאָן איז דאָס געגרינדעט אויף דעם אינהאַלט פונ'ם ווערק. וואָס קען זיין דער אינהאַלט פונ'ם ווערק? עס איז קיין סוד ניט, אַז דער פּערפאַסער גמליאל בולבע איז נאָך אין דער היים געזעסען אין אַסטראָג, ווייל ער האָט געהאַנדעלט מיט פאַלסיפיצירטע אתרוגים און דאָס אין זיין משפחה איז קיין עין הרע אַ גרויסע נערעטענים אויף פערד־גנבים און קעשענע־שניידערס. דאָס ווערק בעשמוצט דעם גאַנצען יודענטהום, ער־

ניעדריגט די ליטעראַטור און פערבלאָטיגט די ריינע וואַרהייט. ניעדער מיט די שקצים, וועלכע מאַכען פון ליטעראַטור א פּאָמאָיניצע און וועלכע מיינען, אַז מע קען אַוועק מאַכען מיט׳ן האַנד די עפענטליכע מיינונג פון דער פּרעסע!.. מע דאַרף זיין א פערד, מע דאַרף זיין אַן עזעל, מע דאַרף זיין א כלב שבכלבים מע זאָל ניט פערשטעהן, אַז אַן אַדווערטייזמענט, וועלכער קאָסט פופצעהן דאָלאַר, קען אריינברענגען צעהן מאָל אַזוי פיעל. פע! גראָבער יונג!..

אָבער גו—מיר וועלען פאַרט מאַכען דעם אַנאַליז פון דעם אינהאַלט פיינעם בוך פון גמליאל בולבע. די גאַנצע וועלט ווייס, דאָס דער טאַלאַנטפאָלער פערפאַסער האָט אפילו קיין שכל ניט, ווי צו פאָהרען אויף א בייסיקעל און דאָס זיינע א שוועגערין האָט זיך פאַר א יאָהרען געוואָלט שמד׳ען. ווען מען זאָל אפילו ניט גלויבען, אַז דער אמת׳ער פאַקט, וואָס זיין ווייב האָט א מאָל אַזוי לאַנג געדונגען פיש אין מאַרק ביז זי האָט גע׳גנב׳עט א העכט, — מיר זאָגען, ווען מען זאָל אפילו ניט גלויבען, אַז דער אמת׳ער פאַקט איז אמת, איז אויך גענוג טרויעריג, ווען אַזא מענש ווי גמליאל בולבע שטופּט זיך מיט זיין חזיר׳שע חרוקעריי אין די הייליגע טעמפּלען פון ליטעראַטור. וויסענשאַפט און סאָציאָלאָגיע.

מיר זיינען שטענדיג געגען אַלגעמיינהייטען און שימפּפערייען. מיר זאָגען: קריטיק דאַרף נור קריטיזירען. וואָס דאַרף די קריטיק קריטיזירען? קריטיזירען דעם אויטאָר? ניין! די פּערזאָן פון׳ם אויטאָר אַליין איז הייליג און אויסער דעם, ווער וועט זיין א בעלן צו קריטיזירען למשל אַזא אויטאָר ווי גמליאל׳קע בולבאַטש, אויף וועלכען מיר וועלען געווים ניט זאָגען, אַז ער איז א שורקע, א לומפּ און א טויגעניכטס, אָבער אויף וועלכען מיר וואָלט געקענט פיעלעס זאָגען, ווען אונזער מאָטאָ זאָל ניט זיין: אַנשטענדיגקייט, גערעכטיגקייט, פּראָגרעס און ציוויליזאַציאָן!

דאַרום האַלטען מיר זיך צוריק פון יעדע פּערזענליכקייט און מיר קריטיזירען נור דעם אינהאַלט פון דעם אויבענגענאַנטען ווערק. אונזערע לעזער האָבען געזעהן, דאָס מיר האָבען ניט געשפּאָרט קיין מיהע דורכצואַנאַליזירען דעם גאַנצען אינהאַלט פון דיעזען ווערק, וועלכעם גאַנץ גענוי גערופען ווערען שמיר־פּאַטשקעריי. און מיר האָ־

פען דאָס יעדער האָט זיך איבערצייגט, דאָס ווי אונפּארטייאיש מיר זאָלען ניט זיין, איז גמליאל בולבע דאָך ניט מעהר ווי א גנב און א פושע ישראל. א יאָ געראָטען ?

דיעזע קריטיקע איז שוין געוועזען אויפגעזעצט,, ווען הערר גמליאל בולבע איז געקומען אין אונזער רעדאַקציאָן און האָט ערקלערט, דאָס די מיספערשטענדניס מיט דעם אדווערטייזמענט איז געוועזען א מיס־פערשטענדניס. אום צו צייגען אונזער אונפּאַרטייליכקייט, רופען מיר צוריק אַלעס וואָס מיר האָבען געשריבען און ערקלערען אָפען דאָס הערר גמליאל בולבע'ס ווערק איז ווירקליך א מייסטערווערקע, אזעלכע קלאַסי־שע ווערק זיינען א גרויסע זעלטענהייט אין דער אידישער ליטעראַטור און רעקאָמענדירען דאָס ווערק אונזערע לעזער... בראַוואָ, גמליאל בולבע! בראַוואָ!...

אָדם אַ מענש.

(אַן אָריגינעלע פּסיכאָלאָגישע און סענסאַציאָנעלע גרונד־לאַגע).

קודם כל איז כדאי איהר זאָלט וויסען, אַז דאָס איז אַ וויסענ־שאַפטליכער ארטיקעל.

מיר מוזען ארויסטרעטען מיט דיעזע ערקלערונג, ווייל אין אונ־זערע צייטען האָט מען אָנגעהויבען מאַכען, במחילה, פוילע שטיק מיט דער ריינער וויסענשאַפט. איינער נעהמט אַ קאָרעקטורנעם גרייז פון דער ווערטה־סיסטעם, מיט אַן עקוויוואַלענט פון אַ בורזשואַזנע נשמה מיט אַן ארנגרידיענט פון אַ סוועטינג שאָפּ און שטוקעוועט דאָס צו־נויף מיט דעם פּאָדעם פון זיין אונזיניגקייט און זאָגט: דאָס איז אַן עקאָנאָמישע טעאָרי. דער צווייטער נעהמט אַ געדאַנק פון אַ זולל וסובא, אַ רכילות פון אַ רעבעצין אַ זיפץ פון אַ דייטש, ווען ער האָט קאַצעניאַמער און אַ שלוקערץ פון אַ ציגיינער און זאָגט: דאָס איז די פילאָזאָפי פון מאַטעריאַליזמוס. אונזער אָריגינעלע פּסיכאָלאָגישע און סאָציאָלאָגישע גרונד־לאַגע, וועלכע איז בעטיטעלט מיט דעם נאָמען „אדם אַ מענש“, איז טאַקע באמת אַ וויסענשאַפטליכע זאַך. און ווייל מיר ווילען איהר זאָלט עס וויסען, זאָגען מיר עס אייך.

די דאָזיגע זאַך, וועלכע רופט זיך אין איין לאַנד „סיטיזען“, אין אַן אַנדער לאַנד „בירגער“ אין אַ דריטער לאַנד „פּאָדדאַנע“, — איז אַ צוויי־פיסיגע חיה, וועלכע קריגט אין איין לאַנד שמיץ אויפ'ן שטים קאַסטען, אין דער אַנדער לאַנד קריגט זי שמיץ פאר'ן שטים־קאַסטען און אין דער דריטער שמיטץ נאָכ'ן שטים־קאַסטען. הצד השוה שבהם, וואָס אַלע קריגען זיי געשמיסען, און כאָטש זיי זיינען אַם מיינסטען גוים, שמייסט מען זיי דאָך, וואו די אידען האָבען גע־רוהט.

די דאָזיגע צוויי־פיסיגע חיה וואָלט געווען גאָר א נשקשה'־דיגע חיה, ווען זי זאָל צום אונגליק ניט האָבען אינוועניג אין זיך א מין פּסיכאָלאָגישע קאָניושניע, וואו עס איז צוגעבונדען אויף א שטריק א מין בעשעפעניס, וועלכע רופט זיך במחילה, אדם א מענש.

אָט די דאָזיגע בריאה, וועלכע איז שטענדיג אויפ'ן שטריק, מאַכט אָן אַלע צרות. די צוויי־פיסיגע חיה אליין, אַן זיך און פיר זיך (ווי־סענשאפטליך איא?) איז זעהר א געוועהנליכע חיה. אין איהר נאַ־טירליכען לעבען איז זי ניט פיעל ערגער פון א פערד, פון אַן אייזעל, פון א באָק. זי עסט, זי טרינקט, זי שלאָפט, ווי אַלע סקאָטינעס אין דער וועלט. מען וואָלט געקענט מיט דער חיה אויסקומען, ווען ניט די צרה, וועלכע רופט זיך מענש און וועלכע רייסט זיך אָפּט אָפּ פון שטריק און שפּרינגט ארויס פון איהר פּסיכאָלאָגישען שטאַהל.

ווען די זאַך, וואָס רופט זיך מענש, רייסט זיך אָפּ פון שטריק, ווערט אַלעס איבערגעקעהרט קאָפּויר מיט די פיס. אַלעס וואָס עס איז אין דער חיה געזונד, ווערט קראַנק, אַלעס קראַנקעס ווערט געזונד. אוננאַטירליכעס וויל ער, אדם דער מענש, מאַכען נאַטירליך און נאַ־טירליכעס — אונ־נאַטירליך... די חיה וויל עסען און דאָס מענשליכע פּילאָזאָפירט. די חיה וויים ניט פון גערעכטיגקייט און דאַרף ניט קיין פּריזאָנס, קיין קייטען, קיין סאָלדאַטען, קיין פּאָליציי, קיין עשאַפאָטען קיין עלעקטרישע טשערס, קיינע גאַלגענס. און אדם דער מענש דענקט זעהר פיעל און זעהר שטאַרק פון אמת'ע גערעכטע גערעכטיגקייט און דערפון קומט ארויס זעהר פיעל גנבות, רציחה, גזלה און שפיכת דמים.

כדי די בעשעפעניס, וועלכע רופט זיך „אדם א מענש" זאָל זיך ניט קענען אָפּרייסען פון שטריק און ארויסלויפען, פערצאַמט, מען זיין פּסיכילאָגישע קאָניושנע מיט פערשיעדענע צאַמען. מע פערצאַמט עס מיט א זאַבאָר פון רעליגיאָן, מיט א „הרעבליע" פון מאָראַל, מיט אַן אייזערנע רעשאָטקע פון געזעצע, מיט שטעכענדיגע ראַגאַטקעס פון פּרינציפּען... אָבער „אדם דער מענש" האַלט זיך דאָך ניט איין אויפ'ן שטריק. ער שפּרינגט אריבער איבער דעם זאַבאָר פון רעליגיאָן, קוליעט זיך אריבער איבער דער מאָראַל, צוברעכט מיט זיין אייגענע קאָפּ די אייזערנע רעשאָטקע פון פּרינציפּען און ער קעהרט וועלטען.

דאָס אַלעס וויסען, קענען און פערשטעהן, הייסט, זיין אַ פּסיכאָ־לאָגישער סאָציאָלאָג אָדער אַ סאָציאָלאָגישער פּסיכאָלאָג.

די פּסיכאָלאָגיע טיילט זיך אויף צוויי חלקים. איין חלק רופט זיך אינדיווידועלע פּסיכאָלאָגיע, דער אַנדער חלק רופט זיך קאָלעקטיווע פּסיכאָלאָגיע.

ווען אדם אַ מענש רייסט זיך איינער אליין אָפּ פון שטריק און שפּרינגט ארויס פון זיין שטאַהל — איז דאָס אינדיווידועלע... און ווען אַ גאַנצע טשערעדע מענשען רייסען די שטריק מיט איין מאָל, איז דאָס קאָלעקטיווע...

ווען, כדומה למשל, איין אדם אַ מענש זעהט גנב'ענען אליין פאַר זיך, איז דאָס אינדיווידועלע, ווען ער זידעלט דעם צווייטען מיט זיין אייגענעם מויל, איז דאָס אינדיווידועלע. אָבער ווען עס קלייבט זיך צונויף אַ באַנדע מען זאָל צוזאַמען מאַכען אַ טראָסט אָדער אַ בענע־וואָלענט סאָסייטע, אָדער צוזאַמען ארויסגעבען אַ קהלשע צייטונג צום זידלען זיך, איז דאָס קאָליקטיווע.

אדם דער מענש האָט גענוג מיטלען צו פּלאַגען און מאַטערען די צוויי פיסיגע חיה אין וועלכער ער איז אַ „טענענט”. כנגד המנ'ס צעהן בנים האָט איהם די נאַטור געגעבען עשרה מכות ואילו הן: דענקען, ניט פערגונען, געלוסטען, פאָרשען, שטאָלצירען, פאַנטאַזי־רען, פּאָעטיזירען, אַנאַליזירען. און זיין ערגסטע מכה, אין וועלכע עס געפינט זיך אַלעס, פון דם צפרדע ביז מכות בכורות, איז דאָס, וואָס ער קען רעדען...

אָבער... גענוג רעדען!...

לאדזשען און בלי קדש.

אַרונטער מיט די פּיאַטעס.

(כמעט אַ הומאָריסטישע ערצעהלונג).

1.

דער מיטינג איז געווען זעהר אַ וויכטיגער און דארום זיינען אַלע ברידער פון „אגדות בני פזור קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין" גע־זעסען אויף זייערע ערטער, ווען דער ברודער פּרעזידענט האָט דריי מאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין האַמער, דריי מאָל אַ הוסט געטאָן, דריי מאָל אַ שנאָרך געטאָן מיט זיין נאָז און האָט אָנגעפאַנגען, לאמר, אַזוי צו זאָגען:

— געליעבטע ברידער פון הארצען! אונזער טאָגעס אָרדנונג פון דער נעמליכער פערזאַמלונג פאַנגט זיך אָן מיט דער וויכטיגער פראַגע: אַרונטער מיט די פּיאַטעס, אַלזאָ געוועהנליך מוזען מיר אַלעם ערשטען דעבאַטירען די פראַגע פון אַרונטער מיט די פּיאַ־טעס.

עס איז גאַנץ ענאָל פיר יעדערען דאָס ברודער־ליעבע און הו־מאַניטעט זיינען די פּרינציפּיעלע שטאַנדפּונקטען פון אונזער „בני פזור קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין", אַלזאָ האָבען מיר אין אַלגע־מיין פאָרהער פון אַלערדינגס געקויפט פיר אונזער געלד עטליכע לאָטס ערד צו בעגראָבען אונזערע זעליגע און גאָטעס זעליגע ברידער. אונגליקליכער ווייזע עקזיסטירט דאָ אָבער איין „בני דלפון קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין" וועלכער, געוועהנליך, בעגראָבט אויך זיי־נע ברידער און נאַטירליך לעבען אונז, אַ לאָט נעבען אַ לאָט ווי אַ קישען נעבען אַ קישען אין אַ דאָבעל בעט. אין דעם פערלויף פון אַ קורצע צייט צוריק איז ביי זיי געשטאָרבען אַ גאָטזעליגער ברודער און זיי האָבען איהם זאָ בעגראָבען, דאָס ער איז הערויין מיט זיינע

בני דלפון אונטערשטיצונגס פּיס גראַדע צו די בני פּזור אריין, זאָ צו זאָגען, אין האַלז אריין, דאָרום —

אין אַנבעטראַכט דאָס מיר זיינען אגודת בני פּזור קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין און זיי זיינען ניט מעהר ווי, עקסקיוז מי, בני דלפון קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין;

אין אַנבעטראַכט דאָס קריכען מיט פרעמדע פּיאַטעס אין אַ פרעמדען „הייליג אָרט" איז געגען די געזעטצע, געגען די לאָו און געגען מאָראַליטעט.

אין אַנבעטראַכט דאָס די גאַטזעליגע מעמבער פון די בני דלפון'ס האָבען אונז צוגעפיגט טראָבעל און דעמעדזשעס אויף טויזענד דאָלאַר איז בעשלאָסען אויפצופאָדערן די ברידער פון בני דלפון, צו בעצאָהלען די בני פּזור טויזענד דאָלאַר און ווען ניט דאַן נעהמען מיר אַ פּראָמינענטען לאָיער און ארונטער מיט גאָטזעליגע פּיס! ארונטער מיט די בני דלפון פּיאַטעס!...

די גלענצענדע רעדע פון פּרעזידענט האָט בעגייסטערט אַלע בני פּזור און זיי האָבען געשלאָסען דעם מיטינג מיט ווילדע געשרייען: אַרונטער מיט די פּיאַטעס! ארונטער!...

2.

דער צווייטער מיטינג איז געווען נאָך וויכטיגער. דער בני דלפון קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין האָט געשיקט דעלעגאַטען צו די בני פּזור קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין. דער האָל, וואו עס איז געווען אַ בית המדרש, אַ טאַנץ־קלאַס און אַ פינף־סענטיגער לאָדזשינג הויז איז געווען געפּאַקט. דער פּרעזידענט האָט געהוסט מיט צוויי טאָגען העכער, דער וויצע פּרעזידענט האָט זיך פערקאַמט, אָבוואָהל דער מיטינג איז געווען אין מיטען דער וואָך, דער סעקרעטער האָט זיך אויסגעפּוצט די שטיוועל. אַלעס איז געווען יום־טוב'דיג.

— געליעבטע ברידער פון מיין הארצען — האָט אָנגעפאַנגען דער פּרעזידענט — די געליעבטע ברידער פון בני דלפון האָבען אונז געשיקט עלף דעלעגאַטען און געוועהנליך איזט זייער קרעדענשיעל אַלל רייט, אַלזאָ געהערט דאָס וואָרט צו די דעלעגאַטען. איז אונטערשטיצט? אונטערשטיצט!

דאַן האָט זיך געשטעלט איינער פון די עלף דעלעגאַטען און האָט אָנגעפאַנגען, לאמר, אזוי צו זאָגען:

דאָס עקזעקוטיווע קאָמיטע פון „אגודת בני פּזור קראַנקען אונטער־שטיצונג פעראיין“ האָט זיך געווענדעט צום באָארד אָף טראָסטים פון בני דלפּון קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין מיט דער אויפפאָ־דערונג, דאָס דער בני דלפּון קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין זאָל געבען א סאַטיספעקשיאָן דעם בני פּזור קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין זאָ ווייל די מעמבערס פון בני דלפון קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין האָבען ניט דאָס רעכט צו קריכען מיט זייערע פיס צו די בני פּזור קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין. יעצט זיינען מיר די דעלעגאַטען פון בני דלפון קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין אויף דעם פערזאַמלונג פון בני פּזור קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין. וואָס קענען זאָגען די פאָרשטעהער פון אונזער קראַנקען אונטערשטי־צונג פעראיין צו די מעמבערס פון אייער קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין? געוועהנליך, טויזענד דאָלאַר פערלאַנגט דער בני פּזור קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין און נאַטירליך זאָגאַר איין סענט וועט ניט געבען דער בני דלפון קראַנקען אונטערשטיצונג פעראיין! (שט! שטיל! אָרדער! אָרדער! פאַר וואָס קומט דאָס זיי? א מכה! אָרדער! חריאַקע ניט! דער האַמער קלאַפּט, דער דעלעגאַט זאָגט ווייטער) די אורזאַכע דערפון איז: די בני דלפון האָבען בעגראָבען זייער ברודער אין אָרדנונג און וואָרום דער גאָטזעליגער איז אליין אָהן דער בעשטימונג פון די ברידער, אריינגעקראָכען מיט די פיס צו די בני פּזור דאַרף ער אליין פעראַנטוואָרטליך זיין. צווייטענס, אום צו פערמיידען קריעג ערלויבען מיר אייך אייערען א גאָטזעליגען ברודער צו בעגראָבען אזוי, אז אַנשטאַט אונזער גאָטזעליגען׳ס פיס זאָל ליגען ביי אונז אייער גאָטזעליגער קאָפּ. דריטענס, ווען איהר קענט דורך פּאָליציי אָדער מיט א מאַרשאַל צווינגען דעם גאָטזעליגען ער זאָל זיך מיט זיינע פיס ארויסקלייבען פון הייליג אָרט האָבען מיר גאָר ניט דאַגעגען. דאָס איז דער אַנטוואָרט פון בני דלפון קראַנקען אונטערשטי־צונג פעראיין צו די אגודת בני פּזור קראַנקען אונטערשטיצונגס פער־איין.

דאָ איז געוואָרען פון מיטינג א מיש־מאַש! האַ? שאַ! אָרד־נונג! האָבען געדונערט אַלע מעמבערס, די דעלעגאַטען האָבען געמאַכט

מיט די הענד, דער פּרעזידענט האָט געקנאַקט מיט'ן האַמער און דער גאַנצער האָל האָט ווידער געררוישט פון די קולות און ווילדע געשרייען. אַרונטער מיט די פּיס! אַרונטער מיט די פּיאַטעס!

.3

די אָרעמע אַלמנה פראַדע האָט זיך גוט אויסגעוויינט פאַר'ן שלאָף. זי האָט זיך צוגעדעקט מיט אַלטע שמאַטעס און איז אַנשלאָפען געוואָרען מיט אַ שווערען, אונגעזונטען, אונרוהיגען שלאָף... פּלוצ־לונג הערט זי די טהיר עפענט זיך און איהר געשטאָרבענער מאַן געהט אריין אַן אויסגעדאַרטער, אַ בלאַסער, מיט אַ טרויעריג געזיכט...

געה צו דיין רוה, וויל זי זאָגען, אָבער איהרע ליפּען בעוועגען זיך ניט און דער טויטער טרעט צו נאָך נעהענטער און זאָגט שטיל: פראַדע! איך הער יעדען טאָג ווי מען טרעט מיין קבר מיט די פּיס, מען בעלעדיגט מיך, מען קריגט זיך איבער דעם וואָס מיינע פיס ליגען אויף אַ פרעמדע שטיקעל ערד... איך בעט דיך, פראַדע, געה זאָג זיי: איך בין געווען אַ שווערט מעקער און איך האָב מיין גאַנצען לעבען ניט געהאַט קיין מעגליכקייט אויסצוציהען מיינע אויסגעדאַרטע פּיס. ביי טאָג בין איך געזעסען צוזאַמענגעבויגען און צונויפגעקאָרטשעט ביי דער מאַשין און ביי נאַכט בין איך געווען צוזאַמענגעשרויפּט פון קעלט און קראַנקהייט... נאָר נאָך מיין טויט איז מיר ענדליך געלונגען מיך און מיינע צונויפגעקאָרטשעטע פיס אויסצוציהען...

די אָרעמע אַלמנה וויינט פון שלאָף מיט אַ שטילען טרויעריגען געוויין... אוי! אוי! קרעכטשעט זי לאַנגזאַם און דער זייגער קלאַפּט צוועלף...

צוויי נפשות!

(א ריכטיגע מעשה פון א ווייסען פערד און פון א דיקען גרענד־מארשאל.)

1.

„אלזא, ברידער, געוועהנליך, מוזען מיר בעשליסען ווי דעם הער־ליבען פאראד פון אונזער יאהר־פעסט צו בעזאָרגען, דאָס יעדער שטוקע זאָל געשטיפט ווערען זיין אָלל רייט . . . אלזאָ, סויטעגלי, מוזען מיר דעם אָרדנונג אויסמאכען זאָ אכטונגספאָל, עס זאָל, געוועהנליך, ניט איבערדריסליך און ניט איבערפליסליך זיין!״ . . .

די רעדע האָט געהאלטען מיסטער מאיק קרעפּעלשלינגער אויף א מאסענפערזאמלונג פון אלע מעמבערם פון דעם וואהל בעקאנטען „רו־סישע־צארעווא־קאָקשייער־סאָלדאטען־ברידער־בענעוואָלענס - אונטער־שטיצונגס פעראיין״. די ווערטער זיינען ביי איהם געגאנגען פון האלז גלייך ווי צוויי צארעווא־קאָקשייער־סאָלדאטען־ברידער וואָלטען איהם געשטיקט. ער איז געוועזן רויט ווי אָן אָבגעקאָכטער קראב און אויפגע־רעגט, ווי א קאָץ, וועלכע זעהט פון דער ווייטען א קריגעל מיט סמע־טענע. מיר מוזען ערקלעהרען, וואָס איז דאָס פאר א סאָלדאטען־ברי־דער פעראיין און פאר וואָס איז געוועזן מיסטער מאיק קרעפּעלשלינגער אזוי אויפגעטראָגען.

דער „רוסישע־צארעווא־קאָקשייער־סאָלדאטען־ברידער פעראיין״. איז געגרינדעט געוואָרען מיט איין יאָהר צוריק. דער ציעל פון דעם פער־איין איז צו טראָגען א מונדיר מיט בליסצענדע קנעפּ, א שפּאָגע מיט א זילבערנעם קוטאס, און שמאָלע הויזען מיט ברייטע גענעראלס־קי לאמפּאסען. ערשטע גרינדער פון דעם פעראיין זיינען רוסישע יונגע

ליט, וועלכע קענען די רוסישע שפּראַך גאַנץ גענוי גראָדע ווי דעם ראַסטאָווער רב׳ס רעבעצין...

נור ווייל אַמעריקאַ איז אַ פרייע לאַנד און יעדער מעג דאָ טראָגען ברייטע גענעראַלסקע לאַמפּאַסען מיט אַ שפּאַגע, האָבען זיי גע־גרינדעט אַ רוסישען סאָלדאַטען פעראיין פון לויטער גענעראַלען... מעמבערס האָבען זיי גענוג, וואָרום עס איז דאָ נאָך גענוג יונגע אַר־בייטער, וואָס ליעבען שמאָלע הויזען מיט לאַמפּאַסען. אַ קאָנסטיטו־ציאָן האָבען זיי געוויס, און דאַצו אַלע אָפּיסערס ווי עס געהער צו זיין. מהיכא תיתי! פאַר וואָס ניט? אַ דייטש מעג האָבען סאָלדאַטען פעראיינען, פאַר וואָס זאָל אידעלע קנאַקער אויך ניט שפּיעלען זיך אין סאָלדאַטלעך?

מאַיק קרעפּעלשלינגער איז דער איינציגער סאָלידער מעמבער צווישען אַלע מעמבערס. ערשטענס איז ער ניט גלאַט אַ שניידער, נור אַ קאָסטיום שניידער; צווייטענס, איז ער אַ באָס און האָט אליין אַ שאָפּ; דריטענס, איז ער שוין אַ בעיאָהרענטער מענש און וועגט צוויי פוד מיט זיעבצעהן פונט... פיערטענס, האָט ער זעהר פיעל עקספּיריענס, וואָרום ער איז אַ מעמבער אין פערשיעדענע לאָדזשען, פעראיינען, סאָסייעטעס... און האָט אַ ווייב אַ דייטשקע...

פאַר וואָס זשע איז אונזער מאַיק קרעפּעלשלינגער אַזוי שטאַרק אויפגערעגט? פערשטעהט איהר מיך — אין גיכען וועט דער „רו־סישע־צאַרעוואָ־קאָקשייער סאָלדאַטען ברידער אונטערשטיצונגס פער־איין" פייערן זיין יאָהרעס־פעסט. עס איז בעשלאָסען אַז אַלע מעמ־בערס וועלען פּאַראַדירען איבער די גאַסען פון ניו יאָרק מיט זייערע שמאָלע הויזען, מיט זייערע שווערדען, גלאַנצענדיגע קנעפּ, לאַמפּאַ־סען און שמויסענע קיטלען, אחוץ דעם וועט אויך זיין אַן אָרקעסטער מוזיק און דער אויסערוועהלטער גרענד מאַרשאַל וועט פאָהרען פאָר־אויס אויף אַ ווייסען פערד מיט אַ דרייעקיגע קאָפּ אויף זיין הוט און מיט אַ ברייטע רויטע זיידענע לענטע אויפ׳ן ברוסט... שטעלט אייך פאָר: סמירנאָ! שרייט דער גרענד מאַרשאַל צו די צאַרעוואָ־קאָקשייער ברידער סאָלדאַטען... און טראָגט צו דעם שווערד צום נאָז!.. מוזיק שפּילט, דער פערד הירזשעט, די „ברידער" מאַרשירען, די קנעפּ בליש־טשען, די אינגלעך לויפען נאָך, די מיידלעך און ווייבלעך קוועלען פון נחת... טו! טע־רו־טרו־רע־טרו־טו!... דער האָרן בלאָזט!...

עס איז ניט שופר של משיח—דאָס איז אַ טריאומף פאַראַד פון די ברוי־דער סאָלדאַטען בענעוואָלענט אונטערשטיצונג... נאָך בעצייטענס ציטערען די פיס, קלאַפּען די ציין און פרייען זיך די הערצער...

יאָ! אָבער ווער וועט זיצען אויף'ן פערד? ווער וועט זיין דער קאָמאַנדיר פון פאַראַד, אויף וועמען וועט פאַלען די גרויסע עהרע צו זיין אַ גרענד מאַרשאַל? מיסטער מאַיק קרעפּעלשלינגער רעכענט, אַז איהם קומט דער כבוד... ערשטענס, ווער האָט נאָך אַזאַ בייכעל ווי ער? און צווייטענס, ער האָט זיך שוין אויפגענעהט אַ פּראַכטפאָלען כונדיר מיט אַ פּאָר זעלטענע מיליטערישע תחתונים... דריטענס, ער האָט קיין צייט ניט געהאַט און האָט שוין בעריהמט זיך פאַר זיין דייטשקע, אַז ער איז שוין לאַנג אויסערוועהלט...

„אַלזאָ, ברידער־סאָלדאַטען, זאָגט מיסטער מאַיק, געוועהנליך איז דער אָרדנונג פון דער פאַראַדע צוגעפּאַסט, אָבער געוועהנליך... מע מוז בעזאָרגען איין אַנשטענדיגען גרענד מאַרשעל מיט אַ ווייסען פערד”... ווייטער האָט ער ניט געקענט רעדען, דער אָטהעם האָט פערכאַפּט, דאָס הארץ האָט געציטערט, דער בויך האָט זיך געהויבען אין דער ברייט און דער לענג...

.2

יעדע זאַך הענגט אָב פון מזל. אז דער מזל גליקט — גילט ניט קיין חכמה, קיין תורה, קיין יחוס... אַלזאָ, מזל טוב! פאַר אַ גרענד מאַרשאַל איז טאַקע אויסערוועהלט געוואָרען מיסטער מאַיק קרעפּעל־שלינגער... דאָס האָט געמאַכט אויף איהם אַזאַ שטאַרקען איינ־דרוק, אַז ער האָט געוויינט פאַר שמחה מיט ביטערע טרערען. ער האָט אַלע ברידער רוסישע צאַרעוואַ קאָקשייער זעלנער איינגעלאַדען אין אַ סאַלון, האָט זיי געטראַקטירט מיט ביער און גוטע סיגאַרען... נאָך דעם האָט ער זיך אָנגעהויבען גרייטען צום גרויסען יום הדין — צום פאַראַד, ווייל ער האָט שטענדיג געטראַכט פון דעם פאַראַד, פון דעם ווי ער, דער גרענד מאַרשאַל, וועט פאַראַדירען צוזאַמען מיט'ן ווייסען פערד, ווי אַזוי ער וועט זיצען אין זאָטעל מיט די האַנד אונ־טער די ריפּענס, האָט ער פערקירצט עטליכע רעק און פערשמאָלט עט־ליכע פּאָאַר פלודערען... ווי ער פלעגט זיך נור דערמאָנען אָן דעם

שעהנעם גליקליכען טאָג, פלעגט איהם א קיצעל טאָן אונטער׳ן „לאַ־פאַטקע” און דאָס האַרץ פלעגט אָנהויבען טיאָכקען, טיאָכקען... איינציגע מאָל פלעגען איהם אויך טרויעריגע געדאנקען קומען אויפ׳ן זינען: וועט זיין א שעהנער וועטער? וועט ער קענען זיצען אויפ׳ן פערד?... געוויס, ער האָט זעהר אָפט געזעהן ווי אנדערע רייטען אויף פערד, אליין אָבער איז ער נאָך קיין מאָל אויף קיין פערד ניט געזעסען.... דאָך אָבער די טרויעריגע געדאנקען פלעגט ער באלד פעריאָגען. עטליכע מאָל אין טאָג האָט ער געמאָסטען די הויזען מיט די ברייטע לאַמפאַסען, דעם מונדיר מיט די געגילטע קנעפּ... וואָס ווענינער עס איז געבליבען צו ווארטען, דאָס גרעסער איז געוואָרען זיין אויפרעגונג... ארבייטען האָט ער ניט געקענט, ער איז געזעסען גאַנצע טעג אין די ביער סאַלונען און ביי זיינע בעקאַנטע און האָט יעדען גאַנץ „פּאָליטיש” געגעבען אָנצוהערען אז דעם דריטען מערץ וועט ער פּאַראַדירען... ער, דער גרענד מארשאַל, מיסטער מאַיק קרעפּעלשלינגער. אַך! ווי לאַנגזאַם ציהט זיך די צייט... אָבער גע־דולד! גערולד! דער גליקליכער טאָג וועט קומען אין די גאַנצע וועלט פון קאַנעל סטריט ביז האָוסטאָן וועט זעהן דעם שעהנעם, דעם גֶעט־ליכען, דעם פּראַכטפאָלען פּאַראַד פון די רוסישע צאַרעוואַ־קאָקשייער סאָלדאַטען ברידער בענעוואָלענט אונטערשטיצונגס פעראיין!... און ער, אַזוי ווי אַ קיסר אויף אַ ווייסען פערד... אַך! גיכער! גיכער!...

3.

עס איז געשעהען! דער טאָג איז געקומען!... גאַנץ פריה האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטורעם ווינד מיט אַ שלאַגס־רעגען... די גאַסען פון דאַון טאַון האָבען זיך בעדעקט מיט בלאָטיגע טייכען... אָבער וואָס קען אָבהאַלטען אַ טאַפּפערען זעלנער פון זיין היילינע פליכט? וואָס קען ערשרעקען אַ צאַרעוואַ־קאָקשייער ברודער ווען ער דאַרף פייערען דעם גרויסען טאָג פון זיין יאָהרעס פעסט? פּונקט צו דער מינוט האָבען זיך פערזאַמעלט אַלע סאָלדאַטען אין זייערע פּראַכטפאַלע קאָסטיומען. זיי זיינען אַלע געוועזן צו־ווייקט, אָבער פריילֹיך און מונ־טער... די מוזיק איז געקומען, עטליכע אינגלעך זיינען שוין געשטאַנען אויף די קאָרנערס... אַלע זיינען געווען אויפגערעגט, די „אָפיסערס”

זיינען אומגעלאָפּען פערסאָפּעט אהין און אהער... דער „גרענד מאַר־שעל" האָט אויסגעטרונקען עטליכע פיינט ביער און איז דאָך געשטאַ־נען ניט טויט און ניט לעבדיג... באַלד... באַלד וועט מען ברענגען דעם ווייסען פערד... די טרובעס וועלען אָנהויבען טרובען, די שווער־דען וועלען קלינגען... דער פּאַראַד וועט זיך אָנפאַנגען...

— אָה, וואָס איז דהע מעטער וויט יאָו! האָט געזאָגט בייז א געלער איירישמאַן, ווען ער האָט צוגעפיהרט צום גרענד מאַרשאַל א ווייסען פערד און האָט דערזעהן אז דער „גענעראַל" זעצט זיך אזוי, אז זיין פּנים וועט אויסקומען צום פערד'ס רוקען...

— אָלל רייט! אָלל רייט! האָט געענטפערט שטיל מיסטער קרע־פּעלשלינגער מיט א שוואַכע שטימע. זיינע ציין האָבען געקלאַפּט, די פיס האָבען זיך אונטערגעבויגען און דער פּופּיק האָט געציטערט... דער יונגער און ערעלער פערד האָט א קעהר געטאָן זיין קאָפּ און האָט בייז א קוק געטאָן אויפ'ן רייטער... ער האָט באַלד פערשטאַנען אז אויף זיין שטאַרקען רוקען וויל זיך זעצען א קאַוואַלעריסט, וועלכער איז נאָך קיין מאָל אין זיין לעבען אפילו אויף קיין קליאַטשע ניט געזעסען... ער האָט זיך בעלעדיגט און האָט אָנגעהויבען צו פּירקען, גלייך ווי א יונגער גענאָסע אויף א דעבאַטע. אָך! קוים האָט זיך נור דער דערשראָקענער „גרענד מאַרשאַל" אריין גערוקט אין זאָ־טעל אריין, קוים האָט ער נור גענומען די צוים אין זיינע שלאַפּע הענד, קוים האָט ער נור א טראַכט געטאָן, ווי געטליך ער וועט אויסוויי־זען אין זיין פּראַכטפאָלען מונדיר מיט דעם באַנד אויף אזא שעה־נעם ווייסען פערד, — איז געשעהן עטוואָס שרעקליכעס... עטוואָס, וואָס איז אונמעגליך צו בעשרייבען... דער ווייסער פערד האָט אָנ־געבלאָזען זיינע נאָזלעכער, האָט א פּאָר מאָל מיט אונגעדולד א קלאַפּ געטאָן מיט'ן פוס איבער די שטיינער פון גאַס... האָט געגעבען א שטאַרקען חראַפּ... און נאָך דעם!.. אָך און וועה! ער האָט א פּיצקע געטאָן מיט'ן עק, און אין איין אויגענבליק זיינען זיי ביידע געפלויגען מיט די קעפּ אין דער ערד אריין... דער גרענד מאַרשאַל האָט איבערגעקעהרט אויף זיך א פולען באַרעל מיט מיסט, האָט זיך אליין נעביך אזוי ווי בעגראָבען לעבעדיגערהייד אונטער א באַרג מיט „אונרייניגקייטען" און איז געבליבען אין אָהנמאַכט... דער ווייסער פערד האָט זיך געוואָרפען און געצאַפּעלט ניט ווייט פון איהם...

א שרעק, א טומעל, א ליאַרעם, א געוויין... וועה! וועה! האָ־בען אַלע אָנגעהויבען צו שרייען. צוויי נפשות מיט איין קלאַפּ!... אַזא טייערער פערד און אַזא ליעבער גרענד מאַרשאַל!... אונגליק אונגליק!

נאַרישע מענשען, זייער שרעק איז געווען אומזיסט: דער ווייסער פערד האָט זיך נור צו קראַצט אביסעל דעם חלק פון וואַגען דער עק וואַקסט, און דער גרענד מאַרשאַל האָט זיך נור שטאַרק דערשראָקען, און זיינע טייערע הויזען מיט די ברייטע לאַמפּאַסען האָבען זיך אויף צו להכעיס צוריסען אויף אַזא אָרט, פון וועלכען עס פּאַסט ניט צו רע־דען... פערפאַלען די לענטע, די הויזען, דער מונדיר, די סיגאַרען, דעריבער, שעהנע עטליכע דאָלאַרס... דער גרענד מאַרשאַל מיט'ן פערד האָבען ניט פּאַראַדירט... אָט דאָס איז יאָ, ווי מען זאָגט: א גור־טער פאַל קומט ממילא...

נײַן! ניט פּיק און ניט ניק!

(ערצעהלונג פון א מעמבער פון די „בני לעקיש בער".)

אזוי ווי עס קען ניט זיין קאַלט אָהן קעלט און שבת צו נאַכט יו"ט אָהן יקנה"ז אזוי ווי עס קען ניט זיין ליכטיג אָהן ליכט און שבועות אָהן אקדמות מילין; און אזוי ווי עס קען ניט זיין נאַס אָהן פייכטקייט און יום כפור אָהן כפרות, אזוי געוועהנליך, בין איך א מעמבער פון דער בעריהמטער סאָסייטי „אגדות אחים בני לעקיש בער"...

אַלזאָ קומט צו געהן א ברודער פון אונזער סאָסייעטי „אגודת אחים בני לעקיש בער" און שלאָגט מיר פאָר א רעזאָלוציאָן איך זאָל ערווערבען, געוועהנליך, א טיקעט אויף דעם פּיק־ניק פון דעם פעסט טאָג פון דער סאָסייעטי פון „אגודת אחי בני לעקיש בער", ביקאָז איך בין אמענש, ביקאָז איך בין א איד און ביקאָז איך בין א מעמבער האָב איך באַלד ארויסגענומען פון טאַש, געוועהנליך, דעם לוח און האָב געפרעגט: ויהי היום? וואָס פאַר א טאָג? — מאָנטאָג דעם נײַנטען סעפּטעמבער. — מה יקר? — פינף און צוואַנציג סענט. — קען מען ניט ביליגער? איך בין דאָך א מעמבער און צאָהל געלד פאַר־אוים? געוועהנליך, אַלזאָ וואו איז דער פּלאַץ? „וואודלאַנד אמערי־קאַן־סופּיריאָר־קאַר־עקסעלזיאָר פּארק־גאַרדען". די „קאַר" פאָהרט אריין מיט'ן דישעל גראַדע אין מיטען פּארק אריין. די לופט איז פריש ווי די זונן, די בוימער זיינען גרין ווי דער קלאָרער מאַנד מיט די שטערען די בלומען שמעקען ווי א גוטער ראָסעל פליישׁ.

געוועהנליך, מען זיצט גאַנצע יאָהרען אין איינגע רומס, שמוציגע גאַסען, שטויביגע סטאָרס, פינסטערע שאַפּס און מיין ווייב איז דאָך א אידענע, האָבען מיר אַלזאָ גענומען צוויי גרויסע באָקסעס מיט הערינג, ציבעלעס, ברויט, זאַלץ פעפער, אייער, פּעלעשקעס, דאַיפּערס, נאָז־טיכלעך און אנדערע פּראָוויזיאָנען און מאָנטאַג פריה האָב איך

מיט מיין ווייב און מיט מיין יענקעלע, בערעלע, איצעלע, מאַקסי, מאַיקי, זשעני, געסי, עסטי, פעני, זיוזי, ליני, און זאַגאר אויך די קליינע בייבי איבי, זיך צור רייזע פערטיג געמאכט, פלעזשור צו האַבען און זיך אַמוזירען און צוואר מיר זיינען צו דער „קאר" געקומען און דער פּיק־ניק האָט זיך אָנגעפאַנגען.

אַלזאָ מען שטעהט און מען וואַרט, די וואַגאָנעס זיינען געוועהנליך אָנגעשטאָפּט ווי פעסלעך מיט הערינג. די קאָמיטע מענס פון דער סאָסייעטי פון „אגודת אחים בני לעקיש בער" לויפען מיט זייערע סיינס, די מעמבערס שטופען זיך, די קינדער שרייען, דער קאָנדוקטאָר פייפט, דער פּאָליסמאַן שטויסט, היים, שטויב א פּולער מויל...

און קיין פּלאַץ איז זאַגאר ניטאָ. ענדליך מיר זיינען דאָך אריינגעקוועטשט געוואָרען אין „קאר". די קינדער פּישצען, די ווייבער קווי־טשען, מען שטעהט אויף די קעפּ, אַ שכור'ער איירישמען דריקט מיך פון הינטען; אַן אַלטע ניגערקע פרעסט מיך פון פאָרענט. די קינדער צוזייט און צושפּרייט, מיין פרוי קרעכצטשעט און פון די באָקסעס שיטען זיך אויס די אייער, די זאַלץ, דער פעפער פליהט אין די נע־זער און די גאַנצע קאָמפּאַני ניעסט, הוסט, פּערכעט, בייזערט זיך און שוויצט. אַבער געוועהנליך פלעזשור און פּיק־ניק איז פּיק־ניק.

אַלזאָ מען פאָהרט און מען פאָהרט, ענדליך אַ געשריי: טשענדזש קארס! ווידער שטויב, ווידער געשטאַנען זאָגאר צוויי שטונדען און ווידער דורך געבויערט זיך אַ פּלאַץ אויף דער קאר און ווידער גע־פאָהרען. נאָך אַמאָל, געוועהנליך, בייטען קארס און ווידער געשוויצט. איין באָקס צוריבען אויף אַש. מיין זיוזי האָט פערלאָרען אַ שיכעל. מיין מאדאם'ס ווייסע קלייד בעשפּייט מיט טשו־טאָבעקאָ, מיינע הענד געשוואָלען און גערדאַלען און מיינע זייטען צושטאָכען און צובראָכען און מען פאָהרט אויפ'ן פּיק־ניק.

ענדליך הערט מען דעם לאַנג ערוואַרטעטען שופר של משיח — דער קאָנדוקטאָר שרייט: „אָל אַ באָארד!" און מיר בלייבען אין אַ ווייסען אָדט... בערג מיט זאמד, צו וואָרפענע שטיינער, פערטריי־קענטע גראָזעלעך... וויט ערגעץ רוישט אַן אייזענבאַהן־צוג און די זונן באַקט אַז מיר ווערען אַלע געבראָטענע סטייטקס. און וואו איז דער בעריהמטער וואודלאַנד־אַמעריקאַן־סופּיריאָר־קאר עקסעלזיאָר־פּארק־גארדען? ניטאָ קיין זכר... פּלעזשור איז פּלעזשור און מיר

געהען, אַזוי ווי די אידען זיינען געגאַנגען פון מצרים. פון זאַמד איז באַלד געוואָרען וואָלקענס מיט שטויב, די שטיינער זיינען געוואָרען סטאַנציאָנען פיר קראַנקע און פערוואונדעטע. א שוך האָט זיך ביי מיר איבערגעריסען אויף צווייען און הייסע זאַמד און שאַרפע שטיינדלעך האָבען געשייערט און געבשר'ט מיין אָרעמע אידישע פוס... אי! און די קינדער? די קינדער האָבען שוין נעבעך געשוויגען, ווארום איך בין געוועהנליך, ניט אויפגעלעגט געווען און האָב זיי אַזאַ פלעזשור געמאַכט, אַז נאָך אין א וואָך אַרום איז ביי זיי געווען דער פיק־ניק אָפּגעדרוקט אויף דעם געוועהנליכען אָרט פון וואַנען די פיס וואַקסען אַרויס...

פלוצלונג האָבען מיר דערהערט א טראָמבאָן בלאָזט, א באַס ברומט, א פויק רוישט, א פידעלע זיפצט און מיר האָבען דערזעהען פון דער ווייטען א הילצערנע, געוועהנליכע, א חאַלאַבודקע, לעבען איהר צוויי פערדארטע ביימער און א אונטערגעפוילטע קלאָטץ, אויף וועלכען עס איז געהאַנגען א סיין: „דהי וואודלאַנד־אַמעריקאַן־סופּיריאָר־קאַר עקסעלזיאָר פּארק־גאַרדען..." און מיר האָבען זיך געלאָזט לויפען אויפ'ן פיק־ניק מיט אַלע לעצטע קרעפטען.

אַלזאָ זאָל איך אייך דערצעהלען אַז אויפ'ן פיק־ניק איז ניט געווען ניט קיין פיק און ניט קיין ניק, אין פּאַרק איז ניט געווען קיין ביימער און אין גאַרדען קיין גרינס! זאָל איך אייך דערצעהלען אַז עס איז ניט געווען וואו צו זיצען, וואו צו שטעהן, וואָס צו עסען, וואָס צו טרינקען? זאָל איך אייך דערצעהלען, אַז די רעדנער פון „אגודת אחים בני לעקיש בער" זיינען הייזעריג געוואָרען, ווייל זייערע העלזער זיינען געווען פערשטאָפּט במחילה מיט זאַמד? אַז די זינגער האָבען ווי געוועהנליך ניט געזונגען און די טענצער ניט געטאַנצט... א טערריבעל דיי! קוים האָבען מיר געהאַט די פּלעזשור צורוקען זיך צום בעריהמטען פּאַרק, איז דער הימעל ברוגז געוואָרען אויף די בני לעקיש בער. וואָלקענס האָבען אונז בעדעקט ווי מיט א יאַרמעלקע, א ווינד האָט איבערגעקעהרט דעם גרענד־מאַרשאַל אליין מיט די פיס אַרויף און דעם ברודער פּרעזידענט אריין געבלאָזען א זשמעניע זאַמד אין נאָז אריין, דער דונער האָט אָנגעהויבען דונערען, דער בליץ בליצען און דער רעגען רעגענען.

געוועהנליך, זיינען מיר געקומען אהיים שפּעט אין דער נאַכט.

נאַס, הונגעריג, בייז, מיעד, צובראָכענע פיס, צוריסענע שטיוועל, צו־קנייטשטע קליידער, געשוואָלענע זייטען, פאַרקיהלטע נעזער, פער־דאָרבענע מאָגענס, פערשטויבטע געזיכטער, קראַנקע אויגען, און . . . נאָו מאָר: קומט יעצט געוועהנליך אַ ברודער פון אַ לאָדזש אָדער אַ וענאָסע פון אַ סאָסייעטי און עפענט נאָר דעם מויל און זאָק: פּיק... שריי איך שוין אַלזאָ: ניין! ניין! ניט פּיק און ניט ניק!

דאָס גרויסע געווינס.

פון דער חברה אנשי בני יקנהוז.

(א הומאָריסטישע ערצעהלונג.)

1.

די גרויסע עקסטרא פערזאמלונג פון אַלע ברידער פון דער צאָהל־רייכער לאָדזש „חברה אנשי בני יקנהוז" נומער זיעבען, אָף דהי גרייט ארדען „סאָנס אָף אייזיק" אָף יונייטעד סטייטס אָף אמעריקא, האָט שטאטגעפונען די ערשטע נאכט חל המועד אין איינעם פון די צימער פון „דהי גרייט פלעזשור אָלימפיק אסטראָנאָמיע האָלל".

דאָס פּראכטפאָלע צימער איז געווען רייך אילומינירט פון זעקס גאז רעהרען, פון וועלכע צוויי האָבען ניט געהאט קיין ברענערס און דער גאז האָט פון זיי געשאָסען מיט א גרויסען פייף־קוויטש און האָט גע־הודזשעט ווי א פאָנטאן. דערפאר אָבער איז אויף די איבריגע רעהרען געהאנגען אזוי פיעל שווארצע גראָבע פּאסען פון שפּינוועבס, דאָס זיי האָבען אויסגעזעהן ווי מאסטען פון א שיף, בעפעסטיגטע מיט שטריק, בעשמירט מיט סמאָלע. פון איין זייט, געוועהנליך, א הויכער שטוהל און צוויי קלענערע שטוהלען פיר'ן ברודער פּרעזידענט און צוויי טראָסטים; פון דער אַנדערער זייט דאָס זעלבע פיר'ן ברודער וויס־פּרעזידענט און מעמבערס פון דער עקזעקוטיווע, אין מיטען ביים וואנד א טישעל פאַר דעם גרויסען און געלעהרטען מענטאר פון דער לאָדזש „חברה אנשי בני יקנהוז" נומער זיעבען אָף דהי אָרדען „סאָנס אָף אייזיק" אָף יונייטעד סטייטס, אָף אמעריקא.

געגען דעם טענאָר'ס טישעל איז געשטאַנען דער ארון קודש פון דעם „בית המדרש אנשי קליוקווע". דער פרוכת פון ארון קודש איז געווען פערשמאָלצען ווי דער פארטוך ביי אַן אשת חיל, וואָס האָנדעלט

מיט פיש אין שעריף סטריט. דערפאַר האָבען די מייז צוגריזעט דעם מגן דוד און צוקראַצט דעם חלב, וואָס האָט זיך אָנגעגאָסען פון אַ צושמאָלצענע ליכט; צום ארון קודש זיינען געווען צוגערוקט צוויי ביינק, אויף וועלכע עס זיינען געלעגען אַן אַלטער צוריבענער מאַטראַץ און אַ קאָלדרע, וועלכע האָט אַמאָל אין די גליקליכע צייטען געהאַט אַ רויטע פאַרב. דאַ איז, געוועהנליך, נאָך די פערזאַמלונגען געשלאָפען אליין דער הערר הויז־קיפּער פון דער גאַנצער געביידע פון „דהי גרייט פּלעזשור אָלימפּיק אַסטראָנאָמיע האָלל". אויף אַלע ביינק איז געווען אַזוי פיעל שטויב, דאָס אַלע ברידער האָבען אָהן שמעק־טאַבאַק די גאַנצע צייט געניסט און געפּערכעט... און אויסער דעם איז דער רויטער קאַרפּעט אויפ׳ן מיט׳ן פלאָר געווען אויסגעריבען און אויף דעם אויסגעריבענעם מקום איז געלעגען אַ לאַטע פון אַ שטיק ווייסען איל־קלאָטה, וועלכער איז געווען אַזוי גראָב, דאָס פאַר איהם פלעגען זיך די ברידער פאַרטשעפּען מיט די פיס, ווען זיי פלעגען זיך געהן נייגען צום ברודער פּרעזידענט און צום ברודער וויס־פּרעזידענט.

געוועהנליך יעדער ברודער, איידער מע לאָזט איהם אריין, גיט אַכט מאָל אַ שנעל מיט׳ן גראָבען פינגער אין טהיר... די אַכט שנעלען זיינען גערעכענט אין קבלה׳שע ספירה געגען די י"ב שבטים אַדער נגד די עשרת בני המן. נאָכדעם געהט דער ברודער ביז אין מיטען האָלל, נייגט זיך צום ברודער פּרעזידענט און גיט זיך אַ ציה ביין נאָז. דאָס בעדייטעט: אַזוי ווי דער נאָז לויפט פריהער און פיהרט דעם מענשען, אַזוי איז דער ברודער פּרעזידענט די סימבאָלישע „נאָזע" פון דער גאַנצער לאָדזש „אנשי בני יקנהוז" נומער זיעבען אָף דהי גרייט אָרדען „סאָנס אָף אייזיק", אָף יונייטעד סטייטס אָף אַמעריקאַ... נאָכדעם קעהרט מען זיך אום, מען נייגט זיך צום ברודער וויס פּרעזידענט און מען גיט זיך אַ דריי ביים אויער. דאָס בעדייטעט: אַזוי ווי אַ הונט, ווען ער כאַפּט דעם חזיר ביים אויער, זאָגט ער איהם: זיי קיין חזיר ניט, אַזוי דאַרף יעדער ברודער פון דער לאָדזש זיין לאָיאַל, גוט און פרום און ליידזעליג. ווען אַלע ברידער זיינען פערזאַמעלט גיט דער ברודער פּרעזידענט דריי מאָל אַ קנאַק מיט׳ן האַמער, אַלע שטעלען זיך ווי צו שמונה עשרה און דער ברודער מענטאָר האַלט אַ תפילה צו גאָט און אַלע ברידער ענטפערן: אמן, אמען, איימען. „אמן" אין העברייאיש, ווייל די העברייער זיינען דאָס ערשטע פאָלק דער וועלט,

„אמען" אויף דייטש ווייל די דייטשע יהודים זיינען די בעסטע אידען פון דעם יודענטהום און „איימען" אין ענגליש, ווייל דאָס שמעקט מיט גוטע פּאַטריאָטיזמוס.

אלזאָ, אָמן, אמען, איימען — און די פערזאמלונג איז געעפענט. אין צווייטען צימער אַנקעגען הערט מען אַ געשריי פון אַ רוסישע „זאַסעדאַניע"... אַ הייזעריגער באַס שרייט: „קאָקאָיע ווי אימעיעטע פּאַלנאָיע פּראַוואָ? אָו ווסיעך סאָסאיעטאָוו טאָק!" אויבען לערענט זיך זינגען אַ זינגער פעראיין, אַלע מנגנים חזרן צעהן מאָל מיט איין ניגון: „מיר זיינען! מיר זיינען..." און אונטען הערט זיך, ווי צוויי פידלען ריפּען, אַ צובראָכענע פּאָרטעפּיאַנאָ צימבעלט, ליידים קוויטשען, דזשענטעלמענער הירזשען, אַ פּראָפעסאָר שרייט: לעפט, רייט!... און די טריט טאָפּען: האָפּ! האָפּ!..

אַ פענסטער צום גאָס ווייל זיך בשום אופן ניט צו מאַכען: ווי־פיעל מען קוועטשט איהם ניט אַרויף, גליטשט ער זיך אַלץ אַראָפּ און פון דרויסען טראָגען זיך פערשיעדענע שטימען, מחנות מיט קינדער הוקען און טיוקען, קאַרס קלינגען, עקספּרעסען רוישען איבער די שטיי־נער און דאָס גיסט זיך צונויף מיט'ן ניגון: „מיר זיינען מיר זיינען!" מט דער טאָפּעראַי פון די טענצער מיט דער גלענצענדער רעדע פון פּרעזידענט: ברידער אונד פריינדע, זאָגט דער ברודער פּרעזידענט. „מיר זיינען! מיר זיינ־נען!" זאָגט דער פעראיין. לעפט! רייט! שרייט דער פּראָפעסאָר. האָפּ! האָפּ! טאָפּען די פיס.

2.

אלזאָ, די זאַך דערפון איז אַזוי, זאָגט דער פּרעזידענט, אויב מיר וועלען נעהמען יעצט אַ לאָטטעריי צעטעל, טוט אונזער לאָדזש צוויי גוטע זאַכען: ערשטענס ווייל דער קאָלעקטאָר איז אונזער לאָדזש צוויי גוטע זאַכען: ערשטענס ווייל דער קאָלעקטאָר איז אונזער ברודער אין לאָדזש, טוען מיר אַ מצוה, וואָס מיר שטיצען אַ ברודער. צווייטענס איז דאָס אַ פּראָפיטאַבלע ביזנעס. אונזער לאָדזש קען געווי־נען דעם גרויסען געווינס. פופציג טויזענד מאַרק פאַר אַ גאָר ניט!.. ווען מיר האָבען העכער צעהן טויזענד דאָלאַר אין קאַסע, מעגען שוין אונזערע ברידער צו יעדער צייט נויט האָבען. אָרימע אלמנות קענען מיר

בעהאַנדלען מיט אַ ברייטע האַנד, און יעדען ברודער בעערדיגען מיט גרויס פערגעניגען. וואָס נאָט?

— עס איז אַ פּלאַן! עס איז אַ פּלאַן! האָבען אויסגעשריען עט־ ליכע ברידער.

— אונטערשטיצט! סעקאָנדער!

— קיינער האָט ניט דאַגעגען?

— ניין! ניין! נאַטהינג עט אָלל!..

— אַלזאָ איז בעשלאָסען צו נעהמען אַ לאָטערי צעטעל פאַר דער לאָדזש אַנשי בני יקנהוז נומער זיעבען אָף דהי גרייט אָרדען סאָנס אָף אייזיק אָף יונייטעד סטייטס אָף אַמעריקאַ... ברודער סעקרעטער, מעלדעט, וואָס איז נאָך דאָ אויף דער טאַגעס אָרדנונג...

אָבער אַזוי גיך ווי דער ברודער סעקרעטער האָט נור געעפענט זיין ברידערליכען מויל איז אויפגעשטאַנען ברודער קנאָבעלס און האָט אַזוי געזאָגט: וואָס הייסט שוין בעשלאָסען? וואָס פאַר אַ צע־ טעל? איהר ווילט אַ לייפּציגער? אפשר וויל איך אַ דרעזדענער און דער ברודער וויל אַ בראַנשוויינער?

— אַ לייפּציגער! ניין! אַ דרעזדענער! אַ לואיזיאַנער! — האָבען אָנגעהויבען שרייען פיעלע מיט אַמאָל. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ הייסע און שווערע דעבאַטע און ביים ברודער פּרעזידענט האָט געשלאָגען פיענע פון מויל און שוויים האָט געקאַפּעט פון שטערן, ווען ענדליך איז דאָך בעשלאָסען געוואָרען צו נעהמען אַ לייפּציגער צע־ טעל.

— יעצט, — זאָגט דער פּרעזידענט, מעלדעט אונז וואָס האָבען מיר וויכטיגערעס אויפ'ן טאַגעס אָרדנונג, וואָרום עס איז שוין שפּעט.

אָבער איידער דער ברודער סעקרעטער האָט אַ קוק געטאָן אין טאַגעס אָרדנונג איז שוין ברודער קנאָבעלס ווידער געווען אויפ'ן פּלאַץ.

— כאָפּט זשע ניט! וואָס הייסט שוין? נו, און ביי וועמען וועט זיך געפינען דאָס צעטעל?

— ביים פּרעזידענט! נאַטירליך ביים ברודער פּרעזידענט!

— וואָס הייסט? מיר קענען דאָך אָפיציעל ניט שרייבען, אַז ביי איהם איז אַ לאָטערי צעטעל, עס איז אַגיינסט די לאָו... אַ לאָדזש דאַרף אָפיציעל ניט מאַכען קיין פּייק־ביזנעס. און מיט וואָס זיינען מיר

גאַראַנטירט, אַז ער וועט אונז אָבגעבען דעם גרויסען געווינס?...

— עס איז טאַקע אַ שאלה !

— יאַ! עס איז העכער צעהן טויזענד דאָלאַר!

— עס איז אַ קאַפּיטאַל!...

— עס וועט זיך ניט וועלען אָבגעבען!

— געה שריי נאָכדעם חי וקים!

— שאַ! זאָל דער ברודער פּרעזידענט טאַקע האַלטען דעם צעטיל, נור ער זאָל געבען דעם ברודער וויים פּרעזידענט אַ סעקיוריטע אויף צעהן טויזענד.

— וואָס הייסט? אין דער סעקיוריטע וועט מען דאָך ניט קענען שרייבען, אַז דאָס איז פּאַר אַ צעטיל פון אַ לאָדזש. וואָס טוט מען, אַז דער וויים פּרעזידענט נעהמט צו די סעקיוריטע?

— אַ פּלאַן! זאָל דער וויים פּרעזידענט פון זיין זייט געבען דעם טראַסטי ברודער צוועקעלקלאַפּ'ס באָנדס אויף צעהן טויזענד.

— יאַ, אַ חכם!...

— און אַז ער וועט פערכאַפּען די באָנדס, וואָס וועט זיין?

— נו, ווערט אויס, דאָס קען מען בעוואָרענען. זאָל ברודער צוועקעלקלאַפּ באָנדס געבען ברודער קנאָבעלס נאָוטס אויף צעהן טויזענד, פערשטעהט איהר? אַז דער וועט ניט געבען דעם גרויסען געווינס, וועט דער ניט אָבגעבען די סעקיורעטע, וועט דער ניט ארויסלאָזען די באָנדס, וועט דער ניט אומקעהרען די נאָוטס...

— אַזוי? שרייט ברודער צוועקעלקלאַפּ, נאָוטס וועל איך דיר געבען? אַ מכה ווילסט דו ניט? אַ בטוח!..

— דו ביזט אַ בטוח? באַנקראָט!...

— גנב!

— איך האָב דיר אין דער ערד!

— איך פּייף אויף דיין טאַטען!.. ביי די ווערטער איז געוואָרען אַזאַ געשריי, געפּילדער, קלאַפּעריי, צאַנקעריי, דאָס פון דען גאַנצען יקנהוז איז געוואָרען קאַשע, אויפ'ן פּרעזידענט'ס אָרט האָט געקנאַקט ברודער קנאָבעלס מיט'ן האַמער, דער ברודער פּרעזידענט האָט געשריען ביים עמוד פון די „אנשי קליוקווע”, ברודער צוועקעלקלאַפּ האָט געצופּט דעם ברודער וויים־פּרעזידענט ביי זיין באַקענבאַרד, דער וויים פּרעזידענט האָט געשטורכעט דעם מענטאַר, אַלע האָבען געליאַרמט,

געמאַכט אַמענדמענטס, געפאַדערט, גע׳טענה׳עט... דער געזאַנג־ פעראיין פון אויבען האָט פּלוצלונג אויפגעהערט זינגען, „מיר זיינען, מיר זיינען" מיט אַ געשריי „פייט"! האָבען זיי זיך אַ וואָרף געטאָן פון די טרעפּ אַראָפּ... ביי די טענצער אונטען האָט מען דאָס געשריי „פייט" פערטייטש מיט׳ן פירוש „פייער!" די קאַוואַליערען האָבען זיך אָנגעהויבען וואַרפען פון די פענסטער, די מאַמזעלען האָבען אָנגעהוי־ בען חלש׳ן... איינינע האָבען געשריען: געוואַלד ראַטעוועט!... און... און מיט איין וואָרט. דער ברודער פּרעזידענט איז די נאַכט געקומען אַ היים מיט אַ גרויסען בלויען פאַנאַר אונטער׳ן אויג, און ווען די מיסים פּרעזידענטשע האָט אַ געשריי געטהאָן: אַ קלאָג איז צו דיינע ביינער! וואָס איז דאָס? האָט דער ברודער פּרעזידענט טרויע־ ריג געענטפערט: דאָס איז דער גרויסער געווינס פון דער גרויסען לאָדזש „חברה בני יקנהוז נומער זיעבען אָף דהי גרייט אָרדען „סאָנס אָף אייזעק" אָף יונייטעד סטייט אָף אמעריקא!..."

בני תרח'ם לאַדוש.

.1

ווי אַזוי קען דאָס אַ איד לעבען אין ניו יאָרק אָהן אַ לאָדוש? אפשר חס וחלילה, האָט איהר חתונה, חס וחלילה... פאַמיליע... עס מאַכט זיך עפּעס... וואָס איז דאָס, אַ שפּילכעל? לעבעדיגערהייד וואָלט אייך יעדער געדען בעגראָבען, אָבער פּרופט נור אומיסנע שטאַרבען, אַזוי ווערען זיי אייך אַלע גוטע פריינד און מען וועט אייך ניט בעגראָבען, אַז איהר זאָלט אפילו צופּלאַצט ווערען... פערשרייבט זיך אין אונזער לאָדוש, אַ שפּאָגעל נייע לאָדוש, „בני תרח״!... אונזער פּרעזידענט איז... אַ! אַ! אונזער ווייס פּרעזידענט איז — פּס! פּס! און אונזער סעקרעטער... מעג איהם טאַקע דער רוח אין זיינע טריפהנע ביינער אריין! אַ ממזר! אַ רעדנער, אַ פייערדיגער שרייבער!... פאָלגט מיך, איהר זייט דאָך ניט מעהר ווי אַ לעבעדיגער מענש, אפר ועפר: קיי און שפּיי!...

וואָס זאָל איך לייקענען? איך, לעבעדיגער מענש, אפר ועפר, קיי און שפּיי, בין טאַקע געגאַנגען און האָב זיך טאַקע פערשריבען אין דער שפּאָגעל נייער לאָדוש „בני תרח״... אָבער איך האָב זיך פערשריבען ניט אין קיין גוטע שעה. הערט אַ מעשה.

.2

איך בעט אייך, מיינט ניט, אַז ווערען אַ מעמבער פון אַ לאָדוש איז אַזוי גרינג! זאָל מיינע שונאים אַזוי גרינג זיין צו עסען ווירטשטען מיט סמעטענע, ווי עס איז גרינג אויסלערנען אויף אויסענווייניג דעם צערימאָניאַל, די געהיימניסע און די סימבאָלען. איך האָב געשוויצט גענוג איידער איך בין דורכגעגאַנגען דעם גאַנצען קורס, און

ביים עקזאַמען האָב איך זיך געצאַפּעלט ווי אַ פּאַמפּישקע ביי אַ הונ־געריגען פויער אין געמבע.

אַט דאָס זיינען די געהיימניסע, דער צערעמאָניאַל און די דריי־צעהן סימבאָלען פון דער „אנשי בני תרח׳ס" לאַדזש. דער צערעמאָניאַל: אַז איהר געהט צו צו דער טהיר וואו די בני תרח זיינען פערזאַמעלט, דאַרפט איהר דריי מאָל מיט׳ן קאָפּ שלאָגען אין טהיר — דאָס איז כנגד די דריי געהיימניסע. ביי יעדען קלאַפּ דאַרפט איהר דרייצעהן מאָל סמאָקטשען מיט די ליפּען, כנגד די דרייצעהן סימבאָלען. אַז איהר געהט אריין דאַרפט איהר אויף איין פוס צושפּרינגען צום טיש, צו־לעגען די האַנד צום קאָפּ און אַ נייג טאָן זיך צום פּרעזידענט — ווייל ער איז דער קאָפּ פון די בני תרח; צולעגען די הענד צו די אויגען און נייגען זיך צו די אָפּיסערס — ווייל זיי זיינען די אויגען פון בני תרח, צולייגען די האַנד צום הארצען און נייגען זיך צו אַלע בני תרח — ווייל זיי זיינען דאָס הארץ פון בני תרח.

די דריי געהיימניסע זיינען: פּצש, צפּש, שפּץ: פּועל צדק, שלום. צפּש: צדקה פּרנסה, שלוה. שפּץ: ... דאָס זיינען די גרעסטע געהיימ־ניסע פון בני תרח; דאָס האָט מען רעכט נור צו זאָגען די „ברידער אויף׳ן אויער — פּערד, שלימעזאַלניקעס, צאַפּעס! אַז איהר נייגט זיך צום פּרעזידענט דאַרפט איהר זאָגען: „איינס, צוויי, דריי! פּצש, שפּץ, צפּש!"

די דרייצעהן סימבאָלען זיינען: 1) אַ קאַץ אָהן אַן עק — אַ סימן אַז די עוויגקייט האָט ניט קיין אָנפאַנג און קיין ענדע. 2) אַ פייג אונטער אַ נאָז — אַ סימן, אַז מען מוז גלויבען אין עולם הבא. 3) אַ מענש מיט אַ גרויסען חלף אויפ׳ן שפּיץ נאָז — אַ סימן, אַז היינט לעבט אַ מענש און מאָרגען האָט ער קיין שכל ניט. 4) אַ צובראָ־כענער בוים — אַ סימן אַז געלד איז שמאַטע... כל זמן עס ליגט ביים צווייטען אין קעשענע. 5) אַ קבר — אַ סימן, אַז יעדער אונטער־שטיצונג העלפט ווי אַ טויטען באַנקעס. 6) איינער שטעקט אריין זיין האַנד ביים צווייטען אין טאַש — אַ סימן, אַז די לאַדזש שטיצט איהרע ברידער מיט געלד. 7) מלאך המות — אַ סימן, אַז די לאַדזש גיט אַ דאָקטאָר מיט מעדיצין. 8) אַ שווערד — אַ סימן, אַז די „ברי־דער" דאַרפען לעבען צווישען זיך אין שלום... ווי אויף מעסערס... 9) צוויי צאַפּעס שטירצען זיך מיט די הערנער — אַ סימן, אַז די

ברידער דאַרפֿען זיין געטריי איינער דעם צווייטען... 10) צוויי ברי־דער קושען זיך — אַ סימן, אַז די לאָדזש בעגראָבט אומזיסט. 11) אַ מלאך דומה — אַ סימן, אַז דער פּרעזידענט דאַרף חתונה האָבען. 12) אַ יונגאַטש כאַפּט בייגעל פֿון מאַרק — אַ סימן, אַז דער פּרעזידענט דאַרף זיין אַ פֿיינער מאַן. 13) דער וויצע־פּרעזידענט ציהט דעם פּרע־זידענט פֿאַר'ן באָרד אַ סימן, אַז פֿון אַ חזיר אַ האָר איז אויך גוט...

די דריי געהיימניסע זיינען כנגד „ארבעה בנים דברה תורה" און די 13 סימבאָלען זיינען כנגד עשרת בני המן...

3.

מען האָט מיך שוין גערעכענט פֿאַר איינעם פֿון די בני תרח און מען האָט מיר צוגעשיקט אַן „איינלאַדונג קאַרד" אויף דייטש (די בני תרח שפּרעכען נור דייטש, אַז ניט וואָלטען זיי קיין בני תרח ניט געווען).

„האָכגעלעבעדיגער מיטגליעד! זי זינדען פּאָרט געלאַדען צו בע־זוכען וועדרען אונזערעס פֿערזאַמלונג צוואַר אום צו בעשפּרעכען די פּראַגע פֿאָן אינען לאָדזשען".

איך זאָג אייך דעם אמת, איך בין געווען ניט טויט ניט לעבעדיג, ווען איך בין צוגעגאַנגען צו דער טהיר. אַ קלייניקייט, דעם ערשטען מאָל דורכצומאַכען דאָס צערעמאָניאַל און די געהיימניסע, מיט די סימ־באָלען!... פֿון דעסטוועגען האָב איך זיך ביי דער טהיר מישב גע־ווען: לאָזען זיי קלאַפּען מיט'ן קאָפּ אין וואַנד און איך וועל בעסער קלאַפּען מיט'ן קולאַק אין טהיר, טראַך! טראַך! טראַך!

— קאַם אין! איך בין אריבער איבער'ן שוועל און אויף מיר איז אָנגעפאַלען אַ שרעק, אַ אימה ופחד. די גאַנצע תורה איז ארויס־געשפּרונגען פֿון קאָפּ. איך האָב זיך אַ נייג געטאָן צום פּרעזידענט, און אנשטאָט דעם איך זאָל צולעגען די האַנד צום קאָפּ, האָב איך זיך אָנגעהויבען צו ציהען ביי דער נאָז... איך האָב זיך אַ נעג געטאָן צו אַלע בני תרח, נור אנשטאָט דעם איך זאָל צולעגען די הענד צום האַרצען, האָב איך זיך אָנגעהויבען פּאַטשען איבער'ן לונג און לע־בער...

אונגליק! אונגליק! איך האָב געזעהן, אַז איך האָב שוין אָנגע־

מאכט א גאנצע חתונה, נור איך האב ניט געקענט העלפען. דער קאפ האט ניט געוואלט ארבייטען, דער זכרון האט מיך פערלאזען.

— נו! האט געזאגט בייז דער פרעזידענט.

— נו שוין! האט געזאגט דער וויצע־פרעזידענט.

איך האב געדארפט זאגען די דריי געהיימניסע, אבער איך האב זיך בשום אופן ניט געקענט דערמאנען...

ווי איך שטעה אזוי א דערשראקענער, א פערשעמטער, א דער־הרג'עטער הער איך — ווי איינער זאגט מיר אונטער: איינס, צוויי, דריי!...

— נו, שרייט דער פרעזידענט. א שווארצער וואלקען האט בע־דעקט די גאנצע פערזאמלונג, דער וויצע פרעזידענט האט מיך גע־שטאכען מיט זיינע אויגען, דער סעקרעטער האט געגעסען זיינע איי־גענע פינגער ווי א גוי עסט חזיר...

— איינס! צוויי! דריי!... איך האב זיך דערמאנט אז אין חדר האב איך געשפיעלט אין „זשמורקעס" האב איך געציילט: איינס, צוויי, דריי, שירעל, מירעל, לאי, אקען, באקען, ביידע גלאקען...

— וואס שרייט איהר? האט א געשריי געטאן דער פרעזי־דענט.

— איינס! צוויי! דריי!

— ווייטער!

— שירעל, מירעל, לאי! האב איך געזאגט שטיל.

— וואס?! מיין שרעק איז פערביי, איך האב געפיהלט אז דער געלעכטער קיצעלט מיך, שטיקט מיך... אז איך וועל באלד אויסשיסען...

— אקען! באקען! ביידע גלאקען!

אלע בני תרח האבען זיך אויפגעכאפט פון זייערע ערטער, אזוי ווי הינט אבגעבריטע מיט קאכעדיגע וואסער, עס איז געווארען א טו־מעל, א געשריי, א ליארעם...

— בעשמוצט אונזער הייליגטום!

— בעאונרייניגט אונזער „ריינינגקייט".

וואס ווייטער איז געוועזן האב איך ניט געהערט, איך בין ארויס־געשפרונגען, האב זיך אראבגעקייקעלט פון די טרעפ און געקייקעלט פון געלעכטער!...

— וואָס איז? וואָס איז? האָבען מיך געפרעגט פיעל מענ־שען.

— חאַ! חאַ! חאַ! חאַ! איינס! צוויי! דריי!

איך בין געלאָפען איבער'ן גאַס און געלאכט ווי פיעל איך האָב נור קראַפט געהאַט.

— וואָס איז דער מעהר מיט איך? . . . האָבען געשריען אנדערע.

— שירעל, מירעל, לאַי! חאַ! חאַ! חאַ!

— וואַט איז דע מעטטער? האָט געפרעגט א פּאָליסמאַן, אויף וועלכען איך בין ארויפגעפאלען און שיר ניט איבערגעקעהרט... סעי! ... אָקען, באָקען,ביידע גלאָקען... חאַ, חאַ, חאַ!...

אַז אָך און וועה צו אַזאַ געלעכטער: די אנשי בני תרח לאָדזש האָבען מיך אויסגעשלאָסען פון זייער געזעלשאַפט... אַט אַז מען דאַרף ניט געדענק איך זעהר גוט, אַז איך האָב בעדאַרפט זאָגען: איינס, צוויי, דריי, פּצש, צפּש, שפּץ... ווי אַזוי פאַלט עס אריין אין קאָפּ: שירעל, מירעל, לאַי?

נו?

(אַ קאָמישער צופאַל).

דער פעראיין „חברי אנשי בני ידותן”, איז פערזאַמעלט מיט האַק און פּאַק, אַזוי ווי ער שטעהט און געהט — אַלע מעמבערס אויפ׳ן פּלאַץ. עס פּיהלט זיך אין האָלל יום טוב׳דיג: אַ נייע הילצערנער האַ־מער אויפ׳ן טישעל, אַלע גאַז רעהרען ברענען, דער שטויב פון פּרוכת אַראָבגעבלאָזען (אין האָל איז דאָ שטויב, ווייל מען דאַווענט דאָ) די בענק צושטעלט רייהען ווייז, די מעמבערס אַלע מיט נאָז־טיכלעך אין די קעשענעס. עס פיהלט זיך יום טוב׳דיג! גיט אַ קוק, ווי אַזוי אַלע „אנשי בני־ידותן” זיינען אויפגערעגט, ווי אַזוי זיי שושקען זיך מיט אַ גליקליכער צופריעדענהייט. ווי אַזוי זיי הוסטען שטיל אין די קולאַקעס אריין, ווי אַזוי זיי שנייצען די נעזער אָהן אַ פּייפעריי, ווי זיי רעדען אַלע מיט אַ פילאָזאָפישע טיעפזיניגקייט, ווי אַזוי זיי געהען איבער אַלע ווייטע פון איין אָרט אויפ׳ן אַנדערן אויף די שפּייי פינגער, מיט וועלכע זיסע אויגעלעך זיי קוקען אויף דעם בעליעבטען ברודער פּרעזידענט, אויף דעם פּרעזידענט פון דער בעריהמטער „חברה אנשי בני ידותן”... אי! עס איז אַ מחיה, עס איז יום טוב׳דיג!...

און ער, דער ברודער פּרעזידענט? ער האָט ארויפגעשלעפּט אויף זיך זיין ענגען, אביסעל פערשמאָלצענעם פּרינץ אַלבערט, האָט געגעבען אַ שפּאָגעל נייעם שיין. זיינע גרויסע שיך, פון וועלכע יעדערע האָט געקענט מיט פּערגעניגען דיענען נח׳ן פאַר אַ תבה; ער האָט ביי זיין באַרבער אויך אַ ברודער פון די „אנשי בני ידותן”, צורעכטגעמאַכט אַ ביסעל זיין ברייטע קאָלטענעוואַטע באַקענבאַרדען, ער האָט אין זיין שמוציגע שוואַרצע בלאָטיגע מאַשינקע אריינגעשטעלט זיינע דימענטע־נע קנעפּלעך און ער, דער רבונו של עולם זאָל איהם מאריך ימים ושנים זיין, — ער איז געוואָרען אליין אין גאַנצען יום טוב׳דיג. ער זיצט

אונרוהיג, זיינע קליינע אויגעלעך לויפען אום, זיינע פעטע הענד ציטערען א ביסעלע און זיינע גראָבע ליפען שאָקלען זיך — ער חזערט שטיל די גלענצענדע רעדע, מיט וועלכע ער וועט היינט איבעראשען דעם גאנצען פעראיין „חברה אנשי בני ידותן".

אָבער למה רגשו גוים? וואָס שטורעמען אזוי די גוים? דאָס הייסט: וואָרום זיינען אזוי אויפגעשטרודעלט און אויפגעדרודערט די בעליעבטע ברידער פון בני ידותן? וואָרום איז אזא יום טוב אין האָל און אזא אונגעוועהנליכער גלאַנץ אויף דעם פרעזידענט צורה?... אך! געזונד און שטארק זאָלט איהר זיין, איהר האָט זיך נאָך ניט אָנגעשטויסען? דער פעראיין „חברה אנשי בני ידותן" ווערט היינט מגולגל פון אַן איינפאַכען במחילה, זאָ צו זאָגען, פשוט'ען פעראיין אין א גרינדליך געגרינדעטען, אָפיציעל אַנערקענטע, עפּענטליך עקזיסטירענדע לאָדזש פון דעם גרויסען וועלט בעריהמטען אָרדען „ישמח משה..." היינט וועט מען די נייע לאָדזש אינסטאָלירען, היינט וועלען קומען פון גרענד לאָדזש דער גרענד גענעראל גראָסמייסטער, דער גרענד גענעראל אָבערמארשאל און דער גרענד־גענעראל הויך־סעקרעטאר. די גרויס־גרענד־אָבער־גענערעלע, ניט קיין געמאַכטע, נור אמת'ע פיקס־פארטיגע דייטשישע יהודים, וועלען האלטען גרענד איינסטאלירענדע רעדעס און דער ברודער פרעזידענט וועט ענטפערן מיט א ספּיטש אַן אַנטיקעל. אַי! מיין גאָט! וואָס היינט וועט זיך דאָ אָפּטאָן!

2.

די גאז רעהרען ברענען מיט א גערויש, די מעמבערס קוקען זיך אום ביי יעדען קלאַפּ מיט אונגעדולד — אפשר געהען זיי שוין, און דער פרעזידענט חזערט שטיל זיין גלענצענדע רעדע. ער האָט א טייערען פּלאַן. אזוי ווי דער גרויס־אָרדען רופט זיך „ישמח משה", וועט ער זיין גאַנצען ספּיטש גרינדען אויף דעם בעריהמטען פסוק „ישמח משה במתנת חלקו", זאָל משה זיך פרייען מיט דער מתנה פון זיין חלק. שעפּטשעט שטיל דער פרעזידענט און פערגלאָצט מיט די אויגען און טאַפּעט מיט די פיס צו מיט'ן גרויסען שוך, די צייט געהט, די מינוטען פליהען און די „גראָס לייטע" פון דעם לאָדזש קומען ניט.

דער זייגער ווייזט ניין, זיי קומען ניט. דער זייגער ווייזט האַלב נאָך ניין — זיי זיינען ניטאָ. ביי די אנשי ידותן ברעכט שוין דער האַלז און אַקען פון דעם וואָס זיי קעהרען זיך אום אַלע ווײַלע, דער סעקרעטאַר פון פעראיין איז שוין עטליכע מאָל געלאָפען צום קאָר־נער און ארויסגעקוקט — ניטאָ קיין זכר.

נו? זאָגט איינער פון די בני ידותן, וועלכער איז בעקאַנט אַלס דער שטאַרקסטער רעדנער אין דער חברה. נו, ברודער פרעזידענט? איהר האָט דאָך געזאָגט אַז זיי וועלען קומען.

— אַז איך האָב געזאָגט איז הייליג, ענטפערט דער פרעזידענט און קעהרט זיך אָב... ער האָט איצט פערגעסען דעם גראַם אָבער מייסטער מיט אַלע גענעראַלען פון דער גרענד לאָדזש, ער האָט פער־געסען די פופציג דאָלאַר, וועלכע ער דאַרף קריגען פון דער גרענד לאָדזש אַלס „אָרגאַנייזער" ער האָט פערגעסען די פינף דאָלאַר בילס, וועלכע ער דאַרף בעקומען פון די אַלטע בני ידותן, וועלכע מען נעהמט ניט אריין אין קיין לאָדזש און וועלכע וועלען איצט מיט דער גאַנצער חברה בני ידותן אין אַן „אַגולנעם" אופן איינגעשלאָסען ווערען אין דעם גרויסען אָרדען „ישמח משה" — ער האָט אַלעס פערגעסען, עס שווינדעלט איהם אין קאָפּ פון דעם בייפאַל, וועלכען, ער וועט האָבען פון זיין גרויסע רעדע און זיינע ליפּען חזרען שטיל; ישמח משה במתנת חלקו...

.3

און אין דער זעלבער צייט...

הערט, וואָס עס קען פּאַסירען. דער גענעראַל־גראַם מייסטער און דער גרענד־גענעראַל־אָבער־מאַרשאַל זיינען דעם זעלבען טאָג געווען אויף אַ פּאָליטישען באַנקעט און צוזאַמען מיט אַ גאַנצע קאָמפּאַניע פון טעמעני־קאַמעראַדען זיינען זיי אַוועק אין די גאָלדענע פלעצער פון קוני איילענד שעפּען פרישע לופט. צו די בני ידותן איז געגאַנגען, במחילה, נור דער גענעראַל־ הויך־סעקרעטער אליין. ניט פאַר אייך געדאַכט, פערגלוסט זיך איהם פּלוצלונג אַ גלאָז ביער... עס איז דאָ געוויס פעראיינען מיט לאָדזשען אין ניו יאָרק, אָבער, ניט צו פערזינ־דיגען, ביער סאַלונען איז דאָך אויך דאָ ניט ווייניג — בקיצור, דער גע־

נעראַל־הויף־סעקרעטער איז אריין אין א ביער סאַלון. דאָ האָט זיך אריינגעמישט דער שטן. א שכורער אײַרישער האָט דערקענט דעם גע־נעראַל־הויף סעקרעטער נאָכ׳ן לאַנגען, האָרבאַטען נאָז און האָט איהם, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט, געזאָגט „שיני״. דער הויף־סעקרעטער איז אליין אויך א יענקי און האָט אָנגעהויבען זיך מיט איהם צו ווערט־לען... א וואָרט פאַר וואָרט... „קאָם אָן!״ „קאָם אָן!״... די סורטוקלעך ארונטער, די אַרבעל פערקאַטשעט, האַך־טראַך! פּיטש־פּאַטש! האַק־קנאַק!.. וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מיינע פריינדע? אין דערזעלבער צייט, ווען דער ברודער פּרעזידענט האָט גע׳חזערט די ווערטער: „ישמח משה במתנת חלקו״, האָט דער גענעראַל־הויף־סעק־רעטער געקראָגען צוויי גרויסע שוואַרצע בלויעליכע לאַמטערנעס אונ־טער די אויגען און האָט געפונען, אַז ווייטער געהן מיט׳ן „אינסטאַלי־רען״ איז שוין גאַנץ איבריג...

4.

עס איז שוין נאָך עלף. די חברה אנשי בני ידותן האָבען שוין פערלאָרען אַלע האָפנונגען צו זעהן היינט די גראָס אָבער־גענעראַלען פון גרענד־לאָדזש און קוויקען זיך מיט זייערע גראָס־אָבער רעדעס; דער פּרעזידענט זיצט מיט אַן אראָפּגעלאָזענע נאָז און שעהמט זיך צו קוקען זיינע ברידער אין די אויגען; די יום טוב׳דיגע געפיהלען זיינען שוין לאַנג אוועק, און אַלע מעמבערס רעדען, שרייען, הוסטען און פּיי־פען מיט די נעזער גאַנץ פראַנק און פריי, און דער שטאַרקסטער רעד־נער פון די בני ידותן, וועלכער וויל אליין זיין א פּרעזידענט, פערקרימט זיינע ליפּען אָן א זייט און זאָגט מיט א גיפטיגען טאָן: נו?

דער פּרעזידענט ענטפערט מיט א זיפץ און ווישט דעם שוויס פון שטערען מיט׳ן אַרבעל פון פּרינץ־אַלבערט און דער סעקרעטער לעשט אויס די גאַז־רעהרען...

נו?

———(—0—)———

אַ תקיעה גדולה.

ברידער! דאָס וואָס איך וועל אייך דערצעהלען, איז ניט קיין באָבע מעשה, ניט קיין געשיכטע פון דער הגדה, ניט קיין סצענע פון אַ אידישע היסטאָרישע אָפּערא. דאָס וואָס איך וועל אייך דערצעהלען, איז אַמעשה שהיה, אַ ריכטיגער פאַקט — דאָס וועט זיין אַ מוסר פאַר אייך, און איהר וועט בעשיינפּערליך זעהן, אַז מען דאַרף טאָן וואָס גאָט הייסט, וואָס טאַטע, מאַמע, גוטע פרומע לייט הייסען. אַ ברכה אַ הצלחה זאָל קומען אויף אייערע קעפּעלעך אמן סלה...

איך וויל אייך דערצעהלען, ווי דער שר פון תקיעות־בלאָזען, דער מלאך איבער מלאכים אליין, מיסטער מטטרון, האָט מיר אָבגעשפּילט היינטיגען ראש השנה אַ תקיעה גדולה, אַ שרעקליכען בלאָז, אַ ביטע־רען בלאָז. איך דאַרף ניט דערצעהלען, איהר פערשטעהט שוין אליין, אַז איך בין, במחלה אַ איד, אָבער דאָס ווייסט איהר ניט, אַז איך בין ניט גלאַט אַזוי אַ איד, איך בין פריידענקער און נאָך גאָר ניט לאַנג האָב איך זיך בעוועגט צוזאַמען מיט דער ארבייטער בעוועגונג, האָב פּראָגרעסירט אין דער שפּיצע פון דעם פּראָגרעס און האָב זיך שטאַרק ענטוויקעלט מיט דער ענטוויקלונג פון דער ציוויליזאציאָן. אָבער אַזוי ווי אַ בהמה קען זיך ניט ענטוויקלען ביז אַ מדרגה, אַז זי זאָל ווערען אַ פּרעזידענטשע אין אַ פילאַנטראָפּישען דאַמען פעראיין, אַזוי ווי אַ באָק קען זיך ניט אויפהויבען ביז אַזאַ שטופע, ער זאָל ווע־רען סעקרעטער אין אַ לאָדזש, — אַזוי קען ניט דער העכסט אידישער איד ענטוויקלען זיך אַזוי ווייט און אַזוי ברייט, אַז זיין בעפּינטעלטע אידישע נשמה זאָל ווערען אויגעלייטערט פון אַלע פּינטעלעך. טאַקע יאָ אַ פריידענקער, טאַקע יאָ אַ פייערדיגער אפּיקורס, פון דעסטוועגען, אַז עס קומט הושענא רבא קיצעלט זיך אין דער נשמה די פּינטעלע פון קרעפּלעך, אַז עס קומט פּורים — קיצעלט די פּינטעלע פון המן

טאַשען, פּסח — די פּינטעלע פון קניידלעך, שבועות — די פּינטעלע פון בלינצעס, תשעה באב — די פּינטעלע פון בודיאַקעס, ראש השנה — די פּינטעלע פון תקיעות בלאָזען, יום כפור — די פעטע פּינטעלע פון על חטא.

וואָס זאָל איך אייך פיעל דערצעהלען, מיינע פריינד, ווי עס איז געקומען דער שרעקליכער חודש אלול, און פון די שוהלען האָבען זיך אַנגעהויבען הערען די קולות פון די בהמה׳שע טראָמפּעטען, האָבען זיך באַלד אין מיין אידישע נשמה און אין מיין פּלוניתטעס ווייבערשע נשמה אָנגעהויבען צו קראַצען די באָראָדאַוועקעס פון תקיעת שופר און די געשווירען פון ונתנה תוקף... נו, ווי אַזוי געהט מען טאַקע ניט אין שוהל ראש השנה — אין דעם גרויסען טאָג ווען די קאָנטע־בוך פון רבונו של עולם איז אָפען, די האַנד שרייבט, דער קאַנטשוק שמייסט, דער חזן ציגעלט זיך און די זינגערלעך ברומען מיט א ביי־טערען געוויין? ... די צייט איז געווען זעהר א פינסטערע, דער קריזיס האָט געפּייפּט אָהן יהי רצון׳ס גרויסע תקיעה גדולות, די אויגען זיינען ארויסגעקראָכען איידער מען האָט געקראָגען ערגעץ א סענט, אָבער דאָך א שטאָט מוז מען דאָך האָבען. מען קען זיך בעגעהן אָהן מזרח וואַנד, אָהן פּתיחת הארון און אָהן שלישי, אָבער אין דרויסען קען מען דאָך ניט שטעהן... האָב איך אָנגעהויבען זוכען א קאָנגרעגיישאָן, אז עס זאָל זיין נאָהענט, עס זאָל ניט קאָסטען יקרות און עס זאָל זיין אנשטענדיג... איך האָב געוואָלט נעהמען א „שטאָט" אויף דער באַל־קאָני אין א אידישען טהעאַטער, אָבער איך האָב זיך בעדעקט וואָס טוט מען, אז פּונקט אין דער צייט, ווען דער שטן וועט זיך איינשפּאַ־רען מיט די הענד און מיט די פיס אין שופר און דער בעל תוקע וועט איהם בשום אופן ניט קענען ארויסבלאָזען און אלע אידען וועלען וויינען און העלפען דעם בעל תוקע קוועטשען זיך — וואָס טוט מען, אז פּונקט אין דער צייט לויפט ארויס דער קאָמיקער און זאָגט: אָט טאָבי האַנזיא קניש?

קיין מאַנגעל אין קיין שוהלען און בתי תפילות איז ניט געווען. אויף יעדער טריט, אויף יעדער שריט, וואָהין מען געהט און וואו מען שטעהט האָט מען געהערט קולות וברקים. איך בין אריבערגעגאַנגען צום פּרעזידענט פון „אגודת אחי דריפּאָוועקע", זייער שול איז געווען ביי מיר פון דער רעכטער זייט — ניט געווען קיין פּלאַץ כאָטש גיב

א רענדיל. בין איך געגאַנגען צו די „אנשי לאָקש״, זיי זיינען געווען ביי מיר פון דער רעכטער זייט—ניט געווען קיין פּלאַץ כאָטש גיב דריי זאַק באַרשטש פאַר א לאָט: בין איך געגאַנגען צו דער „חברה שוכבי עפר״, זייער שוהל האָט זיך פּאַמעשציעט אין א וואורשט־סטאָר — ניטאָ קיין אָרט... אין קורצען, אויף מיין גליק האָט זיך לעבען אונז געפונען א שטאַל, וואו אין איין נאַכט זיינען אַלע פערד אויסגע׳פגר׳ט, און מיר האָבען באַלד געגרינדעט אנייע קאָנגרעגיישאָן אונטערן נאָמען: „אנשי חלמיש למעינו מים״, און מיר האָבען זיך געשטעלט דאַווענען.

עס האָט זיך געטראָפען פּונקט דעם ערשטען טאָג ראש השנה, עס איז געשעהען אַקוראַט אין דער מינוט פון תקיעת שופר; אַלץ איז געגאַנגען גוט. נאָך יעדען יהי רצון האָט דער בעל תוקע געבלאָזען ריין און לייכט... מיר אַלע זיינען געשטאַנען דערשראָקענע, פעריאָמערטע די טרערען האָבען אונז געשטיקט, עס איז געווען אין שטאַל ווי אין א באָד און עס האָט געשמעקט ווי אין א שטאַל דאַרף שמעקען. דער שוויים האָט פון אונז געגאָסען טייכען־ווייז און מיר אַלע האָבען זיך געפיהלט גלייך ווי אין גן־עדן, ווארום וואָס נאָך האָט געפעלט אונזערע אידישע נשמות, אז זיי זאָלען זיין העכסט צופריעדען? טאַקע אויף צון׳אמת וואָס נאָך דאַרף האָבען א הייליגע אידישע נשמה?... פּלוצלונג האָבען מיר דערהערט א שרעקליכען, פורכטבארען, שוידערהאַפטען געשריי...

שטעלט אייך פאָר אין אַזאַ ענגשאַפט, אז די געדאַנקען זיינען אַזוי ווייט, אז עס איז אַזוי שווער אויפ׳ן הארצען, אז מען איז אַזוי אויפגערעגט פון דעם שטן׳ס עקשנות, אז מען האָט זיך ערשט געבראָכען די צייט מיט דער שרעקליכער עברי פון די יהי רצון׳ס, מיט די מלאכים תשפק קרשק שרקש, און דעם מאָמענט ווען מען ערוואַרטעט, אז דער „ניט דאָ געדאַכט״ וועט ארויס פליהען צוזאַמען מיט דער תקיעה גדולה און אליין מטטרון וועט אייך בעגליקען מיט זיין וויזיט, — שטעלט אייך פאָר, אז גראָד אין דער מינוט דערהערט איהר שרעקליכע, ווילדע

קולות, וועלכע שרייען גענואלד! ראטעוועט! פייער! פייער! פייער!...

אָט ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען: די פרוי פון דעם פּרעזידענט פון אונזער קאָנגרעגיישאָן איז פעט, קיין עין הרע, ווי א חזיר, הלואי אויף אַלע אידישע טעכטער געזאָגט געוואָרען! דארום האָט זי גע־מוזט נעביך פערנעהמען צו פיעל פּלאַץ אויף דער באנק, און די אנדערע ווייבער האָבען זיך געמוזט שטיקען. פלטיאל דעם בוטשערס ווייב איז אָבער אויך א אידענע מיט לשון און האָט אויך געוואָלט זיצען. פאַר וואָס קומט דעם פּרעזידענט'ס ווייב פיער פּלעצער? האָט זי געפּרעגט מיט צאָרן... וואָס איז דאָס פאַר א יחוס?

— פאַר יחוס, האָט א געשריי געטאָן די גבאי'טע, צאָהלט מען טייער...

— וואָס זאָגט זי? פייער? האָט א געשריי געטאָן א אידענע אויף דער דריטער באַנק.

— געוואַלט! פייער! האָבען אָנגעהויבען פּישצען, קוויטשען, שרייען, יאָמערען אַלע ווייבער. באלד נאָך דעם האָט מען א געשריי געטאָן אויך אין מאַנזבילשען שטאָל „פייער!” און עס איז געוואָרען א מישינינע, א קאַשע, א געפּילדער, א גערויש, א קוועטשעריי, א שטור־פּעריי, א לויפעריי. וואָס ביי דער טהיר האָט זיך געטאָן, קענט איהר אליין פערשטעהן: מען האָט געשטורכעט, געטראָטען מיט די פיס, געקנאָטען די זייטען. אַלע זיינען געלאָפען רעטען זיך פון פייער. דער שטן איז פאַר שרעק ארייננעשפּרונגען צוריק אין שופר אריין, וועל־כער האָט זיך געוואָלגערט אויפ'ן אַלמעמער, מטטרון האָט זיך בעהאַל־טען אונטער'ן ארון קודש... אוי! און פון אונז אַלע איז געוואָרען א תל. מיר האָט מען צובראָכען דעם האלז און נאַקען און איך בין געבענשט אויף דער עלטער מיט א הויקער, מיין נייען פּרינץ־אַלבערט האָט מען צוריסען פון הינטען ביז'ן קאָלנער, מיין ווייב האָט מען אויסגעלונקען א פּוס און צוגעפּרעסט דעם לונג און לעבער, מיין על־

טערען זוהן איז אין דער צייט פון געפילדער אריין א שמה פון א מחזור אין נאָז אריין אקוראט מיט'ן „וכל מאמינים שהוא", און ער איז געבליבען א פּאַנפּעוואַטער אויף אייביג.

אוי! גאַטעניו, טאַטע פאַטער! פאַר וואָס האָט זיך דיר פערגלוסט אַז דוקא דער איד זאָל שטעהן אין שטאַל און בלאָזען דעם שטן פון שופר? אלס פריידענקער ערלויב איך מיר דיך צו פרעגען, וואָלט דען ניט בעסער געווען, אַז דער איירישער אָדער דייטש־פּאָמפּע זאָל בלאָזען שופר? מיט איין בלאָז וואָלט ער דעם שטן ארויסגעבלאָזען און מטטרון אריין געבלאָזען, און די גאַנצע וועלט וואָלט געווען גליק־ליך און רוהיג. מיין פרינץ־אלבערט וואָלט געווען גאַנץ און מיין יוקעלע וואָלט ניט געווען קיין פּאַנפּעוואַטער...

נו, גהה פרעג קשיות ביי דעם רבונו של עולם!



אַ געשיכטע.

ווי אַזוי דער אידישער קוואַרטאַל איז מיט גאָט'ס הילף בעניית געוואָרען און בעגליקט געוואָרען מיט אַ נייע, שפּאָגעל נייע שוהל.

1.

איהר ווייסט געוויס מיסטער פלאָקען'ס רעסטאָראַן. דאָס איז דער איינציגער אָרט וואו איהר קענט קריגען כשר'ע רומענישע פּלאַ־צינדעס, אמת'ע מאָלדאַווישע מאַמאַליגע, אַ ריינע גלעזעל קאָלאָרא־דער וויין פון... ראָזינקעס, און אַ אינטעליגענטע געזעלשאַפט פון פּעדלערס, גבאים און פּרעזידענטען. מיסטער פלאָקען האָט אַ גרויסען „הינטער־צימער", וואו פערשיעדענע סאָסייטעס, פעראיינען און לאָ־דזשען קענען האַלטען זייערע פערזאַמלונגען... עס איז אפילו אַ ניעד־ריגער און אַ פינסטערער צימער, און אַ חוץ דעם שמעקט דאָרט מיט פוילע קנאָבעל און מיט ניט פרישע זויערע קרויט, — דאָך „מיטען" דאָ שטענדיג אָנשטענדיגע לאָדזשען, געזעלשאַפטען און גלאַט אַזוי שולערס מיט פיינע יונגען... עס אז נאָך ניט געוועזן און עס וועט ניט זיין אין ניו יאָרק אַזאַ רעסטאָראַן, וואו איהר זאָלט קענען זעהן אַזוי פיעל סטאָוו־פייפּס*)—דאָ קען מען זאָגען אָהן אַ גוזמא: וואָס אַ קאָפּ דאָס איז אַ סטאָוו־פייפּ, וואָס אַ סטאָוו־פייפּ דאָס איז אַ קאָפּ... דאָס פערשטעהט איהר שוין אליין, אז קיין בלאַסע געזיכטער און איינגעצויגענע בייכער זעהט מען דאָ ניט — יעדער בעזוכער פון הערר פלאָקענס „מקום מנוחה" מוז זיין רויט ווי אַ בוריק און פעט ווי אַ

*) צילינדער־היט.

געשטאָפּטע אינדיטשקע. דאָ ווייס מען שוין איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז ווער עס האָט ניט קיין ברייטען קאַרק און וועגט ניט קיין 230 פונט, איז אַ דראַנג און אַ טרעמפּ...

היינט קומט פאַר עטוואָס אונגעוועהנליכעס ביי ר' מיסטער פלאַקען אין הינטער צימער... עס איז געווים אַ געהיימע פערזאַמלונג... איינציגווייז גנב'ענען זיך אריין אין צימער פיינע אידען מיט גראָבע בייכער אין גלענצענדע צילינדער־היט, זיי קוקען זיך אַרום פאָרזיכ־טיג... און ווי זיי כאַפּען זיך אריין אין הינטער צימער פערשליסט זיך די טהיר און עס ווערט שטיל... הערר פלאַקען האָט שוין עטליכע מאָל צוגעלעגט זיין אויער צום שלאָס און האָט אָבער געהערט אַ מכה... עס איז אַן אונגעוועהנליכע, געהיימע און וויכטיגע פערזאַמלונג...

פונקט אין דער מינוט האָט זיך געשטעלט אויף זיינע פיס מיסטער קוגעלקייער, אַ וואָהל בעקאַנטער פּראַצענטניק און לענד־לאָרד, און האָט שטיל, גאַנץ שטיל געזאָגט: שמעו נא רבותי! הערט מיך אוים מיינע העררען!...

2.

איהר דאַרפט וויסען, אַז מיט עטליכע טעג צוריק איז אויך גע־ווען אַ וויכטיגער מיטינג... יענער מיטינג איז פאָרגעקומען ניט אין הינטער צימער פון אַ רעסטאָראַן, נור אין אַ ספּעציאַלען מיטינג רום, געלכער געפינט זיך אין בייסמענט פון דער נייער שוהל... איהר ווייסט דאָך אַ שפּאָגעל נייע שוהלכעלע, אַ צאַצקעלע, וועלכע האָט זיך ערשטע אויסגעבויט, וואו עס דאַווענט דער בעריהמטער קאַזיריווער־קער חזן, וואו עס דרש'ענט אַלע שבת דער זעלטענער קאַפּוליוווקער מגיד... די שוהל איז בעקאַנט אונטער'ן נאָמען: טעמפּעל פון הנותן לשכוי בינה.

אָט אין דער שוהל „הנותן לשכוי בינה”, פון אונטען, איז גע־ווען אַ מיטינג פון די „פּראָמינענטע מעמבערס” פון הנותן לשכוי בינה „קאָנגרעגיישען”... אַלע מעמבערס זיינען געווען אויפגערעגט און צו־היצט — עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען זעהר אַ וויכטיגע זאַך. עס איז געווען, פערשטעהט איהר מיך „עלעקשענס” פון די שוהל אָפּי־סערס... מע האָט געדאַרפט אַ פּרעזידענט, אַ וויים פּרעזידענט, טרעזשו־רערס, טראָסטים... יעדער האָט געוואָלט זיין, ווי מע זאָגט סנדק, און

קיינער האָט ניט געוואָלט זיין מציצה... די גרעסטע קאָנו ידאַטען זייִנען געווען פון איין זייט מיסטער קלמן זלמן קוגעלקייער — אַ מאַן וואָס האָט אַן אָפּים מיט דריי גילדערנע „גוליעס” און האָט פיער טענעמענט הייזער... און אַ חוץ דעם איז ער נאָך אַ למדן און לייענט אַ העב־רעאישע צייטונג. פון דער אַנדער זייט איז געווען דער געוויסער עושר ברוך טוביה לאַקשען־שמירער, אַ צדיק פון די ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַ־טען, אַ לענדלאָרד און סאַלון קיפּער... אלס טשערמאַן איז געווען אויסערוועהלט דער רייכסטער פּעדלער פון דאַון טאַון, שמעריל פּאַלעק צימבעלקראַצער, אַ איד אַ בעל הבית מיט אַ בויך פון 400 פונט... אז מיסטער צימבעלקראַצער האָט געגעבען מיט'ן האַמער דריי מאָל אזא קלאַפּ איבער'ן אַלטען טיש, אז אַלע קאַקראָוטשעס און פּריים־לעך וואָס זיינען געזעסען אין די שפּאַלטען, זיינען אַזש טויב געוואָרען, — האָט זיך אויפגעהויבען מיסטער קלמן זלמן קוגעלקייער און האָט געזאָגט:

— רבותי!...

— רבותי, מיר וועלען בענשען! האָט איהם נאָכגעקרימט מיסטער ברוך טביה לאַקעשנשמירער...

— אָט דאָס איז דאָך אין גאַנצען דיין **תורה** מיט דיין לומדות, האָט אַ דונער געטאָן מיסטער קוגעלקייער...

אָרדער! אָרדער! האָבען אָנגעהויבען צו שרייען אַלע מעמבערס. דער טשערמאַן האָט אָנגעהויבען צו באַראַבאַנען מיט'ן האַמער — ער איז געווען אַ גוטער באַראַבאַנשציק נאָך אין ניקאָלאַי'ס צייטען...

— רבותי, האָט געזאָגט מיסטער קוגעלקייער, ווער האָט אייך אויסגעשריבען דעם קאַזיריוּוקער חזן, וועלכער בעהילכט אונזער שוהל מיט זיין אייזערנע שטימע? איך האָב איהם געבראַכט. ווער האָט ארויסגענאַרט פון דער „אנשי בני יוקעל” שוהל דעם האָניג־זיסען קאַפּוליוּוקער מגיד? איך! ווער האָט געשיינקט דעם חזן אַ נייע פּאָל־דינג בעט? איך. ווער האָט געשיקט אַ ברייטען שלח־מנות דעם קאַ־פּוליער מגיד? איך. ווער האָט געשיינקט דעם שמש נאָך כמעט גאָר אַ נייע סטאָוו־פּייפּ? ווידער איך...

— אזא יאָהר אויף דיין באָבע! האָט זיך ווידער אריינגעמישט מיסטער לאַקעשנשמירער... אָרדער! אָרדער! האָבען אַלע אָנגעהוי־בען שרייען...

— ווער האט געגעבען דריי דאלאר צושטייער אויף א היינג־לייכטער? טאקי ווייטער איך... איך בין אן עהרליכער איד און טו דאס אלעס טאקי לשם שמים׳ס וועגען פון דעסטוועגען פאדער איך, אז איהר זאלט מיך „אויסעלעקשענען" פאר פרעזידענט... איך האב דאס פערדיענט כשר, פערדיענט מעהר פון די גראבע יונגען, וועלכע ווייסען ניט מאי דכאמרי רעבעצין און ווילען אויך זיין פרעזידענטען.

דאן האט זיך אנגעכאפט מיסטער טביה ברוך לאקשענשמירער ווי אן אבגעבריהטער און האט געזאגט: א נו! טשערמאן גיב מיר א ווארט!... איך וועל ניט שמירען ווי קוגעלקייער שמירט. איך האב ליעב האקען ווי אין קרויט אריין... ער וויל זיין פרעזידענט? און א מכה אין בויך ווילסט דו ניט?... איך וויל זיין גבאי! אט גיב איך אייך שוין פופציג דאלאר אויף א פרוכת, איך וועל אייך שענקען א נייע רייניגקייט, וועלכע וועט זיין רייגער פון אלע רייניגקייטען, במחילה, און א חוץ דעם וועל איך אייך אלעמען מאכען א וועטשערע מיט ווארעניקעס און פרישען באק־ביער, אז איהר וועט אלע צוזעצט ווערען פרעסענדיג און זויפענדיג...

אלע מעמבערס פון „הנותן לשכוי בינה" האבען געפאטשט „בראווא" און פאר פרעזידענט איז אויסערוועהלט געווארען מיסטער טביה ברוך לאקשענשמירער... בעליידיגט איז געבליבען ניט נור מיסטער קלמן זלמן קוגעלקייער; עס האבען זיך בעליידיגט די אלע, וועלכע האבען געוואלט זיין וויים פרעזידענטען, טראסטים, טרעזשור־רערס. דאן איז ביי זיי געבליבען אז מען טאר ניט שלאפען אין דער זאך און מען מוז ווייזען די אלע גראבע יונגען, אז עס איז נאך דא — יש דין ודיין בישראל!... אט מיט דעם ציעל האבען זיי זיך פערזא־מעלט אין א געהיימע פערזאמלונג ביי מיסטער פלאקען אין הינטער־צימער, און דערפאר רעדען זיי אזוי שטיל — כדי זייערע שונאים זאלען זיך חס וחלילה ניט דערוויסען פון זייערע פלענער און זאלען ניט קאליע מאכען... טס!...

3.

.... שמעו נא רבותי! הערט מיך אויס מיינע הערען! האט גע־זאגט מיט א שטיל און זיס קול׳כעל מיסטער קלמן זלמן קוגעלקייער...

מיר קענען ניט דערלאָזען אז די תורה הקדושה זאָל אזוי בע־שמוצט ווערען און דאָס אידישקייט זאָל זיין צו א חרפה ובזיון... מיר דארפען נאָך ווייזען אז גאָט לעבט נאָך אויף דער וועלט און אז מיר קענען נאָך אָבווישען דעם נאָז יעדען סמאראָוואָז!... מיר מוזען אויסבויען א נייע שוהל!

— א נייע שוהל! א נייע שוהל! האָבען אויסגערופען אַלע...

טש! שרייט ניט!... עס מוז אָבגעמאכט ווערען בסוד... דער־נאָך, אז אַלעס וועט שוין זיין פערטיג, וועלען מיר זיי אונטערטראָגען א נייע שוהל, ווי א פייג אונטער דער נאָז... איהר פערשטעהט!...

— יא! יא! מיר פערשטעהן... וואָס דען?!... דאַן איז אויפגעשטאנען מיסטער לָמך טייפעלפינגער און האָט געזאָגט: „א שוהל וועט זיין... א שוהל דאָס איז שמאָטע... מיר מוזען האָבען א קנאקענדיגען נאָמען... ווי וועט מען רופען אונזער שוהל?...

— איך מיין, האָט געענטפערט מיסטער קוגעלקייער, מען זאָל זי רופען: „בית מקדש מעט“... דאָס הייסט, א ביסעל בית המקדש...

— א ביסעל! איך וועל געבען געלד און וועל זיך רייסען פון דער הויט און ביי אונז וועט נור זיין א ביסעל... אז מאכען דארף מען מאכען א סך!...

— הערר טשערמאַן! האָט געזאָגט מיסטער טרייטעל פידעלקראַ־צער, איך מיין אז עמנואל איז א נשקשה'דיגער נאָמען...

— פי! עמנועל שמעקט מיט רעפאָרמאטישע שוויים... בעסער פון אַלע נעמען איז הללויה!...

דאַן האָט מיסטער שמריה קנעפּעלפליער געזאָגט: מיסטער טשערמאַן, איך וויל שטעהן אויפ'ן פלאָר!...

— שטעהט אויפ'ן פלאָר!..

— איך מיין, אז הללויה האָט אויך א פּנים פון חוזק... דער בעס־טער נאָמען איז: „אנקת מסלדיך קאָנגרעגיישאָן“.

ווי מיסטער שמריה קנעפּעלפליער האָט נור אויסגערעדט דיעזע ווערטער האָבען זיך אַלע מחיה געווען און זיינען שטארק איבערראַשט געוואָרען פון פרייד; די הענט האָבען אליין אַפּלאָדירט, די פיס האָבען געטאָפּעט, די גאָרגעלס האָבען געשריען „בראַוואָ!“... מיסטער פידעלקראַצער איז ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז מיסטער לָמך טייטעל־פינגער... מיסטער קנעפּעלפליער האָט אָנגעהויבען פון שמחה צו

קיצלען מיסטער טעפּעלשטופּער... און אליין מיסטער קלמן זלמן קוגעלקייער איז צוגעלאָפען צו דער טהיר און האָט אָנגעהויבען צו שרייען: מיינט ניט אַז דער נייער פּרעזידענט קען ניט אַזוי טראַקטירען ווי טבקע לאָקשענשמירער! סעי! מיסטער פּלאָקען! ביער! וויין! פּלאַצינדעס! מאמאליגע!... עס לעבע די נייע קאָנגרעגיישען! עס לעבע די מסלדיך קאָנגרעגיישאָן!...

אָט דערפון האָט זיך אָנגעהויבען און דערפון האָט זיך אויסגעבויעט די נייע שוהל פון אנקת מסלדיך קאָנגרעגיישען!...